STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09982

KUNST

Broder Christiansen

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בראָדער קריסטיאַנסען

קונסט

די פילאָסאָפיע פון קונסט

אידיש פון א. גלאַנץ

פאַרלאַג די הײם
ניו יארק.

ליטאַטיווע פאַרוואַנדשאַפט. די ערשטע באַשטימען סיי די פאַרווירקליכונג גופא, סיי דעם כאַראַקטער פון דעם פאַרווירקליכונגס־אַקט. דעריבער הענגט פון זייער אָרדנונג אָפּ איין באַשטימטער באַדינג פונ'ם ווערט און די נאָר וואָס אנגעוויזענע גרופּירונג. אבער וואָס פאַר אן איינפלוס האָט די קוואַליטאַטיוו פאַרוואַנדשאַפט אויף דעם ווערט? לאָמיר זיך דערמאָנען, אז די שטימונג־אימפּרעסיעס קאָנען זיין ענליך איינע אויף דער אנדערער, אפילו ווען זייער אָפּשטאַמונג איז העטעראָגעניש און ניט פאַרגלייכבאַר: די איינדרוקען פון פאַרבען און טענער אָדער געריישען, גערוכען, באַרירונג, באַוועגונג. לאָמיר אויך געדענקען, אז זיי אלע זענען פון זייער זייט ענליך אויף די איינדרוקען פון רעאַלע אָביעקטען, אָדער פון דעם מאַטעריאַל, אָדער פון די דיפערענציאַלע שפּירונגען. אָבער אויב די העטעראָגענישע פאַקטאָרען שטעהען אין א פאַרהעלטעניש פון ענליכקייט צווישען זיך, און אויב אין דער ספערע פון אן איינצעלנעם פאַקטאָר זענען פאַראַן טיפע אונטערשידען פון ווערטע, דאַן וועלען אָט די אונטערשידען אַריבערגעטראָגען ווערען אויך אויף אַנדערע פאַקטאָרען, מחמת זיי וועלען ענליך זיין אָדער אויף עפּעס, וואָס איז ווייניגער ווערטפול אָדער אויף עפּעס, וואָס איז מער ווערטפול. מיר האָבען דיפערענצירט די עמפּירישע און מעטאַפיזישע וועלטען אלס די ספערען, וואו עס ווערען פונאַנדערגעוויקעלט די זינליכע און עטישע דראַנגען. אָט דער אונטערשיד צווישען א העכערער און נידעריגער וועלט מוז — א דאַנק דער קוואַליטאַטיווער פאַרוואַנדשאַפט — איבערגעהן אויף דעם גאַנצען רייך פון די שטימונג־אימפּרעסיעס. איינדרוקען, וואָס זענען אנטשטאַנען פון די פאָרמען אָדער פון די אייגענטימליכקייטען פון דעם מאַטעריאַל, אָדער פון די דיפערענציאַלע עמפּינדונגען, קאָנען א דאַנק דער קוואַליטאַטיווער פאַרוואַנדשאַפט אָפּקלינגען מיט א דערמאָנונג אָן דער העכערער אָדער נידעריגער ספערע. און לויט דעם, וואָסערע איינדרוקען עס קריגען די אויבערהאַנט אין דעם גאַנצען עסטעטישען אָביעקט, גיבען זיי אים צו א פאַרשידענע שטופע פון דערהויבענקייט, מאַכען זיי אים פאַר עמפּיריש אָדער מעטאַפיזיש.

אפילו אין דעם פאַל, וואו דאָס ווערק אנטהאַלט ניט קיין שום

געגענשטאנדליכעס אין זיך, און דער עסטעטישער אביעקט פארמאגט ניט קיין שום געגענשטאנדליכען באוואוסטזיין — ווי, למשל, אין דער מוזיק — איז די פארם אליין אימשטאנד צו באשטימען די הויך. הערענדיג בעטהאווען׳ען אדער א גאסען־קאטערינשטשיק וועלען מיר זיך אין צוויי פארשידענע וועלטען. דערבפון נעמט זיך עס, וואס אויך אין דער פלאסטישער קונסט באשטימט דער פארגעשטעלטער געגענשטאנד נאך וויט ניט די הויך פון דעם ווערק. די פארמען קאנען אריבערוועגען און אפשיקען דאס גאנצע אין אן אנדער ספערע.

אין דער לעבענס־אקטיוויטעט איז א באשטימטע ספערע פון רעאלקייט שטענדיג פארבונדען מיט א באשטימטער פארם פון פאר־ווירקליכונג. יעדערער פון די אלגעמיינע גרונד־דראנגען ווערט כאראק־טעריזירט דורך א באזונדער מין פארווירקליכונגס־אקט, און ווערט באשטימט דורך איינער פון די צוויי וועלטען. אין דער עסטעטישער איבערלעבונג, פארקערט, איז די פונאנדערוויקלונג פון דעם דראנג בלויז א שיינבארקייט און איז דורכאוים ניט קיין זעלבסטבאשטימונג, וואס קימט פאר אונטער דעם געגענשטאנדליכען איינפלוס. דערפאר זענען דא די פארם פון פארווירקליכונג און די ספערע פון פונאנדער־וויקלונג ניט דוקא פארבונדען צווישען זיך. די אפקלאנגען פון דער געגענשטאנדליכער וועלט קאנען זיך בלויז הערען אין דער פארוואנד־שאפט פון די עמאציאנעלע אייגענשאפטען, און זי ווערט קיינמאל ניט קיין ריכטשנור פון דער טעלעאלאגישער אנטוויקלונג. מען קאן דענקען וועגען פיר מעגליכקייטען פון זייער באגעגעניש, אין וועלכע די צוויי ספערען — די נידריגערע און די העכערע — קרייצען זיך דורך מיט צוויי פארמען פון פארווירקליכונג: מיט א הארמאנישער און מיט אזא, וואס אנטהאלט אין זיך א קאנפליקט. דערפון זענען געדרונגען פיר מאדיפיקאציעס פון דעם עסטעטישען, און אויב דער אקט פון פארווירקליכונג וואלט געווען גענוג, וואלטען מיר פאר זיך געהאט פיר גרופען פון עסטעטישע ווערטען. געוויס, מיט קונסט אין דעם געוועהנליכען זין פון ווארט, פארנעמט מען זיך אויף אלע פיר געביטען.

שפּעטער ווע‍לען מיר פונדעסטוועגען מוזען, אונטער דעם איינפלוס פון געוויסע באַטראַכטונגען, באַגרעניצען דעם באַגריף פון קונסט.

אין דעם ערשטען מאָדוס בלייבט דער אָביעקט אין דער נידעריגערער ספערע און דער כאַראַקטער פון דער פאַרווירקליכונג איז דערזעלבער, ווי אין דעם לעבענס־דראַנג. די ווערק פון אַט דעם מין זענען לייכט צו פאַרשטעהן, באַזונדערס דערפאַר, וואָס זיי האָבען ליב אַנצואווענדען דעם הערהאַנישען רייץ פון די זינליכע פאָרמען, די עלעגאַנץ פון דעם געגענשטאַנדליכען אָדער די קאָנצענטראַציע און קראַפט פון די שטימונג־אימפּרעסיעס. דאָס איז די זאַנפט־פאַרנאַרענדע קונסט: טריוויאַלע אידיליע, זיסקייט, באַגרעניצטע זעלבסטצופרידענקייט און אַלעם דאָס, וואָס דער צו קונסט פרעמדער המון פילט און געפינט אוממיטעלבאַר אַלס שעהן און שטימונגספול.

די צווייטע גרופּע: דער אָביעקט איז אין דער נידעריגערער ספערע, אָבער די פאָרם פון פאַרווירקליכונג איז פון אַ העכערען דראַנג. די שטרעבונג, וואָס איר צעשפּאַלטענקייט ווערט ניט גלייך באַמערקט, צעטיילט זיך אין דעם מאָמענט פון פאַרווירקליכונג די מער נאַטירליכע פון די צוויי טענדענצען, די וואָס איז די הויפּט־טרעגערין, די נויטווענדיגע, ליידט אַ נידערלאַגע און העלפט דערמיט דעם טריאומף פון דער אַנדערער. אויף אַט דער פּלאַץ ליגען די צאַלרייכע אַרטען פון דעם קאָמישען, וואָס מאַכען אָפט אַן איינדרוק מיט זייער אומערוואַרטקייט, און מיט דעם „האַ־גו“ פון דער שמ:ציגער און גראָבער נידעריגקייט. אַט איז, למשל, די געוועהנליכע סכעמע פון דעם קאָמיזם פון ווערטער: מען שטעלט אַ געוויסע פראַגע, מיר ערוואַרטען אַ שכל'דיגען ענטפער, אָבער אין דעם ענטפער געפינען מיר תחילת קיין שום זין, קיין לאָגיק און קיין אמת. דער ענטפער שיינט צו זיין זינלאָז. אָבער פּלוצלינג שווימט אַרויס אַז אַנדער זין, אויף וועלכען עס ווייזט אָן די באַדייטונג פון די ווערטער, און בלויז אין דעם זיג איבער דער לאָגיק באַקומט אַט די באַדייטונג פון די ווערטער אַ באַזונדערען, רייכען זין. קלאָר, אַז דאָס קאָמישע באַשטעהט ניט אין דעם אומזין פון דעם דירעקטען פאַרשטעהן, נאָר

אין דעם, וואָס מיט דער פאַרשווינדונג פון דעם לאָגישען זין ווערט מעגליך דער צווייטער. די נידערלאַגע פון דער לייטענדער טענדענץ פאַרזיכערט דעם נצחון פון דער צווייטער. אומזין אַז און פאַר זיך פאַרמאָגט ניט קיין קאָמיזם. אַז אַפּגענאַרטע ערוואַרטונג, ווען עפּעס, וואָס האָט זיך אין פאָראויס ערקלערט אַלס באַדייטענד, ווערט פּלוצלינג פאַרוואַנדעלט אין גאָרנישט — איז נאָך אַז און פאַר זיך ניט קאָמיש. מען האָט געפּרואווט צו דעפינירען דאָס קאָמישע אַלס די פאַרוואַנדלונג פון דער ערוואַרטונג אין גאָרנישט. אָבער דאָס איז בלויז איין העלפט; וואָס איז נאָך ניט גענוג. אַ מענש מעג ניט פאַרשטעהן, אין וואָס עס באַשטעהט דער וויץ, און דאָך קלאָר זעהן, אַז עס פעלט דער ערוואַרטער זין; אים האָט זיך בלויז נאָך ניט אַנטפּלעקט דער נייער זין. מיר האָבען שוין אָנגעוויזען ביי דער ערשטער דיפערענצירונג פון די מאָדוסען, אַז די ווערטער־גרופּע מיט אַ צעשפּאָלטענער פאָרם פון פאַרווירקליכונג שטעלט מיט זיך ניט פאַר קיין אינערליכע האַמאָגענישקייט. דערפון נעמט זיך די גרויסע צאָל מינים פון דעם קאָמישען, וואָס פירט אַזוי לייכט צו פאַלשע דעפיניציעס. אַפּטמאָל שטרייכט מען שטאַרקער אונטער דעם אונטערגאַנג פון איין זיך אַרויסגעוויזענער טענדענץ, אַפּטמאָל דעם זיג פון אַן אַנדערער פאַראַן, אויב איר ווילט, פאַלען, וואו די פאַרוואַנדלונג פון דער ערוואַרטונג אין גאָרנישט ווייזט זיך אויס אַלס דאָס וויכטיגסטע, אָבער עס זענען אויך, פאַרקערט, פאַראַן פאַלען, וואו דעם ענדגילטיגען זין ווערען אַרויסגעשטעלט פאַרשטאַרקטע פאָדערונגען, און וואו מען וויל אין דעם רעזולטאַט קריגען דעם אינהאַלטליכען אמת. אָבער אַפּוועגנדעדיג זיך פון אַט די אונטערשידען אין אַקצענט, געפינען מיר שטענדיג אין דעם פונדאַמענט דיזעלבע סכעמע: דעם אונטערגאַנג פון דעם ערוואַרטען זין, און די ערשיינונג פון אַן אַנדערען, וואָס איז באַדינגט דורך דעם ערשטען.

אָדער לאָמיר נעמען אַ קאַריקאַטור: מען דאַרף אויסמאָלען דעם פּאָרטרעט פון עפּעס אַ פּנים און מיר ערוואַרטען אַן ענליכקייט — פאַרשטעהט זיך אַן ענליכקייט פון דער געשטאַלט אָדער פון׳ם איינדרוק. דאָך פעלט די ענליכקייט באַשיינפּערליך. גיכער זעהען

קונסט

מיר די העסליכסטע אומענליכקייט, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען. אבער אין אט דער ממשות׳דיגער אפּווענדונג נעמט מען באמערקען אז ענליכקייט פון אן אנדער מין. אנשטאט דעם אנשוויליכען, וואס מיר ערווארטען, נאטירליך, פון דעם פּארטרעט, איז פאר אונז עפּעס אבסטראקט־אידעאישעס. געוויסע שטריכען זענען ארויסגעכאפּט און אונטערגעשטראכען אויפ׳ן חשבון פון אנדערע, און וואס נענטער דער אריגינאל איז בארירט, אלץ רייצענדער די קאריקאטור. אויב אונזער ערווארטונג פון אן אנשוויליכער ענליכקייט ווערט פארוואנדעלט אין גארנישט, איז אבער ניט דאס — דער באדייטענדסטער און לעצטער מאמענט אין דעם פאל. דא איז דאס וויכטיגסטע — די ערשיינונג פון דער אידעאישער ענליכקייט אויפ׳ן ארט פון דער ערשטער, און דער באוואוסטזיין, אז גראד די דאזיגע גראבע און פאראויס געפּלאנטע אפּנייגונגען זיינען נויטווענדיג, כדי איפּצוכאפּען דעם אריגינאל פון אזא אומערווארטער זייט. דא האבען מיר די זעלבסטאויפּאפּערונג פון דער נאטירליכער טענדענץ צו ענליכקייט, וועלכע קומט אום, כדי צו זיגען אין אן אנדער געשטאלט.

מען זאגט, אז קאמיזם און הומאר באפרייען. און דאס איז אמת; זיי באפרייען אויף אן אויגענבליק פון דער ענגשאפט פון לעבען, אבער בלויז אויף אן אויגענבליק. קיין אמת׳ע דערהויבונג גיבען זיי פונ־דעסטוועגען ניט. דאס ערשטע ווערט קלאר פון דעם פּראצעס פון דער איבערלעבונג, וואס איז אנאלאגיש צו דער אנטוויקלונג און פאר־ווירקליכונג פון דעם עטיש־העראאישען אינסטינקט. דאס צווייטע ווערט ערקלערט דורך דער נידעריגער ספערע פון די איינדרוקען. די באפרייאונג, וואס ווערט געשאפען דורך דעם קאמישען געלעכטער, איז ענליך אויף דעם פליגלען־שוואונג ביי א הון, וואס קאן זיך באין אופן ניט אויפהויבען פון דער ערד.

בלויז דער הומאר דערהויבט. ער איז אבער ניט א באזונדערע ארט פון דעם קאמישען. נאר א געמישטע פארם; ער איז א צענויפ־פלעכטונג פון דעם קאמישען מיט יענע ווערטען־מאדוסין, וועגען וועל־כע מיר וועלען באלד רעדען. זיי גיבען דאס דעם הומאר די פעהיגקייט אויפצוהויבען אונזער גייסט.

בראָדער קריסטיאַנסען

דער דריטער מאָדוס ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די אָפּקלאַנגען פון דער העכערער רעאַלקייטס־ספערע אין דער קאָמבינאַציע מיט אַ פאַרווירקליכונגס־פאָרם, וואָס איז פריי פון קאָנפליקט. ער כאַפּט אַרום דאָס זוניגע, קלאָרע, פרייע, וואָס נאָר אַ גרויסע קונסט קאָן באַשאַפן. דאָס שעהנע אין דעם העכערען זין פון דעם וואָרט, די שטראַלענדיגע איבערשטאַלטונג פון דעם לעבען. ער פאַלט צוזאַמען מיט ניטשע׳ס „אַפּאָלאָנישען“, כאָטש ניט אויף אַזוי פיל, אַז מיר זאָלען זיך קאָנען באַנוצען מיט דעם אויסדרוק. ניטשע איז גערעכט אויך דאָ, ווען ער טייטשט אויס דאָס אַפּאָלאָנישע אלס די פאַרגעטליכונג פון דעם לעבען, און ווייזט פון דער אַנדער זייט אָן אויף דעם דיאָניסיש־פאַרבאָרגענעם יסוד פון דעם שעהנעם; דערמיט צייגט ער, אַז ער זעהט דעם געמיש פון דעם העטעראָגענישען אין דער שיינבאַרער האַרמאָניע פון „דער אין זיך פאַרשלאָסענער זעליגקייט“. אומזיסט זעצט אָבער ניטשע דאָס אַפּאָלאָנישע אין אַ צו ענגער פאַרבינדונג מיט דעם בילדליכען כאַראַקטער פון דער קאָנטעמפּלאַציע און פאַנטאַזיע, שטעלענדיג עס דערביי אַנטקעגען דער מוזיק. אין דער אמת׳ען איז אָט דער מאָדוס פונקט אַזוי וועניג פרעמד דער מוזיק, ווי דאָס דיאָניסישע איז פרעמד דער פּלאַסטישער קונסט.

דער פערטער מאָדוס: דער אָביעקט געהערט צו דער העכערער ספערע, די פאַרווירקליכונגס־פאָרם איז לויט׳ן טיף פון דעם עטיש־העראָאישען דראַנג. זייט ביי זייט מיט דער ריינער שעהנקייט זעהט דאָס אויס שטרענג. די פאַרשידענע שטופען פון דיסאָנאַנס אין דער פאַרווירקליכונג ברענגען צו אַ פאַרשידענאַרטיגער דיפערענצירונג: די שטרענגע קראַפט ווערט ביסלעכווייז פאַרמילדערט און פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ ווייכער, פאַרקלערטער בענקשאַפט אָדער וואַקסט אויס צו אַ טראַגישער מעכטיגקייט. אויב די הויך פון דער דערגרייכטער אָביעקטיווער שטופע ווערט דערביי שטאַרקער אונטערגעשטראָכען, איידער דער דיסאָנאַנס פון דער פאַרווירקליכונג—אָבער אויך זיין באַטייליגונג איז נויטווענדיג — דאַן האָבען מיר פאַר זיך דאָס, וואָס ווערט באַצייכענט אַלס ערהאַבען. אויב דער טראָפּ פאַלט אויף דעם מאָמענט פון זעלבסטפאַרלייקענונג דאַן באַשאַפט זיך אַ פאַרבאָרגענער אָדער

אומבאגרעניצטער מין פון וואקסישעז, וואו עס הערשט א פלאמענדע התלהבות פון אייגענער פארניכטונג. די פארוואנדשאפט פון אט די אלע מאדיפיקאציעס איז אומבאשטרייטבאר. וועגען דער אורזאך פון זייער פארשידענארטיגקייט האבען מיר שוין פריער דערמאנט. דאס דיאניסישע פון ניטשע׳ן אנטשפרעכט דעם דאזיגען מאדוס, עס פאלט אבער ניט איננאנצען צענויף מיט אים. דער דאזיגער אויס־דרוק פאסט זיך שלעכט צו געוויסע ערשיינונגען פון אט דער גרופע. מיר דארפען אויך אפרייניגען ניטשע׳ס באגריף פון דעם מעטאפיזישען פעסימיזם, בכלל פון דעם שאפענהאוערישען עלעמענט, דאן אויך פון זיין אוממיטעלבארער אנווענדונג צו דער מוזיק.

די פלאסטישע קונסט טרעט ניט צוריק פאר דעם דיאניסישען פרינציפ. דאס באווייזט דאס וואונדערבארע ווערק אין דער גראפיק, וואס ווערט צוגעשריבען אנטאניא פאלאיאולא׳ן, און וואס איז בא־קאנט אונטער׳ן נאמען „דער קאמף פון נאקעטע מענער“.

מיר האבען ערקלערט די עסטעטישע איבערלעבונג אלס די שיינ־בארקייט פון דעם דראנגס פונאנדערוויקלונג און מיר האבען געזעהן, אז דער ערשטער באדינג פון דעם ווערט באשטעהט אין דעם, אז די באוועגונג זאל זיך ענדיגען מיט דער *פארווירקליכונג* פון דעם *דראנג*. דערפון האבען מיר געדרונגען פיר גרופען פון מעגליכע מאדיפיקאציעס. דער פאקט, וואס זיי אנטשפרעכען, ווייזט אויס, דער אלגעמיין אנגענומענער צעטיילונג, באשטעטיגט אונ־זער אויסטייטשונג. ביי אונז בלייבט אבער נאך אפען די פראגע, צי אט דער באדינג פון ווערט איז דער איינציגער און גענינגענדער; צי מען דארף דעריבער אט די אלע מאדוסען באמת צורעכענען צו דער קונסט, אדער צי מען דארף באגרעניצען דעם געברויך פון אט דעם ווארט און די מיט אים פארבונדענע ווערטען דורך באשטימטע גרופען. דאס האט צו טאן ניט בלויז מיט דער טערמינאלאגיע. פארשטעהט זיך, אז מען קאן יעדען אויסדרוק באנוצען אין אזא אדער אן אנדער

זין, לויט א ריין־ווילקירליכער דעפיניציע. אבער הינטער אט דעם אויסדרוק שטעהט א פראגע, וואס איז נאך אלץ ניט געלייזט:

צו וואס דארפען מיר די קונסט? צו וואס טויגען אונז די קינסטלער?

דער ענטפער אויף אט דער פראגע באשטימט, וואס עס געהערט דער קונסט און וואס ניט. ער באשטימט אויך דעריבער די ענדגיל־טיגע באדינגונגען פון דעם עסטעטישען ווערט. דער דאזיגער ענטפער קאן אבער אונז באפרידיגען בלויז אין דעם פאל, ווען ער העלפט אונז פארשטעהן אלס העכערס דאס, וואס מיר עמפינדען אין דער קונסט אלס העכערס.

צו וואס דארף מען די קונסט?

ווען פאר אונז געפינט זיך א פארענדיגט ווערק פון וועלכען עס איז מין, דאז איז לייכט צו פארשטעהן, ווי אזוי מען קאן זיך מיט אים באנוצען, און דאן אויך ווי אזוי מען באנוצט זיך טאקע מיט אים. אויף וואס טויגען, אלזא, די קונסט־ווערק, אין וואס פאר א געברויך מאכט מען פון זיי אין דער ווירקליכקייט? אויף אזא אופן וועלען מיר געפינען דעם ענטפער אויף אונזער פראגע. עס איז אבער דא אן אנדער מיטעל: צו ווענדען די אויפמערקזאמקייט דערויף, צו וואס יים שטרעבט דער שאפער אין זיין ווערק; אויפצודעקען דעם מאטיוו פון זיין שאפען און אויפצוקלערען וואס פאר א פאזיציע עס זוכט פאר זיך דער קינסטלער אינמיטען פון דעם קולטורעלען גאנצען? דער ערשטער אופן געהט ארוים פון דעם אויפפאסענדעי סוביעקט; דער צווייטער — פון דעם שאפענדען.ביידע דארפען זיך צוזאמענ־קומען אין איין געמיינזאמען פונקט.

אויף וואס טויג א קונסט־ווערק?

ווען מיר גיבען זיך שוויינענדיג אפ דער אויפרעגונג, וואס א ווערק רופט ארוים און עס ציט אונז מיט אויפ׳ן וועג צו דעם געווינשטען סוף, לעבען מיר לייכט און אהן ווייטאג איבער עפעס, וואס איז ענליך דערצו, גלייך מיר וואלטען אליין אקטיוו געשטרעבט און מיט דעם אייגענעם קאמף ערארבערט דעם זיג. די קונסט גיט אונז אהן מי די פרייד פון גליקליכען שאפען. זי פארבייט דאס שאפען פאר דעם,

קונסט

וואס באטייליגט זיך אליין ניט אין אים. די קונסט האט זאגאר דעם פארצוג איבער אייגענעם שאפען דערמיט, וואס זי פירט אונז זיכערער צום ציל. און כאטש די קונסט איז איינגעהילט אין א בלייכען שלייער פון ניט־רעאלקייט קאן פונדעסטוועגען דער קינסטלער, אויב ער איז נאר א מייסטער פון זיינע פארמען, צענויפזאמלען, ווי די שטראלען אין א ברענגלאז, אלע עמאציאנעלע פאקטארען אין איין פונקט, און דערגרייכען א הויכען גראד פון עפעקט. די קונסט, אלס סוראגאט פון דער אייגענער טעטיגקייט, איז, אלזא, נוצליך פאר מידע, אדער פארשלאפענע גייסטער, אדער, ווי מען זאגט געוויינליך: איר ציל קאן זיין צו צערשטרייען, געבען רו, אז אנגענעמען צייט־פארטרייב. דער דאזיגער מעגליכקייט אנטשפרעכט אויך די ווירקליכע באנוצונג פון קונסט. מיט דעם אויסנאם פון יענע בעל־תאוה'ניקעס, וואס גראבען ארויס די העדאנישע עלעמענטען און פאר'שכור'ען זיך מיט זיי, זוכען די מערסטע מענשען אין דער קונסט און קריגען פון איר איינס: צעשטרייאונג, רוה, די קונסט איז — א פארוויילונג און א שפיל. אט דאס פאדערען צעשטרייאונגען ליגט ארויף א כאראק־טעריסטישען שטעמפעל אויף דעם מאדערנעם טעאטער, אויף דעם קאנצערט־זאל, אויף די בילדער־אויסשטעלונגען. וואס מער אלערליי זאכען, וואס א שנעלערער איבערבייט פון אלערליי נייאיגקייטען! קיין שום קונסט־מין בליט ניט אזוי רייך, ווי דער לייכטער ראמאן.

לאמיר איצט באטראכטען די פראגע פון דער צווייטער זייט. לאמיר זיך פרעגען: וואס ווילען די קינסטלער, צו וואס פאר א ציל שטרעבען זיי אין זייער ווערק? מיר וועלען געפינען, אז אין פילע פאלען קאן קיין צווייפעל ניט זיין אין דער הארמאניע צווישען זייערע כונות און די פארלאנגען פון דעם פובליקום. דאס יאגעניש פון די קינסטלער נאך געלט און נאך רום ערקלערט אט די פאראויסבאשטימטע הארמאניע. אויב מען זאל דעפינירען דעם ארט פון דער קונסט און דעם קינסטלער — ארויסגעהענדיג פון אט די באטראכטונגען — איז די גרעניצען פון דעם קולטורעלען גאנצען, וואלט מען געמוזט זאגען, אז זייער אומנות באשטעהט אין דעם זארגען זיך דורך די סוראגאטען פון אקטיווקייט פאר צעשטרייאונג; זיי דארפען פאריאגען די לאנג־

ווייל אין די מידע אין ליידיגע שעה'ען פון די מענשען, וועלכע קאָנען ניט אָדער ווילען ניט אַרבייטען, אָדער וואָס ה אָ ב ע ן ניט קיין אַרבייט. אין אַט דער הינזיכט איז די קונסט אַ דאַנק דער פּריווילעגיע פון בילדונג אַוועקגעשטעלט אין זעהר גינסטיגע באַדינגונגען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ענליכע פאַרוויילונגען און אַמוזירונגען.

איך דענק, אָבער, אַז אַט דער ענטפער קאָן אונז ניט באַפרידיגען, מחמת ער ערקלערט אונז ניט דאָס העכערע אין דער קונסט. אויב אַלץ וואָלט זיך בלויז געהאַנדעלט אום פאַרוויילונג, וואָלטען ניט זעהר הויך געשטאַנען ניט האָלביין, ניט דירער, ניט פידיוס, ניט דזשאָרדזשאָנע און ניט וואַן־עיק; ניט ליבערמאַן און ניט טאָמאָ. איך גלויב, אַז אין אונז לעבט, כאָטש אומקלאָר, אַן אַנדער באַגריף וועגען דער ווערדע און וויכטיגקייט פון העכערער קונסט. מחמת עס איז דאָ אַ קונסט, וואָס כאָטש זי נעמט אין זיך ניט אריין קיין רעליגיעזע מאָטיווען, דערנענטערט זי זיך דאָך צו רעליגיע. וואָלט דאָס דענקבאַר געווען, אויב די קונסט וואָלט געוואָלט זיין בלויז אַ שפּיל און אַ פאַרוויילונג ?

זאָל מען ניט איינווענדען מיט דער ערקלערונג: קונסט איז אַ זעלבסטציל. זי איז זיך זעלבסטגעניגענד, ווערט געגעבען און אָנגענומען צוליב איר אַליין. איך האָב ניט בדעה צו מאַכען די קונסט פאַר אימיצענס אַ דינסטמויד, ניט פון דער וויסענשאַפט, ניט פון רעליגיע אָדער עטיק. זי איז גלייכבאַרעכטיגט און שטעהט זייט ביי זייט מיט אַט די טעטיגקייטס־ספערען פון דעם מענשליכען גייסט. די פראַגע באַשטעהט טאַקע אין דעם, ווי מען זאָל פאַרשטעהן איר עצם. אין וועלכען זין איז קונסט אַ זעלבסט־ציל ? אין וואָס פאַר אַ זין געהט זי אריין אין דעם קולטורעלען גאַנצען ? עס האַנדעלט זיך דאָך טאַקע אום דעם צו דעפינירען די קונסט אלס זעלבסטציל. פאַרשטעהט זיך, אַז די פעהיגקייט גופא צו באַהערשען אַ פּינזעל, אַ שטאָם־אייזען אָדער אַ בליישטיפט דעפינירט זי נאָך ניט. זי צו דעפינירען מיינט משיג צו זיין איר אימאַנענטישען ציל.

אַ מאָדנע זאַך פּאַסירט אָבער מיט די ציל־באַגריפען. אין דער וויסענשאַפט זענען מיר געוואוינט זיך צו ווענדען צו די פאַקטען ביי

יעדער שווערינקייט. ביי די ציל־באַגריפֿען אבער איז דער ענטפֿער אויפ׳ן סמך פֿון די פֿאַקטען ניט אַלע מאָל ריכטיג. די פֿאַקטען זאָגען, אַז די מעגליכקייט פֿון דער קונסט צו פֿאַרווײַלען איז אויך איר ציל. און דאָך באַנוגענען מיר זיך ניט דערמיט. געוויס, ניט דערפֿאַר, ווײַל מיר פֿאַראַכטען פֿאַרווײַלונג און רו, נאָר דערפֿאַר, וואָס לויט אונזער מיינונג, קאָנען זיי אין דער ריינער קונסט זיין ניט מער ווי זייטיגע, אָדער גאָר אומגעוועצליכע צילען. ווען מיר זאָלען זיך ווענדען צו די פֿאַקטען מיט דער פֿראַגע וועגען דעם ענדציל פֿון דער וויסענשאַפֿט, וואָלטען מיר געקאָנט באַקומען אַן ענליכען ענטפֿער. אויך דאָ זענען פֿאַראַן אַ סך מענשען, וואָס געהען צו מיט אַזאַ מין ציל צו אַ בוך, און עס זענען געווען פֿאַראַן אַזוינע, וואָס שרייבען זייערע ווערק פֿאַר ליידיג־געהענדע פּוילענצער. און דאָך וואָלטען מיר זיך געפֿילט ניט באַפֿרידיגט פֿון אַזאַ מין ענטפֿער.

מען וועט אונז אפֿשר זאָגען: דאָס וואָס ציט דעם קינסטלער איז די פֿרייד פֿון שאַפֿען געשטאַלטען און פֿאָרמען, די שטרעבונג צו באַשאַפֿען עפּעס, וואָס זאָל זיין אַ טייל פֿון דער ווירקליכקייט, ווי די נאַטור, דאָס ווילען זיך פֿילען אַלס שאַפֿער. אָט די מאָטיווען אַנט־פּלעקען אָן שום ספֿק וויכטיגע אַנרעגונגען פֿאַר דעם שאַפֿען. זיי האָבען אבער מיט דער קונסט גופֿא קיין שייכות ניט. אָט דאָס באַשאַפֿען פֿאָרמען און געשטאַלטען בלויז צוליב דער פֿרייד פֿון שאַפֿען טרעפֿט מען אויך ביי דילעטאַנטען, וואָס פֿאַרשטעהען אפֿשר גאָרנישט אין קונסט. פּונקט ווי דאָס פֿאַרגעניגען צו קאָמבינירען און שפּילען זיך מיט די זונדערבאַרע אייגענשאַפֿטען פֿון ציפֿערען, אָדער פֿון צייכענען געאָמעטרישע פֿיגורען איז נאָך ניט מאַטעמאַטיק — עס קאָן פֿירען צו איר — אַזוי איז אויך דאָס שאַפֿען בילדער און פֿאָרמען צוליב דער פֿרייד, וואָס דאָס גיט, נאָך ניט קיין קינסטלעריש שאַפֿען.

אָדער אפֿשר איז דער אויסערליכער רעזולטאַט פֿון דעם שאַפֿען, דאָס קונסט־ווערק, טאַקע־דער לעצטער סטימול? אָבער דאָס אויסער־ליכע איז בלויז אַ מיטעל עפּעס צו פֿיקסירען, עפּעס אַרויסצוזאָגען: פֿאָלגליך קאָן דאָס ניט זיין דער ענדציל. אמת, דאָס ווערק דינט ניט בלויז דערצו, כדי עפּעס מיטצוטיילען אַנדערע, ווי מען באַהויפּט

בראַדער קריסטיאַנסען

אַפּט. דער קינסטלער שאַפט עס אויך פאַר זיך: ער שאַפט עס, כדי צו געפינען אין אים עפּעס אַן אָפּענבאַרונג. דאָס וואָס ער דריקט אויס ווערט, נאַטירליך, געבוירען אין אים גופא; דאָך שאַפט ער קודם כל, כדי אין דעם ווערק זאָל זיך עפּעס אים אַנטפּלעקען. ווען עס איז נאָך געווען פאַרשלאָסען אין אים, האָט ער ניט געקאָנט אַרומכאַפּען זיין גאַנציגקייט אפילו אין דער רוהיגער קאָנטעמפּלאַציע פון איין אויגענבליק. אין זיין שאַפונג זאַמעלט עס זיך צענויף פון צעריסענע שעה'ען אין איין גאַנצעס. די אינספּיראַציע, די ערשטע אהנונג פון דעם גאַנצען איז געווען אומקלאָר, און ערשט ביי דער אַרבייט איבער דעם ווערק ווערט עס פאַרענדיגט, גלייכט זיך אויס, און בלויז פאַרענדיגטערהייט ווערט עס ממשות'דיג פאַר דעם קינסטלער גופא. ער קאָן זיין באַוואוסטזיניג, אַז אים האָט זיך ניט איינגעגעבען צענויפצוזאַמלען אַלץ, וואָס האָט זיך געטראָגען אין די רמזים פון דער אינספּיראַציע. ביי אַלעם דעם איז אָבער אין דעם ווערק שטענדיג פאַראַן מער ווי דאָס, וואָס ער האָט אהן אַט דעם ווערק איבערגעלעבט אין זיך. עס מאַכען א טעות די, וואָס מיינען, אַז דער קינסטלער טראָגט אין זיך עפּעס פאַרטיגעס, און דאָס אויסערליכע ווערק איז בלויז אַ מיטעל מיטצוטיילען עס אַנדערע. פריער איז אין אים ניט געווען קיין איין שעה, וואָס זאָל האָבען געטראָגען פאַרטיגערהייט דאָס, וואָס עס אַנטפּלעקט זיך איצט אין דעם ווערק. און דאָך איז דאָס אויסערליכע ווערק ניט מער, ווי אַ מיטעל פאַר דעם וואָס לעבט אויף און אַנטפּלעקט זיך אין אים. און ווען דעם קינסטלערס שאַפונג האָט איר אויפגאַבע ערפילט פאַר אים אַליין, גיט ער זי אַוועק, לאָזט זי איבער אויף דעם בראַט פון פרעמדע מענשען און דעם צופאַל. ער ווענדט זיך צו נייעם שאַפען, וויל שוין ווידער עפּעס אַנדערש, נאָך עפּעס, וואָס דרעמעלט שטיל אין אים, וויל אויך אַט דאָס צווייטע אַנטפּלעקען פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין.

דאָס ווייזט אונז דעם באַוועגענדען מאָטיוו פון דעם קינסטלערישען שאַפען. די אַרבייט איבער די פאָרמען צוליב דער אַרבייט אַליין איז נאָך ניט קיין קונסט, און דאָס ווערק איז בלויז אַ מיטעל אין זיין אויסערליכער עקזיסטענץ. דערפאַר מוז די קונסט דינען אַן אימאַנענטען

קונסט

ציל און דעפינירען זי קאן מען בלויז דורך דעם זין פון דעם ווערק. דורך דעם, וואס עס ווערט אין אים אנטפלעקט. אלס דעם באוועגענדען מאטיוו פון שאפען מוז מען אנערקענען די שטרעבונג אויפצודעקען אין דעם ווערק א טייל פון דעם אייגענעם אינערליכען לעבען, וואס אנדערש. אהן דעם דאזיגען ווערק, קאן מען אים ניט ארומכאפען מיט איין בליק און אין דער גאנצער פולקייט. אין דעם מענש דארף זיין עפעס, וואס גארט נאך זעלבסט-אנטפלעקונג און וואס די קונסט קאן זיין די אנטפלעקונג פון אט דעם עפעס. וואס זשע איז עס אזוינס, וואס נויטיגט זיך אין דער קונסט, כדי צו געפינען זיך אליין, און וואס דערגרייכט ניט קיין זעלבסטדערקענטעניש אן דער הילף פון קונסט?

מיר האבען אנגעוויזען אויף דער צווייאינקייט פון דער מענשליכער נאטור. מיר האבען געזעהן די ברייט פונאנדערגעוואקסענע סיסטעם פון די לעבענס-אינטערעסען, וואס אנטוויקעלט זיך פון קינדווייז אן אויף אלע פארשידענארטיגע געביטען פון לעבען, די עמפירישע ווירקליכקייט, וואס ווערט פארגעשטעלט אלס אביעקט און אלס ווידערשטאנד פאר דער האנדלונג. אין אט דער ווירקליכקייט ליגט דער עמפירישער „איך“. וואס געפינט זיך אליין, דער „איך“, וואס ווערט שטענדיג באטראכט אלס דער צענטער פון יעדער ווירקליכקייט. ער איז א שטענדיגער „דא“ אין פארגלייך מיט די איבעריגע רעאלע אביעקטען, און דער שפיץ פון די לעבענס-צילען. אבער צוזאמען מיט אט דער סיסטעם איז פאראן א צווייטע סיסטעם פון א דראנג, וואס שטרעבט אין אן אנדער זייט, און וואס ווייזט זיך אקטיוו ארויס אין דעם, וואס מיר באצייכענען אלס עטיש און הערואיש — ביי די העלדען זעהט מען דאך אם קלארסטען די אויטאנאמישע עטישקייט. און דאס געגענשטאנדליכע, וואס זיין רעאלקייט ווערט באוויזען דורך דעם דאזיגען

דראַנג, און וואו עס וויקעלט זיך פונאַנדער די עטישע טעטיגקייט, וואו זי געפינט אירע צילען — דאָס איז די איבער־עמפּירישע, די מעטאַפיזישע וועלט. דער עטישער פּרינציפּ מאַכט פון דעם לעבען א מיטעל און דערמיט באַהויפּט ער זיך אלס דאָס העכסטע און ענד־גילטיגע, אין די מעטאַפיזישע רעאַליטעט — אלס די לעצטע און אבסאָלוטע. אַבער אַט די געגענזייטיגע פאַרהעלטעניש פון די ווער־טען איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער געגענזייטיגער פאַרהעלטעניש פון די כחות פון ביידערליי דראַנגען. דער עטישער פּרינציפּ איז צופיל צענויפגעפלאָכטען געוואָרען מיט די באַדערפענישען פון לעבען. וואָס האָט פון קינדווייז אָן, דורך דער באַשאַפונג פון דער געוואוינהייט און פון דער נייגונג, פאַרכאַפּט די אָרגאַנען פון אקטיוויטעט. און דער מענש, איינגעשמידט דורך די לעבענס־געוואוינהייטען, קוקט מאַכטלאָז אויף דער אומפאַרווירקליכבאַרקייט פון זיינע ענדגילטיגע ווערטען און האָפנונגען. בלויז ביי ווייניגע פירט אָט דער קאַמף צו יענעם זיג, ביי וועלכען די פאַרלאַנגען און די האַנדלונגען זענען אין איינקלאַנג מיט די ווערטען. ביי ס׳רוב מענשען ווייזט זיך דאָס עטישע ארויס בלויז אויף אַן אַפּגעריסענעם, צופעליגען אופן. אַפּגע־ריסען בלייבט דעריבער אויך ביי זיי די אַנונג פון דעם טראַנסצענדענ־טאַלען. אמת, אַנשטאָט דעם ליגט מען אונז פאַר א פאַרטיגען מוס־טער פון אַ העכערער רעאַליטעט: די רעליגיע; זי איז אַבער מער־סטענטיילס צו ווייט פאַר דער ווירקליכער אַנטוויקלונג פון דעם עטישען פּרינציפּ און זי ווערט דעריבער ניט באַשטעטיגט דורך האַנדלונגען. דאָס מיינט, אז זי פאַרמאָגט איינענטליך ניט דעם באַדינג פון דער מעגליכקייט צו גלויבען. חוץ דעם פאַלט זי אויך ניט צענויף מיט דער פערזענליכער ערפאַרונג.

ווי מיר זאָלען ניט זיין אריינגעטאָן אין דער האוועניש פונ׳ם לע־בען, און ווי מיר זאָלען ניט דערשטיקען אין זיך דאָס עטישע געפיל, בלייבט עס שטענדיג אלס אַן אומרוהיגע דערמאַנונג. די באַפרידיגונג פון דעם טירישען און סאָציאַלען לעבען גיט אונז ניט קיין רו. דער מענש זוכט א זין און א העכערען ווערט פאַר׳ן לעבען. דאָס איז ניט צוליב מורא פאַר דער יענזייטיגער וועלט, מיט וועלכער מען דאַרף

קונסט

זיך פארזיכטיג רעכענען, נאר צוליב דער ניט באפרידיגטקייט מיט דעם לעבען — ווי עס איז. ער מאכט ניט שלום מיט דער נויטיגקייט צו שלעפען זיינע יארען און שטארבען, ווי א חיה. עס מוז זיין עפעס העכערס, פאר וועלכען דאס לעבען זאל בלויז זיין א מיטעל און דורך וועלכען עס זאל באקומען א העכערען ווערט. אבער די מעגליכקייט אריינצוקוקען אין דער וועלט פון אידעאלען, וואו עס ליגען די ענדגילטיגע צילען, לייכט אויף בלויז ווען דער דראנג קאן זיך פריי אנטוויקלען. דער שמאכטענדער איז נאך ניט קיין העלזעהער. ער פילט אן אומרו און וויים פארט ניט, וואס ער וויל, וויים ניט וואס באוועגט אים.

און אט קומט די קונסט און ווייזט דעם מענש דעם וועג צו זיך אליין. אין איר, אין אט דער קונסט, וואס קאן זיין א פארוויילונג פאר פוילענצער, און פאר פילע איז זי מער ניט ווי ד א ס , ליגט אויך אן אנדער מעגליכקייט : זי קאן פאר דעם מענש ווערען די זעלבסטאנטפלעקונג פון דעם אבסאלוטען. אוןביידע מעגליכקייטען באזירען אויף דעם זעלבען : אויף דעם עצם פון דעם עסטעטישען אביעקט. די קונסט וויקעלט כלומר'שט פונאנדער דעם דראנג אין א שיינבארער וועלט און פירט צו שיינבארע צילען. דאס קאן זיין א שפיל, אבער עס קאן זיין אויך עפעס גרעסערס. ווען די קונסט דערהויבט אונז, מאכט אונז גלויבען, אז מיר לעבען אין עפעס א העכערער ספערע פון זיין, זענען מיר, אמת, באוואוסטזיניג, אז דאס איז א שיינבארקייט. די קונסט גיט אונז אין דער אמת'ען ניט קיין אידעאלען און ניט קיין האנדלונגען. מיר ווייסען, אז מען פירט אונז, אז מיר גיבען זיך שטילשווייגענד אפ. ווען עס קומט די ענד, האבען מיר ניט קיין נייעם גלויבען, און מיר ווייסען ניט, וואס מיר זאלען טאן. אונז האט זיך אויסגעוויזען, אז מיר האבען עס יא געוואוסט, אבער עס איז געווען אן אפנארונג. אין אט דעם אפנארערישען שפיל זענען מיר אבער אהן ספק משיג איינס : ז י ך א ל י י ן. מיר האבען זיך דערנענטערט צו זיך. אינמיטען פון דעם שיינבארען בלייבט דאס פאלגענדע ווירקליך און אמת'דיג : א ז א ב י ן א י ך . א ל ס א ז ו י נ ע ם ז ע ה א י ך ז י ך א ו ן פ י ל , א ז

בראַדער קריסטיאַנסען

פאַר מיר באַדייט אַט די איבערלעבונג אַ דערהויבונג און אַ דערגרייכונג. איך געפין און דערקען מיין בענקשאַפט, מחמת אין דער שיינבאַרער וועלט לעב איך קאַנקרעט איבער דאַס, וואַס וואַלט זי געקאַנט שטילען. איך געפין דאַס, וואַס וואַלט געקאַנט געבען אַ זין דעם לעבען: צו זיין טעטיג אין אַ ספערע, וואַס איז ענליך צו יענער, וואוהין עס טראַגט מיך אַוועק די קונסט. אין דער שיינבאַרער האנדלונג, וואַס איבער דער אָפּשפּיגלונג פון דעם אידעאַלען ביז איך משיג יענעם „איך“, וואַס איז פאַרבאַרגען הינטער דעם עמפּירישען.

און אין אַט דעם, דאַכט מיר, ליגט דער באַרוף פון דעם קינסטלער: אויסצולייזען די נשמה פון די פּענטעס פון לעבען און געבען אַ שטים דעם שווייגען אין אונז, כדי מיר זאָלען עס דערהערען, און כדי מיר זאָלען זיך פאַר זיך אַליין אַנטפּלעקען. די קונסט קאָן אונז ניט געבען דאָס, וואַס מיר זוכען אומזיסט אין דער רעליגיע. די קונסט קאָן אונז ניט פאַרבייטען דאָס עטישע שאַפען. איר געפאַר באַשטעהט אין דעם, וואַס מען קאָן זי מיסברויכען פאַר דעם דאָזיגען ציל. די קונסט אַנטפּלעקט אויך ניט די וועלט פון זאַכען אין זיך, ווי עס האָט זיך אימיצער אויסגעדריקט וועגען מוזיק. זי גיט בלויז אַ שאָטען און אַן אָפּבילד פון דער ווירקליכקייט און פון דער טאַט. זי עפענט אונז אָבער אָהן נאַרעריי אונזער אייגען וועזען.

די קונסט — אַלס זעלבסט־אַנטפּלעקונג פון דעם אַבסאָלוטען אין דעם מענש. אויב מען זאָל, אַרויסגעהענדיג פון אַט דער מעגליכקייט, באַטראַכטען די פון אונז געדרונגענע מאָדוסען פון דעם עסטעטישען, וועלען זיי איינשליסען זיך אין אַן אַרויפשטייגענדער ריי שטופען. וואָס בלויז די העכערע פון זיי וועלען קאָנען באַפרידיגען דעם שטרענגערען באַגריף פון קונסט. די ערשטע שטופע: די זעלבסטגעניגונג פון דעם עמפּירישען לעבען, וואָס זוכט ניט קיין שום העכערען זין און וואָס פאַרמאַכט די אויגען אין אַנגעזיכט פון דער דאָזיגער פראַגע.

די צווייטע שטופע: די פונאנדערוויקלונג פון דעם העכערען דראנג אין דער נידעריגערער ספערע. זי רעדט וועגען דעם העכערען בלויז, כדי עס אראפצושלעפען. געלעכטער גיט פונקט אזא פרייהייט, ווי דער סקעפסיס; איבער אים הויערט א קראנקהייט, וואס איר נאמען איז „ניין“. און אלץ, צו וואס ער רירט זיך צו, ווערט אן אפלייקענונג. עס ווייזט אונז בלויז די אומפולקאמענהייט פון דעם עמפירישען. אבער ער געפינט נים קיין וועג צום פאזיטיווען. אבער נאך דעם געלעכטער קומט די דריטע שטופע — דאס שעהנע. דאס לעצטע דערהויבט דאס לעבען צו אן אידעאל, דערפאר איז עס דער פולשטענדיגער היפוך פון די ערשטע צוויי שטופען און באדייט די פארגעטליכונג פונ׳ם לעבען. די פערטע שטופע פארענדיגט די איבערווינדונג פון דעם לעבען אין דעם דיאנאנישען פרינציפ, אין דעם ערהאבענעם, אין דעם טראגישען, און איז די ענדגילטיגע זעלבסט־דערקענטעניש פון דעם אבסאלוטען אין דעם מענש.

ווען מיר ווילען די קונסט פארשטעהן אין אט דעם זין, און נים אלס א פשוט׳ען פארוויילונגס־שפיל, וועט צו דעם ערשטען, שוין אנגעוויזענעם באדינג פון דעם עסטעטישען ווערט צוקומען א צווייטער, א וויכטיגערער. און דאס איז: די אנאלאגיעם פון דעם געגענשטאנדליכען אין דעם עסטעטישען אביעקט, וואס הענגען אפ אן די אייגענשאפטען פון די שטימונג־אימפרעסיעס, דארפען אנטשפרעכען דער העכערער ווירקליכקייטס־ספערע. דערפאר טאקע איז אפטמאל א קליינער פראגמענט גענוג צו באשטימען דעם קינסטלערישען ווערט פון א ווערק, ווייל אין אים ווייזט זיך שוין אויף א געניגענדען אופן ארויס דאס ערהאבענע אדער נידריגע אין דעם ווערק.

דאס, וואס די מיסטיקער האבען געגארט צו זעהן אין זייערע עקסטאזען און בעת זיי האבען זיך פארטיפט אין די טיפענישען פון זייער „איך“, דאס באשאפען די קינסטלער און לייגען עס פאר יעדערען, וואס איז זיי נאהענט לויט׳ן גייסט. זיי רעדען אבער וועגען דעם נים אזוי, ווי מען רעדט וועגען זאכען, וואס אימיצער האט געזעהן און וואס מען וויל איבערגעבען אנדערע. ניין, די קינסטלער גיבען דיר די געלעגענהייט צו כאפען א קוק אין דער טיף פון דעם

בראָדער קריסטיאַנסען

אייגענעם „איך“. זיי געפינען כסדר אויס אַלץ נייע אָפּבילדער — די קונסט איז טאַקע דערמיט אומערשעפּליך, וואָס זי נויטיגט זיך בלויז אין אָפּבילדער און ניט אין דער ווירקליכער וועלט, און אפילו ניט אין די פאָרמען פון ווירקליכקייט. און עס איז דאָ איין געמיינזאַמעס אין אַלע אָפּבילדער פון דער קונסט: זייער ווירקונג און פאַרווירקליכונג פליסען אין יענער ספערע, וואו עס געפינט זיך דער ציל פון דיינע ליידענשאַפטליכע שטרעבונגען. אָבער דער, וואָס איז טעטיג אין אַט די אַלע אָפּבילדער, כאָטש אויף א שיינבארען אופן, אָבער פאָרט רעאַל, אַלס אַ מענש, וואָס פאָדערט פאַר זיך אָט די טעטיגקייט פון דער סאמע טיף פון דעם גייסט — **דאָס ביזטו אַליין**.

IV.

מטיל.

פאר דעם, וואס האט נאכגעפאלגט די ליידענשאפטליכע באמי־ הונגען פון אונזער צייט צו באשאפען זיך אן אייגענעם סטיל, איז זיך מסמא אנטשטאנען איין פראגע, וועלכע עס איז לייכטער צו שטעלען איידער צו פארענטפערען: צו וואס דארף מען דעם סטיל, און פאר־ וואס נויטיגט זיך יעדער דור ז י י ן באזונדערען סטיל? פאר וועמען איז נויטווענדיג דער מאדערנער סטיל: פאר די קינסטלער אדער פאר דעם פובליקום? אדער אפשר איז דאס ניט מער ווי די אייטעלקייט פון דער צייט, וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע אריינצוגעהן אין דער געשיכטע דוקא אונטער איר אייגענעם הערב?

פאר דער אויפפאסונג פון דער קונסט האט די מאדערנקייט פון דעם סטיל, זעהט אויס, ניט קיין וויכטיגע באדייטונג. מיר פאר־ שטעהען און מיר קאנען אפשאצען די ווערק פון די פארשידענסטע און וויטסטע עפאכען; און איך האלט אויך ניט, אז עס איז באוויזען, אז מיר זענען ווייניגער עמפינדליך צו זיי, ווי די דורות, וואס האבען זיי באשאפען. די ווערק פון די אלטע סטילען קאנען איבערראשען ביי דער ערשטער באגעגעניש — יעדעס מאל דארף מען גובר זיין אט די דערווייטערטקייט פון אונז. עס קאן אבער זיין, אז אויך פאר זיינע מיטצייטלערס זענען זיי ערשינען אלס ניט ווייניגער וואונ־ דערליך. דער מאדערנער סטיל, זעהט עס אויס, איז ניט קיין באדינג פון ווערט, ווייל דער ווערט פון א ווערק פארבלייבט אויך אריבער די גרעניצען פון זיין צייט, יעדענפאלס קאן ער זי איבערלעבען. גע־ ווים, עס פאסירט, אז קונסט־ווערק ווערען אלט, דאך נעמט זיך דאס ניט דוקא פון דער פארענדערליכקייט פון דעם סטיל. דאס איז, ווי מיר האבען שוין אויבען געוויזען א רעזולטאט פון דער פארשווינדונג פון געוויסע דיפערענציאלע אייגענשאפטען, וואס זיינען געווען פאר־ בונדען מיט קורץ־דויערענדע געוואוינהייטען. מיט זייער פארלוסט

ענדערט זיך אויך דער עסטעטישער אָביעקט, דאָס ווערק קאָן ניט מער פאַרשטאַנען ווערען אין דעם זין, ווי עס איז פאַרטראַכט געוואָרען.

איז דער מאָדערנער סטיל נויטווענדיג פאַר דעם קינסטלערישען שאַפען? און דאַרף ער זיין אַן אָבליגאַטאָרישע נאָרם? אָבער מיר פאָדערען דאָך ביים קינסטלער אַ פריי אָריגינעל שאַפען. אָדער אפשר באַפרייט דער מאָדערנער סטיל די כחות פאַר'ן שאַפען? מיר באַמערקען, אַז די שאַפונגס-דרייבע עפּאָכע האָבען שטענדיג זייער אייגענעם סטיל: וואָס איז דאָ פאַר אַ פאַרבינדונג? איז דער סטיל פון דער עפּאָכע אַ סימפּטאָם און אַ רעזולטאַט? אָדער ער איז אַ „פריאוס" ד. ה. ע ר באַפרוכפּערט עס די עפּאָכע? צי קריגט ער אזוי שנעל, ווי ער איז אַנטדעקט, די באַלעבענדע קראַפט פון אַ מאַגישער פאָרמולע? אָבער מיר באַמערקען אויך, ווי שנעל עס ווערט פאַרקנאַכערט דאָס שאַפען פון די עפּיגאָנען: עס איז אַ קוואַנטימאַטיוו-אויסגעוואַקסענע פּראָדוקציע אָהן שום אינערליכען ווערט. צי קאָן מען ניט אַננעמען, אַז דער מאָדערנער סטיל איז שולדיג אין אַט דעם פאַלען, אַז מיט זיין צוואַנג און מיט זיין כאַראַקטער פון אַן אויסערליכען געזעץ בינדט ער די אָריגינעלע שעפּפערישע כחות און באַפרייט דערפאַר דעם וועג פאַר דער מענגע, וואָס האָט ניט קיין באַחוף? טראָגט אַט דער סטיל דעם כאַראַקטער פון העטעראָנאָמיע, אָדער איז ער אַן אַנטוויקלונג פון דעם אויטאָנאָמישען?

אָבער אפילו צו דעפינירען, וואָס עס מיינט דער סטיל פון אַן עפּאָכע איז ניט קיין גרינגע זאַך. אמת, געוויסע סמנים פון אַט דעם באַגריף וואַרפען זיך גלייך אין די אויגען. קודם כל באַמערקען מיר אַ געוויסע איינאַרטיגקייט פון שאַפען, וואָס ווייזט זיך אָפּט אויסערליך אַרויס. צווייטענס פאָדערט זיך, אַז אַט דאָס אויסערליכע זאָל אויך זיין ניי. אָבער אַט די באַשרייבענדע סמנים זענען ניט גענוג. ווען די מאַניער פון עפּעס אַ באַקאַנטען קינסטלער זאָל — ווי עס פּאַסירט אָפּט — אַ דאַנק איר ערפאָלג געפונען נאָכאָמערס, און ווען אַט די נאָכאָמונג גיט איר צו אַ ביז אַ געוויסען גראַד אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וועלען דאָך אונזערע ביידע באַדינגונגען זיין פאַרווירקליכט. אויך די אייטעלקייט פון דעם דור וואָלט געפונען אַ באַפרידיגונג: ער וואָלט

באַקומען זײַן אײגענעם צײכען אין דער געשיכטע פון קונסט. און
דאָך װעט דאָס ניט דוקא זײַן דער סטיל פון דער עפּאָכע. דער דאָזי־
גער מין קונסט װעט אפשר בלױז כראָנאָלאָגיש געהערען צו זײַן עפּאָכע,
אָבער אינערליך װעט ער מיט אים ניט זײַן פאַרבונדען. דאָס דעקט
פאַר אונז אױף דעם דריטען כאַראַקטעריסטישען סמן, װאָס איז אײגען
דעם סטיל פון אַן עפּאָכע: ער דאַרף זײַן באַדינגט ד״רך דעם אײנ־
האַלט פון דעם אַנטשפּרעכענדען דור. און אָט דער סמן איז װיכטיגער,
װי אַלע אַנדערע.

אַנשטאָט דעם, זאָגט מען אױך אַזױ: דאָס קונסט־װערק דאַרף
זײַן דער אױסדריקער פון דעם געגעבענעם דור. מיט אָט דעם פאָסטו־
לאַט האָט מען אַפילו געמײנט צו באַשטימען די קונסט און אירע װער־
טען. אַז דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, ניט ריכטיג, באַװײזען יענע
שאַפונגען פון די לעצטע יאָרצענדליגער, מיט װעלכע מיר שעמען זיך
איצט. זײ זענען אָהן ספק אַ ריכטיגע אָפּשפּיגלונג פון זײער צײט,
אָבער נאַטירליך ניט קײן קונסט. פאַר דער פּראָבלעם פון סטיל
הױבען זיך טאַקע דאָ אָן די שװעריגקײטען. אױף װאָס פאַר אַן אופן
און װעלכע עלעמענטען פון דעם אינהאַלט פון דער עפּאָכע דאַרפען
װירקען אױף די קונסט־װערק, כדי צוצוגעבען זײ דעם כאַראַקטער
פון דער עפּאָכע׳ס סטיל? איך װעל גלײך אױפ׳ן אָרט אַרױסזאָגען
אין אַ קאָנקרעטער פראַגע, אום װאָס עס האַנדעלט זיך: דאַרף די
קונסט האַרמאָנירען מיט דעם ד״ר אין דעם זין פון זײַן, דעם דור׳ס,
ריכטיגע אָפּשפּיגלונג, אָדער אַלס זײַן דערגענצענדער קאָנטראַסט?
רעדענדיג בילדליך: אױב דער כאַראַקטער פון דעם דור איז רױט,
װאָס װעט זײַן דער סטיל פון דער עפּאָכע: רױט אָדער גרין? װערט
אָט דער סטיל באַדינגט דורך דער מיטצײטליכער אָדער ניט־מיט־
צײטליכער ריכטונג? פאַר פילע קלינגט אפשר אָט די פראַגע מאָדנע,
װײַל זײ פאַראײנפאַכען זיך דאָס זעה־פעלד מיט די פאַרביגע גלעזער
פון אַלערלײ טעאָריעס: מיט דער טעאָריע פון דער סביבה און פון
דעם דיאַפאַזאָן. שפּעטער װעלען מיר אַנװײזען די רעכטמעסיגקײט
פון אונזער פראַגע און מיר װעלען אַנצײכענען דעם װעג צו איר לײזונג.
אָבער לאָמיר איצט אָננעמען, אַז די דאָזיגע פראַגע איז געלײזט.

בראָדער קריסטיאַנסען

האָבען מיר נאָך אַליין ניט פאַר זיך דעם פולען אַנאַליז פון דעם באַגריף „דער סטיל פון דער עפּאָכע“. דער אויסדרוק פון דער עפּאָכע — מיר האָבען שוין אָנגעדייט דערויף — קאָן אויך זיין ניט קיין קונסט, אויך קיין סטיל ניט. מיר האָבען נאָך ניט די הויפּט־דעפיניציע פון דעם וואָרט „סטיל“ גופא. דער סטיל פון דער עפּאָכע קאָאָרדינירט זיך מיט אַנדערע אָפּשטאַמונגען פון דעם זעלבען גרונד־וואָרט. מיר רעדען וועגען דעם סטיל פון אַן איינצעלנעם קינסטלער, וועגען זיין יוגענדליכען און עלטערליכען סטיל, וועגען דעם סטיל פון פאַרשידענע פעלקער, וועגען דעם סטיל פון דעם מאַטעריאַל, און וועגען דעם סטיל פון דער טעכניק. וואָס מיינט „סטיל“ אין אַט די קאָמבינאַציעס? דאָן זאָגען מיר פשוט: אין אַט דעם ווערק איז פאַראַן סטיל. דערביי קריגט, זעהט אויס, דאָס וואָרט עפּעס אַ באַזונדערע באַדייטונג, אַ ווייניגער אויגענשיינליכע. וועגען אַט דעם אַלעם זענען נויטיג ערקלע־רונגען.

די אומענליכקייט פון די פאַרשידענע סטיל־באַגריפען דריקט זיך נאָך אויס אין פאָלגענדען: אַנטשיידענדיג די פראַגע וועגען דעם, צי דאָס ווערק האָט וועלכען עס איז סטיל בכלל, באַשטימען מיר זיין ווערט, כאָטש די פראַגע וועגען די אייגענטימליכקייטען פון דעם סטיל, צי דאָס ווערק געהערט, למשל, צום ראָקאָקאָ אָדער באַראָקאָ־סטיל, איז אָפטמאָל בלויז אַ פראַגע פון פשוט'ע קלאַסיפי־קאַציע, און דורכאויס ניט פון אומבאַדינגטער אָפּשאַצונג. ווען מען זאָגט: דאָס ווערק האָט סטיל אָדער דאָס ווערק האָט ניט קיין סטיל, דריקט מען דערמיט אויס לויב אָדער טאַדעל. סטיל אין אַט דעם זין איז אַ באַדינג פון עסטעטישען ווערט — ניט קיין גענינגענדער, נאַטירליך, און ניט אַזאַ, וואָס רירט אָן די ענדגילטיגע קונסט־קרי־טעריומס. אויך טריוויאַלע זאַכען קאָנען פאַרמאָגען סטיל, און פון דער אַנדער זייט, פאַרלירען ניט די גרעסטע ווערק זייער ווערט צוליב געוויסע חסרונות אין סטיל. דער לעצטער איז, אויף אַזאַ אופן, אַזאַ באַדינג פון ווערט, וואָס קאָן ערפילט ווערען ניט אין אַ גלייכען גראַד.

א געוויסע סטיליסטיק איז נויטווענדיג, אבער אפילו איר פולקאָמענסטע דערגרייכונג באוואָרענט ניט דעם עסטעטישען ווערט.

אין אַלגעמיין גענומען, באדייט דער סטיל אַזאַ קאָאָרדינאַציע פון די פאַרשידענע פאַקטאָרען פון דעם ווערק, ביי וועלכע קיין איינציגער שטערט ניט דעם אַנדערען, וואו איטליכער העלפט דעם צווייטען אין דער פאַרווירקליכונג פון זיינע אויפגאַבען און וואו עס קומט פאַר די קאָאָפּעראַציע פון אַלע פאַקטאָרען אין דעם גייסט פון דעם גאַנצען. די ווירקונג פון דעם סטיל — ווי אויך גלייכצייטיג זיין ציל — איז דעריבער פון אַ צווייפאַכען מין. ערשטענס — אויסצומיידען דיסהאַרמאָניע. אויב די עלעמענטען זענען ניט קאָאָרדינירט, אַנטשטעהט אַן אָרדנונגסלאָזע בונטקייט, גלייך ווי עטליכע שטימען וואָלטען גערעדט מיט אַמאָל, ניט הערענדיג איינס ס'אַנדערע. אין אַזאַ פאַל איז דער סטיל אומבאַדינגט נויטיג. צווייטענס איז ער נויטיג, כדי צו פאַרשטאַרקען די אַלגעמיינע ווירקונג, די קראַפט פון איינדרוק.

שוין אין דער צ ע ט י י ל ו נ ג גופא פון די פונקציעס, אין דעם אויפבוי פון איין איינציגער טעלעלאָגישער באַוועגונג דורך פאַרשידען־קלינגענדע עלעמענטען איז נויטווענדיג אַ קאָאָרדינירטקייט. רעדענדיג אָבער וועגען סטיל האָט מען באַזונדערס אין זינען די א י ד ע נ ט י ש ק י י ט פון די פונקציעס: די פילפאַכיגקייט פון גלייכע אָדער ענליכע שטימונגען, די ווידערהאָלונג פון דיזעלבע מאָטיווען. דערביי פאַרשטאַרקט דער פּאַראַלעליזם אָדער געוויסע איינצעלנע מאָמענטען פון דער טעלעאָלאָגישע ריי, אָדער די גאַנצע באַוועגונג, אַלס אַזוינע. אויף אַזאַ אופן ווערען די איינדרוקען שטאַרקער און געדיכטער.

די מעגליכקייט פון סטיל ווערט באַדינגט דורך דער פאַרוואַנדשאַפט פון די עמאָציאָנעלע אייגענשאַפטען. און אַזוי ווי די פאַרוואַנדשאַפט פון שטימונגען איז מעגליך אויך צווישען פאַרשידענאַרטיגע פאַקטאָרען, נעמט די סטיליסטישע איינהייט אין זיך אַריין אַלע מאָמענטען, אַלץ איינס צי זיי זענען האָמאָגעניש אָדער העטעראָגעניש צווישען זיך. די באַדינגונגען פון איינהייט זענען אויגענשיינליכער אין דעם האָמאָגענישען, דערפאַר וואַרפט זיך דאָ די איינהייט

לייכטער אין די אויגען. ווען די צ ע ט י י ל ו נ ג פון די פונקציעס קומט פאַר הויפּטזעכליך אין דער ספערע פון דעם האַמאָגענישען, רעדט מען אין אַזאַ פאַל וועגען אויסגעהאַלטענקייט. אין דער אַבסאָלוטער מוזיק פליסט די טעלעאָלאָגישע באַוועגונג דורך האַמאָגענישע פאָרמאַלע עלעמענטען; אין דער דראַמע און אין דעם עפּאָס בלייבט די אַנטוויקלונג געוויינליך באַגרעניצט אין דעם קרייז פון דעם געגענשטאַנדליכען; פאַרקערט — אין דער ליריק פליסט די באַוועגונג אַלטערנאַטיוו: צווישען די עלעמענטען דאָ פון דער פאָרם, דאָ פון דעם אינהאַלט. אָבער אַזאַ צומישונג איז געזעצליך אומעטום. סיי אין דעם עפּאָס סיי אין דער דראַמע קאָנען שטאַרקע פאָרמאַלע אָדער דיפערענציאַלע איינדרוקען פאַרבייטען די רעאַלע מאָטיוואַציע פון די געשעהענישען. מען האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז די אויסגעהאַלטענקייט איז אַ נויטווענדיגער באַדינג, אַז די צעטיילונג פון די פונקציעס דאַרף דורכגעפירט ווערען אין אַ האַמאָגענישער ספערע. דאָס, גלויב איך, איז נישט ריכטיג. זאָל נאָר די איבערלעבונג פון דעם אָביעקט ניט פאַרלירען די אינערליכע אויסגעהאַלטענקייט, נויטיגט זיך די לעצטע ניט אין קיין אויסערליכען אויסדרוק.

אָבער אויך די פונקציאָנעלע אידענטישקייט, וועגען וועלכער מען טראַכט אין דער ערשטער ליניע, רעדענדיג וועגען סטיל, ווערט ניט באַגרעניצט דורך דעם האַמאָגענישען, און קאָן דורך אים ניט באַגרעניצט ווערען. ניט בלויז די ליניעס דאַרפען אַנטשפּרעכען די ליניעס און די פאַרבען — די פאַרבען; אי דאָס ערשטע אי דאָס אַנדערע דאַרפען אַנטשפּרעכען דעם שפּיל פון ליכט און דער פּערספּעקטיוו און אַלץ צוזאַמען — דעם פאַרגעשטעלטען געגענשטאַנד און דעם מאַטעריאַל. אין דעם האַמאָגענישען זעהט מען די פּאַראַלעליזמען בלויז קלערער אַלס ווידערהאָלונג אָדער אַלס וואַריאַציע פון איין און דעם זעלבען מאָטיוו: דאָס צוריקקערען זיך פון דיזעלבע לינישע עלעמענטען, פון דיזעלבע באַוועגונגען, פון דיזעלבע אַנשטרענגונגען, דיזעלבע טאַקטען, דיזעלבע פערזען, דיזעלבע סטראָפען, דיזעלבע פאַרבען־אַקאָרדען, דאָס ווידערהאָלען זיך פון דערזעלבער מעלאָדישער טעמע און אירע וואַריאַציעס, דער פּאַראַלעליזם אין דעם סוזשעט, דער

פאראלעליזם פון די כאראקטערס, די ווארִיאציע פון די עטישע אידעען. די פונקציאנעלע אידענטישקייט אין די ראמען פון אן אלגעמיינער האמאגענישער פארם האט זיך אלעמאל געווארפען אין די אויגען ווי א כאראקטעריסטישער סמן פון קונסט און פון סטיל. דעריבער נעמט מען אט די אידענטישקייט לייכט אן פאר א וועזענטליכען עלעמענט פון סטיל און עס ווערט באשאפען א מין העטעראנאמישער באגריף פון סטיל. אזא מין באגריף איז זיכער ניט גענוג, מחמת פאר דעם סטיל איז וויכטיג אויך די קאארדינירטקייט פון די העטעראגענישע עלעמענטען, אבער פאר דער קינסטלערישער פראקטיק האט דאס דאזיגע אן אומגעהויערע באדייטונג: דער סטיל ווערט באשטימט דורך דער אויסערליכער איינארטיגקייט פון דער זינליכער פארם. די געשיכטע פון קונסט פארשטעהט אויך דעם סטיל אויף אזא צו אויסערליכען אופן און האט דעריבער ניט קיין באקוועמען אביעקט פאר א וויסענשאפטליכער באארבייטונג.

דאס געפיל פאר סטיל ווערט פארשטאנען אין אן אקטיווען און א פאסיווען זין: ערשטענס — אלס דעם קינסטלערס פעהיגקייט צו באשאפען די גאנצקייט פון סטיל, באזונדערס אלס דינער חוש, וואס טרעפט, וועלכע מאמענטען מען דארף פארשטארקען אין דעם געגעבענעם ווערק מיט דער הילף פון פאראלעליזמען און אין וואס פאר א גראד דאס איז נויטיג. צווייטענס אלס די עמפינדליכקייט פון דעם, וואס פאסט אויף די קונסט אין באצוג צו די דיסאנאנסען פונ׳ם סטיל. איןביידע זינען באדייט דאס געפיל פאר סטיל ניט קיין *אלגעמיינע* באציהונג פון דעם סוביעקט צו קונסט, נאר גיכער זיין ספעציאליזאציע, און דערפאר איז זיין ראפינירטקייט ניט גלייך אויף די פארשידענע קונסט־געביטען. דערין איז ניטא קיין שום זונדערבארעס, ווי עס קאן זיך אין פלוג אויסווייזען. דאס געפיל פאר סטיל ווענדט זיך, זעהט אויס, אן דער עמפינדליכקייט צו דער שפראך פון פארמען, מחמת די איינהייט פון סטיל ווערט דערגרייכט ניט אזוי דורך דער אונטערשטרייכונג פון די לייכט באמערקבארע, אויסערליכע איינארטיגקייטען, ווי דורך דעם צוזאמענקלונג פון די שטימונגען. די עמפינדליכקייט צו פארשידענע פארמען, ווידער, קאן זיין

גאַנץ פאַרשידען: צו איינעם רעדען מער די טענער איידער די זעה־פאָרמען, צו איינעם מער די ליניעס איידער די פאַרבען. אפילו אויף איין באַזונדערען קונסט־געביט קאָן די עמפּינדליכקייט צו סטיל פאַר־טעמפּט ווערען אַ דאַנק געוויסע איינפלוסען. דאָס סטיליסטישע גע־פיל פון אונזער צייט איז פיל מער אַנטוויקעלט אין דער מוזיק איידער אין די פּלאַסטישע קונסטען. דער, וואָס פילט אַן עקעל צו אַ גראַ־מאָפאָן, וועט אפשר מיט פאַרגעניגען באַקוקען אַ פאָטאָגראַפיע, כאָטש דער קונסט־ווערט פון דער לעצטער איז אויף אַ האָר ניט העכער, ווי דעם ערשטענ׳ס. און איך גלויב, אַז די פאַרפליייצונג פון דעם מאַרק דורך די מעכאַנישע רעפּראָדוקציעס איז — יעדענפאַלס טיילווייז — שולדיג אין דעם, וואָס דאָס סטיל־געפיל אין די פּלאַסטישע קונסטען איז אַזוי פאַרגרעבט געוואָרען. עס איז אַזוי פאַרשטענדליך דער פאַרלאַנג צו באַפעסטיגען דעם זכרון וועגען דעם פאַרגאַנגענעם דורך רעפּראָדוקציעס אָדער צו באַקענען זיך דערמיט, וואָס איז ווייט פון אונז. פאַר אַט דער באַדערפעניש האָבען גענוג געאַרבייט די גראַפּי־קער, ביז די פאָטאָגראַפיע האָט זיי ניט אַרויסגעשטויסען. די מעכאַ־נישע רעפּראָדוקציע שליסט אויס דעם טעמפּעראַמענט, דערפאַר קאָן מען זיך אויף איר מער פאַרלאָזען. חוץ דעם איז זי אויך ביליגער, אַזוי אַז די געמעלען ווערען דורך איר צוגענגליך פאַר אַלע. די פאָטאָגראַ־פיע מאַכט, זעהט עס אויס, די קונסט פאַר דעם אייגענטום פון אַלע. צום באַדויערען זעהט דאָס טאַקע בלויז אַזוי אויס, אין דער אמת׳ן רוקט זי אונטער גאָר עפּעס אַנדערש אויפ׳ן אָרט פון קונסט. די געוועהנ־ליכע פאַרקלענערונג פון דער גרייס, דער איבערבייט אין מאַטעריאַל א. ד. ג. פאַרקריפּעלט אַזוי שטאַרק דעם איינדרוק, אַז עסטעטיש קאָן מען דאָס גאַרניט פאַרגלייכען מיט אַ קונסט־ווערק. די ריאַלקייט פון דער פאָטאָגראַפיע גיט בלויז אַ ריאַלע באַקאַנטשאַפט מיט דעם ווערק. זי דינט דעם וויסענשאַפטליכען אינ־טערעס פונקט אַזוי, ווי, למשל די בוכשטעבליכע איבערזעצונג פון ליריק אויף אַן אַנדער שפּראַך. געוויסע באַציהונגען ווערען איבער־געטראָגען אָהן ענדערונגען. אָבער גראָד דער אומשטאַנד, וואָס גע־וויסע מאָמענטען פאַרבלייבען, בעת אַנדערע בייטען זיך אינגאַנצען,

רייסט טאקע איבער די סטיליסטישע איינהייט. און ווען דער בליק באַגעגענט טאָג טעגליך און אין אַ גרויסער מאַסע אַזוינע רעפּראָדוק־ציעס, מוז די עמפּינדליכקייט צום סטיל אומפאַרמיידליך פאַרטעמפּט ווערן. די פאָטאָגראַפיעס זענען אומשעדליך בלויז פאַר יענעם, וואָס געפינט אַ קעגנגעוויכט אין דער אָפטער קאָנטעמפּלאַציע פון די אָריגינאַלען: ער לערנט זיך אויס זיי צו פאַרטייטשען. אָבער די פאַרוואַלוועלונג פון דער טעכניק וואַרפט זיי — די רעפּראָדוקציעס — אַלעמען אין די הענט אַריין; מען נעמט זיי אָן ווי אַ במקום פון די אָריגינאַלען, און אַלס ערשטע באַקאַנט־מאַכונג זענען זיי פאַר אונזערע פּעדאַגאָגען־עסטעטען אַ געווינשט מיטעל פאַר דער קינסט־לערישער ערציהונג פון דעם פאָלק. אויף אַזאַ אופן פאַרשפּרייט זיך דאָס שלעכטס אַהן אָפּהאַלט און אומעטום.

אין אונזער צייט פאַרשטעהט מען, אַז אַ שטאַרקע פאַרשנעלע־רונג פון דעם טעמפּ ענדערט דעם כאַראַקטער פון דער פּיעסע, אָבער מען באַגרייפט נאָך ווייט ניט אַזוי קלאָר, אַז ווען מען פאַרקלענערט אַ ווערק פון דער פּלאַסטישער קונסט, פאַרקריפּעלט מען עס. אָבער אַט די ביידע פאַלען זענען גאַנץ ענליך. געוויס, פון דעם מאַטעמאַטי־שען שטאַנדפּונקט בייט זיך קיין שום זאַך ניט, אויב אַלע געגענזייטיגע פאַרהעלטענישען פון די גרייסען ווערען גלייכמעסיג פאַרקלענערט. אָבער גאַנץ אַנדערש איז עס פאַר דער עסטעטישער קאָנטעמפּלאַציע: דאָס כוואַליען זיך פון די פאַרקירצטע ליניעס, דער אויסבויג פון די פלאַכען ווערען לעבעדיגער, אַלץ שפּרודעלט און בייט דעם כאַראַק־טער פון דער שטימונג. כדי אויפצוהאַלטען די איינהייט פון סטיל ביי דער פאַרקלענערונג פון דער מאָס, איז נויטיג צו ענדערען די באַ־ציהונגען און צו דערגרייכען אַ פאַראייינפאַכונג פון די פאָרמען. דאָס זעלבע איז מיט דער פאַרב. ביי דעם איבערטראָגען אויף אַ קלענע־רען פאָרמאַט, דאַרף די פאַרבען־סקאַלע (פאַרבען־לייטער) פאַרקירצט ווערען. ווייטער איז נויטיג צו באַגרעניצען דאָס פּלאַסטישע מאָדע־לירען, די צייכענונג דאַרף ווערען פלאַכער. די רעפּראָדוקציע פון די גראַפיקער האָט נאָך געקאָנט באַפרידיגען אָט די אַלע באַדינגונגען, און זייערע אַרבייטען האָבען נאָך געקאָנט האָבען פּרעטענזיעס אויף

סטיל. כאָטש אויך זייערע הענט איז עס ניט געגעבען געוועזען צוריק צו באַשאַפען דעם פּינקטליכען כאַראַקטער פון דעם אָריגינאַל, האָבען זיי פאָרט געגעבען דערמאָנונגען, וואָס זענען געווען פול מיט קינסט־לערישען ווערט. די פאָטאָגראַפיע גיט ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע. צו ערציהען דורך פאָטאָגראַפיעס מיינט פאַר דער קונסט דאָסזעלבע, ווי אַרויסצוטרייבען דעם טייפעל מיט דער הילף פון בעל־זבוב.

דערפון וואָס מען פאָדערט די גאַנצקייט פון'ם סטיל איז גע־דרונגען, אַז דער קינסטלער דאַרף זיך רעכענען בלויז מיט אַזוינע עלע־מענטען, וואָס ער באַהערשט מיט דער הילף פון זיינע מיטלען. ער דאַרף זיך ניט פאַרלאָזען אויף דעם שפּיל פון צופאַל, ער דאַרף ניט אַריינגעמען יענע עמאָציאָנעלע אייגענשאַפטען, וואָס ווערען אָנגע־טראָגען דורך ניט־קאָנטראָלירבאַרע אַסאָציאַציעס. דערפון איז אויך געדרונגען די פאָדערונג, וואָס איז געווענדט צו יעדערען, וואָס פּאַסט אויף עסטעטישע איינדרוקען: ביי דער איבערראַשונג פון דעם עסטעט־טישען אָביעקט זאָל מען זיך אָפּשיידען פון אַזוינע צופעליגע אַסאָציאַ־ציעס, וועלכע דרינגען אַריין אויף יעדען שריט. דאָס באַציהט זיך צו די בילדער, וואָס אַנטשטעהען אין דער פאַנטאַזיע ביי די קלאַנגען פון מוזיק, אַזוי גוט ווי צו די אינדיווידועלע פאַרשיידענע פראַגמענ־טען פון די בולטע פאַרשטעלונגען, וואָס די פּאָעזיע רופט אַרויס. דאָס אַלעס איז הינטער די גרעניצען פון דעם עסטעטישען אָביעקט. דאָס אַלעס נעמט זיך פון פאַקטאָרען, אויף וועלכע עס איז ניט אויסגעשפּרייט די מאַכט פון דעם קינסטלער. דאָס קאָן דעריבער ניט באַטייליגען זיך אין זיין פאַרטראַכטונג. דאָסזעלבע איז ריכטיג, ווען אָנגעווענדט צו די פּלאַסטישע קונסטען. ווען מיר זעצען פאַר אין דער פאַנטאַזיע דעם פאָדעם פון דער פאַרגעשטעלטער געשעהעניש, ווען מיר פאַרשען אויס די אורזאַכען און פאָלגען פון אַ געגעבענער סיטואַציע, שפּרינגק־לען מיר אַריין אין דעם עסטעטישען אָביעקט מאָמענטען, וואָס האָבען מיט איהם קיין שייכות ניט. אָבער מענשען וואָס זענען ווייט פון

קונסט

קונסט האבען ליב גראד אזוי זיך צו באציהען צו די ווערק פון די בילדליכע קונסטען: זיי זוכען אין זיי די ערוואכונג פון זייערע אייגענע פאנטאזיעס און טרוימען. עס פארשטעהט זיך, אז עס איז יעדען איינעם ערלויבט צו זוכען זיך אזוינע פארוויילונגען, ווי און וואו ער וויל אליין. אבער אזוינע שפילערייען האבען גארנים צו טאן מיט די צילען פון קונסט. דערפאר טאקע האט דער עולם אזוי ליב — דארט, וואו די הערשענדע מאדע פון בילדונג פארבאט עס ניט דירעקט — די אנעקדאטישע און היסטארי־שע מאלעריי. זיכער קאן אויך די אנעקדאטישע מאלעריי באשאפען א געמעל, וואס זאל האבען א געוויסען קונסט־ווערט, אבער זי רייצט באשיינפערליך דעם צושויער צו ווילקירליכע צוגאבען פון זיין אייגענער זייט. דער דאזיגער שטאנדפונקט איז אויך אנטשיידענד ביי דער אפשאצונג פון יענער באדייטונג, וואס עס האט דער נאמען פון א ווערק. געווים, דער נאמען קאן לייכטער מאכען שנעל און פול צו באנעמען דעם פארגעשטעלטען געגענשטאנד, באזונדערס העלפט ער צו באזייטיגען א שעדליך ניט־פארשטעהן. כ׳רוב מענשען הויבען דאך אן אין דער קונסט — א דאנק זייערע וואכעדיגע געוואוינהייטען — פון דעם געגענשטאנדליכען, און ביז דאס איז זיי ניט קלאר, געהען זיי ניט ווייטער. אבער דער איינפלוס פון דעם נאמען, וואס שפרייזט אריבער אט די גרעניצען, איז א צרה. דער נאמען טאר ניט געבען קיין אנשטויס פאר דעם אומקאנטראליר־בארען שפיל פון דער פאנטאזיע. דער צושויער דארף צוריק אויפ־שטעלען די שאפונג, ניט שאפען פון דאס ניי. זאל דער קינסטלער אליין געבען אלץ, וואס האט א שייכות מיט דעם ווערק. אבער גראד די שאפענדע אוממאכט באהאלט זיך גערן הינטער א פיל־פאר־שפרעכענדיגען נאמען, וואס רעגט אן צו ווייטערער ארבייט, און העלפט באהאלטען, ווי ווייניג עס איז אויפגעטאן געווארען. די „פאעזיע“ פון א פאעטישען נאמען טאר ניט דערלאזען ווערען, מחמת זי גיט איבער די באארבייטונג פון דעם ווערק אין די הענט פון פראפאנען און מאכט פראבלעמאטיש די אויסגעהאלטענקייט פון דער סטרוקטור פון דעם גאנצען.

בראַדער קריסטיאַנסען

מיר דאַרפען נאָך צוגעבען עטליכע ווערטער וועגען מוזיק און דראַמע. דאָ קאָן דאָך דער קינסטלער זעלטען אָדער קיינמאָל ניט פאַרענדיגען איינגאַנצען זיין ווערק, ער נויטיגט זיך אין הילף ביי דער ערפילונג און אויפפירונג. אַז די סטיליסטישע פולקאָמענהייט ליידט דערפון, באַווייזען פאַקטען. די איינהייט קאָן, נאַטירליך, דערגרייכט ווערען דורך פאַרשיידענע וועגען, ניט שטענדיג גיט זי זיך אָבער איין. דער נאַטירליכסטער און פולקאָמענסטער וועג איז יענער, ווען די געהילפען בלייבען אין די גרעניצען פון דעם סטיל פון דער פיעסע און פאַרבינדען די דערגענצונגען מיט דעם גאַנצען אין דעם זין פון אַ פונקציאָנעלער א י ד ע נ ט י ש ק י י ט. ביי דער דורכפיהרונג פון באַך'ס מוזיק, למשל, דאַרף אַ רוהיג־קלאָר שפּילען געהן צוזאַמען מיט אַ שטרענג צעגלידערטער אַרכיטעקטאָניק. אויף אַט דעם וועג איז נויטיג אַן עלאַסטיש פאַרשטעהן, אַ פיל־זייטיגקייט פון באַגאַבטקייטען און אַ פּריוויליגע באַשיידענקייט.

פאַראַן אַ צווייטער וועג: די אויפפירער קאָנען פון דאָס ניי איבערמאַכען די פיעסע, באַטראַכטען זי בלויז אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם אייגענעם שאַפען; אַלס רעזולטאַט וועט אויף דער וועלט געבוירען ווערען אַ פולשטענדיג ניי ווערק. דאָס איז נאַטירליך ניט אַזוי, ווי דער קינסטלער האָט פאַרטראַכט, אָבער עס האָט אַ געוויסע באַרעכטיגונג ביי אַ קאָנגעניאַליטעט פון דעם אויפפירער. אַ שטאַרקע, איינזייטיגע באַגאַבטקייט ציט צו נייעם שאַפען, ווען עס קומט איר אויס צו רעפּראָדוצירען. אָבער אַט דער מין אויפפירונג איז אויך צום האַרצען אַלע די, וואָס האָבען קודם כל אין זינען זייער אייטעלקייט. זייער ניי שאַפען איז אַ קליינער ווילקיר און מאַסקאַראַד און בלויז מענשען, וואָס זיינען ווייט פון קונסט, זענען זיי דאַנקבאַר פאַר דער וואַריעטעט וואָס זייער „ניי פאַרשטעהן" שענקט זיי.

דער דריטער אופן אַפּצוהיטען די סטיליסטישע איינהייט באַשטעהט אין דעם, וואָס ביי אַלע מאָמענטען פון אַ נויטיגער דערגענצונג, וועלכע פאַרלעצען די גאַנצקייט, ווערט פאַראויסגעזעצט די מעגליכקייט פון אַן אַבסטראַקציע; און אַט דער אופן איז פאַר דער פּראַקטיק אַם וויכטיגסטען. זיין אַנווענדונג פאַרזיכערט ניט זעלטען

קונסט

די ע ס ט ע ט י ש ע סופּעריאָריטעט פון הויז־מוזיק איבער
עפענטליכע קאָנצערטען. דאָס איז אַ זונדערבאַרע ערשיינונג, אַבער
מיר זענען באמת אימשטאַנד צו באַזייטיגען דעם איינפלוס פון גע־
ווימע עמאָציאָנעלע עלעמענטען, וואָס רייסען זיך אַריין אין דעם באַ־
וואוסטזיין, וויבאַלד מיר ווייסען, אַז זיי זענען איבעריג. מיר זאָגען
טאַקע: דאָס קומט פאַר אַ דאַנק דער אַבסטראַהירונג פון דער אויפ־
מערקזאַמקייט, אַבער דערמיט ווערט די זאַך ווינציג וואָס ערקלערט.
אהן אַט דער פעהיגקייט, ווידער, וואָלטען מיר זעלטען באַקומען אַ
פולען איינדרוק. ווען מיר פאַסען אויף אַ קונסט־ווערק, רייסען זיך
דאַך גלייכצייטיג אַריין טויזענטער זייטיגע קליינינגקייטען דורך די
קאַנאַלען פון אונזערע געפילען, און אויב זייערע עמאָציאָנעלע עפעק־
טען וואָלטען געווען אַ טייל פון דעם עסטעטישען אָביעקט, וואָלט די
אַבסטראַקציע אים ניט געקאָנט באַשיצען. צוזאַמען מיט דעם בילד
זעהען מיר אויך די באַזוכער פון דעם מוזעאום, מיר הערען זייער
פּלוידעריי; ביי אַ קאָנצערט פאַסען מיר אויף צוזאַמען מיט דער
מוזיק אויך די ווינקעלדיגע באַוועגונגען און אויסדרוקען אויף די
פנים׳ער פון די מוזיקאַנטען. אפילו אין דעם ווערק גופא זענען אַלע־
מאָל פאַראַן מאָמענטען, וואָס דאַרפען לויט דער פאַרטראַכטונג פון
דעם קינסטלער פאַרטריבען ווערען אויף אַזאַ אופן, — וועגען דעם
וועט נאָך שפּעטער גערעדט ווערען. אַזוינע אַבסטראַהירונגען זענען,
נאַטירליך, גורם אַ געוויסע שוועריגקייט פאַר דער אויפפאַסונג און
עס איז אַ יושר, אַז דער קינסטלער זאָל זיי לייכטער מאַכען. דאָס
דאַרף באַזונדערס געזאָגט ווערען וועגען די קינסטלער פון וואָרט און
קלאַנג. אויב זיי פאַרמאָגען ניט די מתנה פון סטיליסטישער דערגענ־
צונג, ווי אויך ניט קיין גענוגענדע פעהיגקייט אָדער זעלבסט־זיכער־
קייט אונטערצוואַרפען דאָס ווערק דעם אייגענעם סטיל, דאַן פאַר־
בלייבט די מעגליכקייט פון סטיל בלויז אין יענעם פאַל, ווען אַלס באַ־
דינג פון לייכטער מאַכען די אַבסטראַהירונג, גיבען זיי אַ דערגענצונג
לויט די כחות. דאָס מיינט: אהן שום פּ ר ע ט ע נ ז י ע ס, אַ ז ו י
א י נ פ אַ ך, אַ ז ו י ב אַ ש י י ד ע ן, אַ ז ו י פ ע ר ז אַ־
נ ע נ ל אַ ך, ווי נאָר מעגליך. ארויסקומענדיג אהן פרעטענזיעס

אויף העכסטער דערגרייכונג, צווינגען זיי דערמיט אַליין דעם צוהער־רער זיך צו באַציהען מיט וואוילגעניינגטקייט, ד. ה. זיך אָפּצושיידען (אַבסטראַהירען) פון געוויסע אומערטרעגליכע פעלערן, און דאַן בלייבט די סטיליסטישע גאַנצקייט אומפאַרלעצט.

פילע שפּירען די סטיליסטישע פעלערהאַפטיגקייט פון די היינטיגע סצענישע פאַרשטעלונגען. ווער געהט דאָס נאָך איצט אין טעאַטער? בלויז די וואָס זוכען פאַרוויילונגען. דאָרט ערוואַרט מען גאָרניט צו געפינען קיין קונסט. און זאָל מען ניט זאָגען, אַז דער דראַמאַטורג ווערט פאַרגיטיגט און באַפרידיגט דורך דעם וואָס ער האָט אַ בוך און אַ לעזער. די סצענישע פראַגע פאָדערט אַ סצענע. פאַראַן בוך־דראַמען און פאַראַן סצענישע דראַמען. אָבער עס איז: אָדער איינס אָדער דאָס צווייטע. דער ווערט פון איין מין איז לחלוטין ניט נידריגער, ווי דער ווערט פון דעם אַנדערען, יעדער איינער שטעלט ארויס באַזונדערע פאָדערונגען. דער אונטערשיד צווישען זיי באַשטעהט ניט אין וועלכער עס איז אויסערליכע שוועריגקייט פון אויפפירונג, נאָר אין דעם חלוק פון די סטיליסטישע אויפגאַבען. איך זעה דעם אונטערשייד באַזונדערס אין צוויי פונקטען. ערשטענס האָט די סצענע אַ שנעלערען טעמפּ, ווי דאָס בוך. די דאַזיגע באַמערקונג האָט צו טאָן ניט בלויז מיט דער אַבסאָלוטער מאָס פון צייט, כאָטש אויך דאָ האַלט זי אויף איר קראַפט — ווער וועט זיך אונטערנעמען דורכצולעזען פאַוסט'ען אין משך פון עטליכע שטונדען פון איין אָווענט? נאָך מער האָט עס אָבער צו טאָן מיט דער אילוזיע פון צייט. די פּלאַסטישע דורכפיהרונג פון דעם סצענישען שפּיל מאַכט אויסזעהן געדיכטער און ענגער דעם צוזאַמענשטויס טאַקע פון יענע געשעהענישען וואָס „לעבען זיך צענויף זייט ביי זייט" אין דעם קאָפּ פון דעם לעזער. דערפאַר ערשיינט דאָרט אַלץ אָנגעזעטיגטער און דער טעמפּ — שנעלער. נו, איז עס טאַקע אַ פראַגע פון דער גאַנצקייט פון סטיל, צו די דראַמע פאָדערט אַ לאַנגזאַמען אָדער קאָנדענסירטען טעמפּ. געוויס, עס איז מעגליך בלויז איינס פון די ביידע. די בעסטע דראַמען פון געטע'ן זענען געמיינט פאַר'ן לעזער: פאַאוסט, איפיגעניע, טאַסאָ. די איילעדיגקייט פון דער ביהנע פאַרגוואַלטיגט זיי.

קונסט

נאָך אַ אונטערשיידענדער מאָטיוו: די סצענע גיט בײַ דער דראַמע עפּעס אַ װײַטקײַט און דערפאַר טויג זי זיך בלויז פאַר יענע דראַמען, װאָס זײער האַנדלונג איז אויסגערעכנט אויף אַ דיסטאַנץ. װען מען לעזט זײ, זענען די פּאַסירונגען אַ סך נעהענטער צו אונז, גלײַך מען װאָלט באַקוקט אַ צײכענונג, װאָס מען האַלט אין דער האַנט. דראַמען מיט האַרטע, פּאַראײנפאַכטע, שאַרפע קאָנטורען זוכען די סצענע. בעת׳ן לעזען װײַזען זײ זיך אויס װי איבערגעטרײַבען און גראָב. אָבער דראַמען מיט אַ דינער קוים הערבאַרער איבערגעבונג פון זעלישע איבערלעבונגען, יענע, װאָס רעגען מיט זײערע לײַכטסטע שאַטירונגען, פאָדערען אינטימקײט, אַ נאָהענט, פאַרטיפט לײענען. די װײַטקײט פון דער סצענע װאָלט בײַ זײ אָװעקגערױבט דאָס סאַמע װערטפולסטע. צוליב אָט דער אורזאַך זענען געטעס דראַמען טאַקע אָנגעשריבען פאַר׳ן לעזער, פּונקט װי די קלײנע פאַנטאַסטישע זאַכען פון מעטערלינק׳ען. אָבער שילער, איבסען, עסכיל, אַריסטאָפאַן, פאָדערען די ביהנע און פאַרטראָגען ניט קײן צו נאָהענטען בליק. װען מען לעזט זײ, פּאַסירט אָפט, אַז זײערע בילדער װיקלען זיך ניט פּשוט פונאַנדער אין דער פאַנטאַזיע, נאָר זײ װערען אַריבערגעטראָגען אויף אַ אילוזאָרישער ביהנע, ד. ה., זײ װערען בײַם לעזען איבערגעזעצט אויף אַ סצענישער שפּראַך.

די הײַנטיגע ירידה פון דער סצענישער קונסט שטאַמט דערפון. װאָס דער געװיכט־צענטער איז אַריבערגעטראָגען געװאָרען אויף דער אומגעבונג און דער מימיק. די אַקסעסואַרען פון דער פּיעסע װערען שטאַרקער אונטערגעשטראָכען, װי זי גופא. דאָס איז אַ קאָמפּראָמיס מיט די געשמאַקען פון דעם ברײטען עולם, װאָס זענען פרעמד דער קונסט: געבען אַלץ אין אַ ממשות׳דיגע גענױקײט, װאָס דערגעהט צו אילוזיע, גאָרניט איבערלאָזען פאַר דער רעפלעקטיװער קאָנטעמפּלאַציע. דאָרט װידער, װאו מען באַמערקט די חסרונות און מען שטרעבט צו רעפאָרמען, רופט מען אויף דער ביהנע דעם מאָלער און דעקאָראַטאָר. זײַן אַרבײט איז אָהן צװײפעל העכער װי די גראָבע שמירערײַ פון די ביהנע־בעל־מלאכה׳ס. דער פּרינציפּיעלער טעות פאַרבלײַבט אָבער: די אַקסעסואַרען פון דער דראַמע פאַרנעמען צו־

קונסט

פּיל פּלאַץ. דער קינסטלער־פּלאַסטיקער וועט נאָך וועניגער חשק האָבען אוועקצושטעלען זיין אייגענעם לייבטער אונטער דעם דראַמאַטורגס צודעק. ער וועט וועלען וועלען די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך מיט די שטימונגען פון די רוים־פאָרמען און מיט דער ראַפינירטקייט פון די פאַרבען.

א בעסערער וועג צו דעם געווינשטען ציל, גלויב איך, איז צו פאַרקירצען די אומגעבונג און די מימיק. זאָל מען ניט שטרעבען אריינצוקלעפּען אין דער דראַמע נייע שטימונגען מיט דער הילף פון דעם מאָלער, זאָל מען בעסער אומקערען דער פּאָעזיע איר באַדייטונג. די סצענישע געשטאַלט דאַרף זיין אַזוי איינפאַך און באַשיידען, ווי נאָר מעגליך: קאַלט, א ו מ פ ר י י נ ד ל י ך; נאָר ניט קיין פּרימיטיוו וואָס זוכט ארויסצורופען אַן עפעקט: אין אונזערע טעג קאָן מען שוין ניט פאָדערען די אַבסטראַקציע פון שעקספּירס ביהנע, אָבער אַלץ, וואָס געהט אריבער די גרעניצען פון דעם נויטיגסטען דאַרף פאַרטריבען ווערען פון דער טעאַטער־סצענע. דעם פּאָעטס אייגענע באַמערקונגען שפּילען דערביי ווייט ניט די הויפּט־ראָלע, זיי שטעלען זיך אָפּט ארויס אַלס פּראָדוקטען פון דעם שרייב־טיש. עס האַנדעלט זיך בלויז אום די פאָדערונגען, וואָס פליסען אימאַנענט ארויס פון זיין ווערק. למשל: גייסטער האָבען ניט קיין אָרט אויף דער ביהנע. יעדע טעאַטראַלישע גייסטער־ערשיינונג באַליידיגט דעם העלד, וואָס גלויבט אין א גייסט. און צו וואָס זאָל מען ארויסשטעלען פאַר די אויגען פון דעם עולם דאָס, וואָס חלומ'ט זיך בלויז דעם העלד, אָדער וואָס ערשיינט פאַר אים פונדערווייטענס, אָדער אין צויבער־שפּיגלען? ווייסען מיר דען ניט, וואָס פאַר א מעכטיגען איינדרוק עס קאָנען מאַכען זאַכען, וועלכע מיר זעהען ניט דירעקט, נאָר בלויז אין דער רעפלעקסיע פון א פרעמדען באַוואוסטזיין?

די פּאָעטען וואָלטען אָפּט אַליין געקאָנט באַהילפיג זיין אין דער פאַראיינפאַכונג פון דער סצענישער אויסערליכקייט — וואָס דערפון געווינען דאָך טאַקע זיי אַליין, — ווען זיי וואָלטען וואָס וועניגער געביטען די אומגעבונג. דאָס בעכטע איז די א י י נ ה י י ט פ ו ן א ר ט. דאָס איז נאַטירליך, א באַגרעניצונג פון דער פּאָעטישער

פרייהייט, אבער עס איז נאך א פראגע, וואס איז א בעסערער באדען פאר דער אנטוויקלונג פון דער קונסט: די עפאכען פון פרייהייט אדער, פארקערט, די עפאכען פון אבליגאטארישע פארמען.

דער דראמאטורג קאן בלויז דאן באשאפען א שטרענג, גאנץ, סצעניש ווערק, ווען ער קאן אין פאראויס ארייננעמען אין חשבון די דערגענצענדע פאקטארען, וואס ווערען פעסטגעשטעלט אדער דורך דער טראדיציע, אדער דורך א באשטימטען אויסערליכען אפאראט. לאמיר זיך פארשטעלען, כדי זיך צו אריענטירען אויף א קאנקרעטען ביישפיל, א מינימום אויסערליכע איינריכטונגען: אן איינהייט פון ארט, וואו די אומגעבונג אויף דער ביהנע הערט זעהר שנעל אויף צו־רציהען די אויפמערקזאמקייט; די אקטיארען טראגען מאסקען, וואס אונטער זיי קאן קיין איבעריגע מימיק ניט פארלעצען דעם אויטארס געדאנק; שוישפילער וואס טרעטען ארויס אויף שטאלצען און זענען דעריבער געבונדען דורך א באשטימטען גאנג און זשעסטען; לאמיר זיך ווייטער פארשטעלען אז א דאנק אט דעם אלעם, ווי אויך צוליב דעם געוואלטיגען שטח פון דער טעאטער־ביהנע, זענען די אקטיארען געבונדען דורך באשטימטע וואקאלע באדינגונגען — און אט האלט דער דיכטער זיין שאפונג אין זיינע הענט. זיין סטיל קאן זיין שטרענג, ווי א דארישער טעמפעל; ער קאן זאגען דאס גרויזאמסטע ווארט, ווייל עס איז אין זיין מאכט צו פארוואנדלען עס אין עפעס טראגי־שעס: און ער דערהויבט זיין ווערק אויף אזא פייערליכער הויך, אויף וועלכער מיר קאנען זיך שוין מער ניט דערוועגען אין אונזער צייט, אויף אונזערע סטיללאזע, צופעליגע טעאטער־ברעטלאך.

מיר האבען שוין פריער אנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט פון דעם מאטעריאל פאר דעם עסטעטישען אביעקט. דאס איז ניט קיין גלייכגילטיגער טרעגער פון דעם אינהאלט. ער גיט אליין, אין איינ־קלאנג מיט זיינע באזונדערע אייגענטימליכקייטען, א ריי כאראק־

טעריסטישע איינדרוקען, וועלכע פלעכטען זיך אריין אין דעם סינטעז פון דעם אביעקט, ווי די פארמען, וואס דער קינסטלער האט פריי באשאפען, אדער ווי די געגענשטאנדליכע טעמע פון דעם פארגעשטעלטען. דערפון זענען געדרונגען צוויי פאלגען: אויב דאס גאנצע פון דעם עסטעטישען אביעקט איז באשטימט אין זיינע גרונד־שטריכען, דארף מען אויך דעם מאטעריאל אויסקלייבען אין איינקלאנג מיט אט דעם גאנצען. וויבאלד אבער דאס שאפען האט אלס אויסגאנגספונקט א פאראויס געגעבענעם, באשטימטען מאטעריאל, דאן דארפען די איבעריגע עמאציאנעלע פאקטארען פון דעם ווערק זיך צופאסען צו דעם עמאציאנעלען כאראקטער פון דעם מאטעריאל. אט האבען מיר דאס, וואס רופט זיך דער ס ט י ל פ ו ן מ א ט ע ר י א ל. דער באגריף סטיל באקומט דערביי א נייע שאטירונג. די געפאדערטע איינהייט בלייבט שוין ניט גענצליך אומבאשטימט, זי איז אויפ'ן וועג צו קאנקרעטקייט. די סטיל־איינהייט ווערט באשטימט דורך דעם אנגעוויזענעם צופאסונגס־צענטער. דער קרייז פון מעגליכקייטען, וואס פירען צו איינהייט איז באגרעניצט און בייט זיך ביי יעדען נייעם מאטעריאל: בראנז גיט ניט דאסזעלבע, וואס האלץ אדער מארמאר.

וועגען דער טעכניק קאן מען זאגען דאסזעלבע, וואס וועגען מאטעריאל. די אייגענטימליכקייט פון דעם אינסטרומענט, די באזונדערע מאניערען אין דער באנוצונג פון דעם אינסטרומענט, לאזען איבער אין דעם פארענדיגטען ווערק זייערע שפורען, און מיט זייערע איינדרוקען באווייכערען זיי דעם עסטעטישען אביעקט. פאר דעם כאראקטער פון דער צייכענונג איז ווייט ניט אלץ איינס, צי מען קראצט די קופערנע פלאטע מיט דער שפילעוודיגער באריהרונג פון א נאדעל, אדער מען עסט זי אויס מיט דער הילף פון כעמישע זויערקייטען, אדער מען קריצט זי אויס מיט דעם דרוק פון דעם מעסער. דער פרינציפ פון פונקציאנעלער אידענטישקייט איז, אלזא, פונקט אזוי ניט־צעטיילבאר פארבונדען מיט די איינדרוקען פון דער טעכניק, ווי מיט דעם מאטעריאל. די שפורען פון דער ארבייט פארבלייבען אויף דעם גאנצען ווערק, אומעטום קערען זיי זיך אום און ווערען פאר־

שטארקט אין זייער ווידערהאלונג. דערפאר פאדערט אויך די טעכ־
ניק אן אויפמערקזאמע באציהונג צו זיך אין דער סטיליסטישער אייג־
הייט: זי — די טעכניק — דארף זיך צופאסען צו דעם אלגעמיינעם
כאראקטער פון דער קינסטלערישער פארטראכטונג אדער — אויב זי
איז דער אויסגאנגס־פונקט פון דעם שאפען, ווי עס איז דער פאל,
למשל מיט דעם גראווירער, — פאדערט זי, אז די אנדערע עמאציאָ־
נעלע פאקטארען זאלען צוגעקליבען ווערען אין א גייסט פון צופא־
סונג צו איר. און אין דעם זין רעדט מען וועגען דעם ס ט י ל
פ ו ן ד ע ר ט ע כ נ י ק: וועגען דעם סטיל פון קסילאגראפיע,
וועגען דעם סטיל פון א מעטאל־שטיך, וועגען דעם סטיל פון אייל־
מאלעריי. די זינליכע פארמען און די אינדיווידואליזאציע פון דער
געגענשטאנדליכער טעמע דארפען זיך צופאסען צו דעם כאראקטער
פון דער טעכניק.

זאלען צוויי ביישפילען דאס ערקלערען. איך געפין ביי דזשע־
נעלי'ן א פולע צופאסונג צום כאראקטער פון דעם בליישטיפט־שטריך.
אט דעם ווייכען נעפעלהאפטען שטריך אנטשפרעכט די נעפעלדיגקייט
און פארדונקלונג פון די ווייכע ליניעס, פון די ווייך־מאדעלירטע פיגו־
רען, פון דעם ווייכען אויסדרוק פון די עמאציעס. אלץ פארלירט די
עקסטרעמע הארטקייט און שארפקייט, דאך ווערט עס ניט שלאבע־
ריג. דאס זעלישע לעבען איז ווי איינגעהילט אין א וואואל. מיר הע־
רען אן ערצעהלונג וועגען ליידענשאפטען, אבער זייער ענערגיע איז
באהאלטען אונטער א שלייער. גלייך ווי אלע קלאנגען וואלטען זיך
דערטראגען פון דער פארגאנגענהייט. אין די אויגען איז א באזונדע־
רער צויבער, אבער דער בליק איז עפעס אזא צעשטרייטער. מיט דער
פארשטעלונג פון דעם אויסגעלאסענעם דארף מען פארגלייכען די ער־
קלערונגען וואס עס גיט דער קינסטלער אליין: אין דער שילדערונג
טרעט בולט ארויס דער שארפער און ליידענשאפטליכער כאראקטער
פון דער טעמע, אבער די צייכענונגען, אינדיווידואליזירענדיג די טעמע,
מאכען זי ווייכער און פארטושירען זי. און מיר זענען כמעט גרייט
צו גלויבען, אז דא האט זיך דער סטיל אנטוויקעלט פון דער אייגענ־
טימליכקייט פון אט דער טעכניק — אן ערשיינונג, וואס מען באגע־

גענט ניט אַפּט, מחמת גראַד אַט די טעכניק ווערט צו נידעריג גע־שאַצט.

א צווייטערביישפּיל: די באַדייטונג פון האַרטע קאָנטורען. אין די דיסקוסיעס אַרום אַט דער פּראָבלעם, גיט מען אָפט אַלגעמיינע ענטפערס: יאָ, אָדער ניין. די קינסטלער און זייערע טעאָרעטיקער פאַלען כסדר אריין אין א טעות, לויט וועלכען עס קומט אויס, אַז די טעכניק באַשטימט שוין אַן און פאַר זיך דעם ווערט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַן אַלגעמיין באַדייטזאַמע טעכטיק. ווי נאָר עס ווערט אנערקענט ווערען, אַז די טעכניק פּלעכט זיך ענג צענויף מיט דעם גאַנצען פון דעם עסטעטישען אָביעקט, אַז דער פּאָסטולאַט פון דעם סטיל פאָדערט א געגענזייטיגע צופּאַסונג פון דער טעכניק און פון די אַנדערע פאַקטאָרען פון דעם ווערק, דאַן וועט מען אויפהערען צו טראַכטען וועגען דעם, וואָס איז אַבסאָליוט בעסער: צו געבען די גע־געגענשטאַנדען אויף דעם בילד קאָנטורען, וואָס צ־שמעלצען זיך און גיסען זיך צונויף, אָדער נישט? אזא נאַאיווקייט פון דער פראַגע איז נאָך ערלויבט ביים קינסטלער, אָבער ניט ביים טעאָרעטיקער. די פראַגע צי עס זענען בעסער בולטע קאָטורען אָדער צעשוואומענע, קאָן מען לייזען בלויז ביי יעדען פאַל באַזונדער: דאָס ווענדט זיך אָן די אַנדערע פאַקטאָרען פון דעם קונסטווערק, צו וועלכען מען דאַרף זיך צופּאַסען. מען קען אָבער אין אַלגעמיינע שטריכען ארומטראַכטען וואָס פאַר א סטיליסטישע פאָלגען עס ברענגט מיט זיך די אָדער יענע טעכניק, וואָס עס איז דער עמאָציאָנעלער כאַראַקטער פון יעדערער פון זיי.

ווען זעהען מיר די געגענשטאַנדען אין שאַרפע קאָנטורען? ווען אונזערע אויגען זיינען אויפמערקזאַם געווענדט אויפ׳ן געגענשטאַנד. דאָס איז דער פאַל ביי אַלע צושטאַנדען פון א באַוואוסטזיניגער אָנגע־שטרענגטער אַקטיווקייט. פאַרקערט: פאַר דעם צושטאַנד פון טרוי־מערישער פאַרטראַכטקייט און זעלבסטפאַרגעסונג איז אייגענטימליך א שלעכטע אַקאָמאַדאַציע פון די אויגען. דאָ גליטשט זיך דער בליק איבער דער פלאַך פון זאַכען, ניט ווי ביי דעם מענש, וואָס כאַפּט זיי אויף אַלס זיין ציל — דאָ ווערען אָפּגעווישט די גרענעצען, עס פאַר־

קונסט

לירט זיך די שארפע באשטימטקייט און צעטיילטקייט פון זאכען. אט דער צוזאמענהאנג צווישען דער סוביעקטיווער שטימונג, דער אקאמאדאציע פון דעם אויג און דעם אויסזעהען פון דעם געגענשטאנד, באדינגט די סטיליסטישע באדייטונג פון די דערמאנטע אונטערשידען פון דער טעכניק. די באשטימטקייט און די שארפקייט פון די קאנטורען רופט ארויס די עלעמענטען פון אקטיווער שטימונג, א געפיהל פון זעלבסטזיכערקייט, זעלבסטבאהויפטונג, א מעכטיג צילבאוואוסטזיין. אט די טעכניק איז גוט פאר דעם ש ע ה נ ע ם און דעם ענגען זין פון ווארט, פאר דער אפאלאנישער קונסט. דערמאנט זיך אין אונזער אנאליז פון דער דריטער גרופע עסטעטישע מאדיפיקאציעס און איר וועט פארשטעהן, פארוואס איר סטיל פאדערט בילטע שטריכען. די צעשוואומענקייט פון די קאנטורען, פארקערט, טראגט דעם כאראקטער פון עפעס אומקלארעס, פון א טרוימערישער שטימונג, זעלבסטפארגעסונג. דערפון אט דער צוזאמענהאנג צווישען לבנה־ליכט, נעפעל און בין־השמשות, צווישען דעם ווייכען זיך צעגויפגיסענדען לאנדשאפט אין אזוינע שטימונגען. און דערפאר דארף מען אזא טעכניק אנווענדען בלויז ביי געוויסע מאדיפיקאציעס פון דער פערטער גרופע, ביי יענע, וועלכע שטרייכען אונטער די זעלבסט־פארגעסונג און פארניינונג פון דעם סוביעקט. אזוי טראגט זיך דער בליק אוועק אויף א לאנדשאפט אין דער אומענדליכקייט פון א ווייטען פלאכלאנד, און דער באאבאכטער פארלירט זיין איך און גיסט זיך צו־גויף מיט דער וועלט, ניט פיהלענדיג מער די קייטען פון זיין אינדיווידואליטעט. אויב מען זאל אנווענדען די דאזיגע טעכניק ניט אין פלאץ, וועט זי ארויסרופען עפעס אומאנגענעמעס, אן איינדרוק פון פאלשקייט. און אלע יענע מאדיפיקאציעס פון דער דיאנישער קונסט, אין וועלכע עס הערשט די שטימונג פון מאכט: א קאנצענטרירטע קראפט, מוטיגע ענטשלאסענקייט, שארפע דורכדרינגונג פון ציל — די אלע פאדערען אומבאדינגט א שטארקע בולט'קייט פון שטריכען.

בראָדער קריסטיאַנסען

ווי אין א געשלאָסענער קייט קאָן יעדערער פון די רינגען גע־
מאַכט ווערען דער טרעגער פון דעם גאַנצען און אלע אַנדערע — די
אָפּהענגיגע פון אָט דעם רינג, אַזוי קאָן אויך די סטיליסטישע איינ־
הייט פון דעם עסטעטישען אָביעקט באַשטימט ווערען דורך וועלכען
עס איז פון די באַשטאַנד־טיילען. דערביי איז אלץ איינס, צי איי־
נער פון די לעצטע איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פוי דעם שאַפען, אָדער צי
עס איז פאַראַן אַן אַנדער אורזאַך פאַר דער אויפשטעלונג פון דער סטי־
ליסטישער איינהייט דורך דעם, וואָס מען געהט אַרויס פון איין באַ־
שטימטען צענטער. ווען מען רעדט וועגען סטיל אין אַלגעמיין, זענען
פאַראַן אומבאַגרעניצטע מעגליכקייטען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון זיין
איינהייט. ווען עס ווערט אבער אַנגעוויזען א מאָמענט, וואָס באַ־
שטימט אים, האָבען מיר פאַר זיך א באַגרעניצונג פון די דאָזיגע מעג־
ליכקייטען. א פעלד פאַר אויסוואַל איז נאָך פאַראַן, אָבער עס ווערט
שוין ענגער דער קרייז דערפון, וואָס עס איז פעהיג אריינצוטרעטען
אין א קאָמבינאַציע מיט א באַשטימטען מאַטעריאַל, מיט א באַשטימ־
טער טעכניק. נאָך ענגער ווערען, פאַרשטעהט זיך, די ראַמען, ווען עס
ווערען גלייכצייטיג פאַראויס אַנגעוויזען צוויי אָדער מער סטיל־פאַק־
טאָרען. עס פּאַסירט אָפט, אַז דעם קינסטלער ווערען גלייכצייטיג אָנ־
געוויזען דער מאַטעריאַל און די טעמע, אָדער די טעכניק און די טע־
מע, אָדער דער מאַטעריאַל און די טעכניק.

צווישען אלע באַשטאַנד־עלעמענטען פון דעם עסטעטישען
אָביעקט זענען די זינליכע פאָרמען די באַוועגליכסטע, די עלאַסטישס־
טע פאַר'ן אויסוואַל. מיט זייער הילף דערגרייכט דאָס דער קינסט־
לער די לעצטע האַרמאָניע, די שטרענגע גלייכגעוויכט אויף דער וואָג־
שאָל פון סטיל. א דאַנק דעם זענען די דאָזיגע פאָרמען ניט צו פאַר־
בייטען דורך אנדערע עלעמענטען. דערפאַר קאָן מען בלויז דאָרט
פאָראויסזעצען א קינסטלערישע באַגאַבטקייט, וואו עס איז באַוויזען
געוואָרען די אַנוועזענהייט פון פאָרמאַלע פעהיגקייטען — אין דעם
זין פון דער ש פּ ר אַ ך פון די פאָרמען. אנדערע פאַקטאָרען פון
קונסט דערלאָזען ניט אַזאַ דינעם לייטער פון שאַטירונגען. אז מען זאָל
מיט זייער הילף אליין קאָנען דערגרייכען די פולע האַרמאָניע. טאַקע

קונסט

דערפאר קאן מען קוים אננעמען, אז די פארמען זענען דער אויסגאנגס־פונקט פון שאפען. אויב יא, ווערט באשטימט א באזונדערער מ י ן פארמען, אבער ניט זייער אינדיווידואליזאציע. אין אזא פאל ווערט די איינהייט פון סטיל פעסטגעשטעלט דורך דעם גענערישען כאראקטער פון די פארמען און עס פארערט זיך א צופאסונג פון די אנדערע פאקטארען. די גענערישע פארמען זענען דער אויסגאנגס־פונקט אומעטום, וואו עס איז נויטיג איינצושליסען איין ווערק, וואס באזיצט אן אויסגעשפראכענעם פארמען־כאראקטער, אין אן אנדערען אדער עס צו איהם צופאסען. ווען ס׳איז נויטיג, למשל, אויסצוברייטען א געביידע, אדער צו איר צוצובויען אן אנדערע, אדער ווען מען דארף אויסקלייבען די פלאסטיק אין הארמאניע מיט די אויסגעהאלטענע פארמען פון דעם אינעווענינגסטען רוים. אויך ווערען די גענערישע פארמען אן אויסגאנגס־פונקט דארט, וואו — כאטש אומבאוואוסטזיניג פאר׳ן קינסטלער — די קאנטעמפלאציע פון דער נאטור פארכאפט אים מיט דער פארמאלער שעהנקייט פון דעם געזעהענעם בילד און ציהט אים צו א שאפענדער פארקערפערונג, אלץ איינס צי דאס איז די הארמאניע פון די פארבען, אדער פון די רוים־קאנטורען, אדער גאר זייערע קאמבינאציעס. דאס באשאפט נאר א באזונדערע שאטירונג פון דעם באגריף סטיל; דעם סטיל פון דער פארם.

אבער ווען אויך דאס געגענשטאנדליכע דינט אלס אויסגאנגס־פונקט — ווי דאס פאסירט אין ס׳רוב פאלען — ווען די באשטעלונג באשטימט פאראויס אדער בינדט דעם אויסוואל פונ׳ם קינסטלער, ווערט געוועהנליך פעסטגעשטעלט בלויז א געוויסער מין פון דעם געגענשטאנדליכען. אפילו אין יענעם פאל, ווען דאס געגענשטאנדליכע, אין דעם זין פון ווירקליכקייט, איז א היסטארישע געשעהעניש, באשטימט די אויפגאבע בלויז זיינע גענערישע שטריכען. זאל דער קינסטלער האבען פאר זיך די אויפגאבע פארצושטעלען די קרייציגונג, אדער דאס געהיימע נאכט־עסען, אדער פרידריך דעם גרויסען, אדער קריסטוסען, וועט אלץ ביי אים בלייבען דאס רעכט פון דער אינדיווידואליזירענדער אויסטראכטונג. יעדער קינסטלער וועט דעריבער באשאפען אן

אנדערע אינדיווידואליטעט. כאָטש אַט די גענערישע שטריכען זענען עפּעס אבסטראַקטעס, ווערען זיי פּאָרט כאַראַקטעריזירט דורך געוויסע קאָנקרעטע שטימונג־אימפּרעסיעס. די לעצטע באַשטימט דאָן די געפאָדערטע אייגהייט פון סטיל, צו זיי דאַרפען גראַוויטירען דער מאַטעריאַל, די טעכניק און די שפּראַך פון די פאָרמען. אבער נאָך א זאַך דאַרף זיך צופּאַסען צו זיי: די אינדיווידואַליזאַציע פון דער אַלגעמיינער טעמע. און דאַ אַנטשטעהט א פּראָבלעם, וואָס צוטומעלט א לאַגישען פאַרשטאַנד. לאַגיש ווערט מיט דעם אַלגעמיינעם פאַרבונדען יעדע אינדיווידואַליזירענדע כאַראַקטעריסטיק, אויב נאָר די לעצטע שטעלט מיט זיך ניט שום „קאָנטראַדיקציאַ אין אדיעקטאָ"— מיט אנדערע ווערטער: דאָס אַלגעמיינע איז ניט אימשטאַנד צו גע־בערען דאָס אינדיווידועלע פון זיין אינהאַלט. צוליב אַט דעם טעם, אגב אורחא, איז ניט מעגליך צו רעדוצירען די גאַנצע אינדיווידועלע ווירקליכקייט פון די גרונד־פּרינציפּען, ווי זיי זאָלען ניט הייסען: גאָט, מאַטעמאַטיק, אַדער אַטאָמען. אבער די עסטעטישע פּראָבלעם באַשטעהט טאַקע אין דעם, וואָס דער גענערישער כאַראַקטער דאַרף באַשטימען די אינדיווידואַליזאַציע. און דאָס ווערט דאַ מעגליך דער־פאַר, וואָס די נויטיגקייט פון צופּאַסען זיך צום גענערישען אייגדרוק ווייזט אויך אַן אויף די אייגדרוקען פון די אינדיווידואַליזירענדע ניואַנסען. ווען מען האָט דערביי אין זינען די פונקציאָנעלע אידענ־טישקייט, ווערט דער גענערישער אייגדרוק פאַרשטאַרקט. פאַר דעם קינסטלער בלייבט אין אַזאַ פאַל איבער צו געפינען אַדער אויסטראַכ־טען יענע אַרט אינדיווידואַליטעט, אין וועלכער דער גענערישער אייג־דרוק דריקט זיך אַם שטאַרקסטען אויס. מיט אנדערע ווערטער: ער דאַרף די אַלגעמיינע סכעמע פון דער אויפגאַבע פאַרוואַנדלען אין אַן עסטעטישען טיפּ.

דער טיפּ — דאָס איז דאָס אינדיווידועלע. ער איז ניט קיין אבסטראַקציע און ניט קיין דורכשניט־גרוים, וואָס איז געפונען גע־וואָרען אין דעם כסום ערפאַרונג. דער דורכשניטליכער עקזעמפּלאַר פון דעם מין איז באַין אופן ניט טיפּיש. דער טיפּ — דאָס איז די ערשיינונג, וואו דאָס אַלגעמיינע ווערט גע־

דיכטער אין דעם אינדיווידועלען. דער טיפ — דאס איז דאס אינדיווידועלע, וואס ווידערהאלט אין אלע פארצווייגונגען פון זיין אינדיווידואציע די כאראקטעריסטישע איינדרוקען פון דעם מין. דער טיפ אנטהאלט דעם גענערישען כאראקטער אויף א געדיכטערען און א ריינעם אופן, און דערפאר אויך אויף א שטארקערען אופן, ווי אלע אנדערע אינדיווידען פון דעם זעלבען מין, אהן דעם צומיש פון אנדערע איינדרוקען. און דאך איז ער אינדיווידועל אין דער באשטימטקייט פון זיינע פארמען. אזוי האט לעאנארדא טיפיזירט די טעמע פון דעם געהיימען נאכטעסען. זיין פארשטעלונג איז פולשטענדיג אינדיווידועל אין איר געגענשטאנדליכקייט, אבער די אינדיווידואליזירענדע שטריכען קלינגען זיך צענויף מיט דעם גענערישען כאראקטער. ער האט אונז געגעבען ניט קיין איין באשטימט געהיים נאכטעסען, נאר א געהיים נאכטעסען בכלל. און גרינעוואלד האט אויף אזא אופן געגעבען א קרייציגונג, און דירער — אין זיין גראוויור — די געטסאמענע (גית־שמנים). א דאנק מענצעל'ן זעגען פרידריך דער גרויסער און זיין דור אויפגעשטאנען תחית המתים. אבער א סך מייסטערס האבען זיך אומזיסט געמיט צו באשאפען דאס געזיכט פון קריסטוסען. און די געשטאלטען פון האמערען האבען נאך אויך ניט געפונען זייער פלאסטישען טיפ, ניט קוקענדיג אויף פלאקסמאנ'ען, פרעלער'ען, דזשענעלי'ן און סלעפאגטען. פריץ בעלע וואלט אים יא געקאנט באשאפען. אפט ציהט דעם קינסטלער טאקע אזא אויפגאבע: צו באשאפען א טיפ פאר דעם געגענשטאנדליכען, וואס ווערט אנגעווארפען בלויז אין אלגעמיינע שטריכען. אדער אין אזא וואריאנט: טיפיזירען א ווינקעל פון דער נאטור, דאס הייסט א לאנדשאפט, בלומען, חיות, דאס אויסזעהן פון דער שטאדט — אנטאן דאס אין אן אנדער אינדיווידואליטעט, ניט אין דער, וואס אט די געגענשטאנדען האבען אין דער ווירקליכקייט, נאר אין יענער, וואס זייער עצם זאל אין זיי געפינען זייער גענצליכע פארקערפערונג און ריינעם אויסדרוק. ווען מיט אט דעם עמאציאנעלען צענויפקלינגען זיך פון דעם אינדיווידועלען און אלגעמיינעם פאראייניגט זיך נאך דאס צע־

בראָדער קריסטיאַנסען

נויפקלינגען זיך פון די פאָרמען, פון דער טעכניק, פון מאַטעריאַל, דאַן וועלען מיר דערגרייכען יענעם באַגריף פון סטיל, וואָס געטע שטעלט אַנטקעגען אַלס די העכסטע אַנטוויקלונג פון דעם קינסטלערישען שאַפען, דעם איינפאַכען נאָכאַמען דער נאַטור אָדער דעם מאַניער.

די גאַנצקייט פון סטיל גיט זיך די קינסטלער ניט איין זעהר לייכט. מען קאָן ניט איינזעהן אַפריאָרי אָדער באַשליסען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואָס אַנטשפּרעכט יאָ איינס דעם אַנדערען און וואָס ניט. דאָס קריטישע געפיל פון סטיל טרעט בלויז אַרויס מיט זיין וועטאָ. די פּאָזיטיווע באַדינגונגען פון דער גאַנצקייט דאַרפען געפונען ווערען איינציגווייז. די פאָדערונגען פונ'ם סטיל, וואָס פליסען אַרויס פון דעם מאַטעריאַל, פון די אייגענטימליכקייטען פון דער טעכניק, פון דעם פאָרמען־כאַראַקטער, פון דעם מיז, פון דער געגענשטאַנדליכער טעמע, — דאָס אַלץ ווערט קלאָר לאַנגזאַם, אַ דאַנק דער אַרבייט פון גאַנצע דורות קינסטלער. דאָ לערנט זיך איין קינסטלער ביים אַנדערען, לערנט זיך אויף די אייגענע און פרעמדע ערפאָלגען און דורכפאַלען. דאָ אַרבייט ער פאַר אַנדערע און אויף אַזאַ אופן איז זיין מיה ענליך אויף דער מיה פון דעם פאָרשער. אין אָט דעם זינען קאָן מען רעדען וועגען דעם פאָרטשריט פון דער קונסט, בעת אין אַלע אַנדערע הינזיכטען איז יעדעס קונסט־ווערק איינגעשלאָסען אין זיך און ניט פאַרבונדען מיט אַנדערע. אָבער דאָס, וואָס ווערט אויף אַזאַ אופן ערוואָרבען, קאָן מען, נאַטירליך, ניט איבערגעבען אין דער פאָרם פון רעצעפּטען אָדער פון אַלגעמיינע כללים־פאַרזוכען, וואָס ווידערהאָלען זיך כסדר. אין דער קונסט ווערט די טראַדיציע איבערגעגעבען בלויז דורך אוממיטעלבאַרער קאָנטעמפּלאַציע. דער ווערט פון טראַדיציע באַשטעהט טאַקע אין דעם, וואָס זי פאַרלייכטערט דעם וועג צו דער אויסאַרבייטונג פון סטיל. דערפאַר האָט דער איבעררים מיט דער טראַדיציע פאַר די מערסטע די באַדייטונג פון פאַרלירען דעם סטיל. בלויז אַ מעכטיגע שעפערישע קראַפט איז אימשטאַנד פון דאָס ניי צו דער־

שלאגען זיך צו דער גאנצקייט פון סטיל, שעפענדיג זי בלויז פון זיך גופא. פון דער אנדער זייט קאן די טראדיציע קיינמאל ניט פארבייטען דעם לעבעדיגען חוש פאר סטיל. זי גיט דעם קינסטלער אין די הענט בלויז די מיטלען, — צו באהערשען זיי װענדט זיך אן אים אליין.

אבער אין דעם עסטעטישען אביעקט געהט אריין נאך א מאמענט און שטעלט ארויס פאדערונגען צום סטיל, וועלכע דער קינסטלער קאן, זעהט אויס, באפרידיגען מיט די אייגענע כחות: דאס איז דער פערזענליכער שטעמפעל. יעדער קינסטלער איז דאך אינדיווידועל, און זיין איבערלעבונג האט זיך אירע אייגענע ניואנסען. און וויבאלד דער עסטעטישער אביעקט איז ענליך אויף דער איבערלעבונג פון א דראנג און געפינט אין אט דער איבערלעבונג זיין אור־געשטאלט — מוזען זיך אין יעדען ווערק איבערגיסען געוויסע פערזענליכע שטריכען פון דעם קינסטלער. דערפון באקומט דער עסטעטישער אינהאלט א געוויסען שטעמפעל, וואס וועט זיין אנדערש ביי יעדען קינסטלער. און דער דאזיגער מאמענט קאן זיך ביי דעם קינסטלער ניט ענדערען. ער איז געגעבען איינמאל פאר אלעמאל. ער קאן זיך דעריבער ניט צופאסען צו אנדערע עסטעטישע פאקטארען, ער פאדערט ביי זיי א צופאסונג צו זיך. ער פאדערט אויף אזא אופן א באזונדערען סטיל. אבער ער צייכענט זיך אויס מיט א צייטווייליגער באשטענדיגקייט, ווידערהאלט זיין פאדערונג אין יעדען ווערק פון דעם קינסטלער. אין אט דער הינזיכט קאן דער קינסטלער לערנען ביי זיך אליין און מיט יעדען נייעם ווערק איז ער אימשטאנד בעסער צו ערפילען די סוביעקטיווע פאסטולאטען פון דעם סטיל. דער דאזיגער מאמענט, ווען ער דערגרייכט די סטיליסטישע פארקערפערונגען, גיט צו זיינע ווערק עפעס אלגעמיינעס; דאס איז עס, וואס מיר באצייכענען אלס זיין פערזענליכער סטיל, זיין פערזענליכער טאן אדער אייגענארטיגקייט.

איצט עקזיסטירט א נייגונג צו איבערטרייבען די פאקטען פון די סוביעקטיווע אונטערשידען. אויך זוכט מען זיי ניט דארט, וואו מען דארף. מען באהויפט, אז עס איז פאראן אונטערשידען אין דער זינליכער אויפפאסונג פון ערשיינונגען. מען זאגט, אז פייערבאך, למשל,

בראדער קריסטיאנסען

האט געזעהן די רוימליכע פארהעלטנישען אין א סך א גרעסערען מאסשטאב, ווי אין דער ווירקליכקייט. מען פארגעסט, אז אונטערשידען פון אט דעם מין, אפילו ווען זיי זאלען עקזיסטירען, קאנען זיך באין אופן ניט אנטפלעקען אין דעם קונסטווערק. די געגענזייטיגע פארהעלטעניש צווישען זיין ווערק און זיין מאדעל אין דער נאטור וואלט זיך דאך ניט געביטען: פאר דעם, וואס פארגרעסערט די רוימליכע פארהעלטענישען פון דער נאטור, פאר דעם וועט אויך זיין ווערק אויסזעהן צו האבען גרעסערע דימענסיעס. אנדערע אנערקענען אונטערשידען אין דעם זעהן פארשידענע פארבען. ווענען דעם קאן מען זאגען דאסזעלבע. אויב עס איז נאר ניט קיין רייד וועגען א טיילווייזער פארבען־בלינדקייט, דאס הייסט, וועגען א פארלוסט אדער א צענויפמיש פון די זינליכע אייגענשאפטען, וועגען אן ערשיינונג, אלזא, וואס וואלט בלויז געקאנט באשאפען אומגעווינשטע שוועריגקייטען. דער קינסטלער מיט אזא אייגענארטיגער ארגאניזאציע וואלט דאך ניט געקאנט זעהן און אנווענדען לויט זיין ווילען די אלע קוואליטאטיווע אונטערשידען, וואס אנדערע באמערקען אין זיין ווערק, ער וואלט דערמיט גופא פארלארען דעם העכערען קאנטראל איבער דעם, וואס ער שאפט.

די באדייטונג פון די סוביעקטיווע אונטערשידען פאר דער קונסט פארגרעסערט מען אויך דאן, ווען מען וויל דערמיט דעפינירען די קונסט. „די קונסט איז א ווינקעל פון דער נאטור, וואס ווערט באטראכט דורך דעם טעמפעראמענט פון דעם קינסטלער" — אזוי רעדט מען, פאראויסזעצענדיג שטילערהייט די אינדיווידועלע אייגענטימליכקייטען פון דעם טעמפעראמענט. אבער די אייגענטימליכקייט פון דער ראיה מאכט נאך ניט קיין קינסטלער. עס איז אייגענטימליך פאר יעדען צו עמפינדען די נאטור לויט זיין אייגענעם שניט. די אויפגאבע פון דעם קינסטלער איז אבער צו דערהויבען *זיין אייגענטימליכקייט אויף דער מדרגה פון סטיל*.

אריגינאליטעט — פארשטעהענדיג אט דאס ווארט אין דעם בעסטען זין — באדייט, צווישען אנדערעם דאס, וואס די פערזענליכע אייגענטימליכקייטען פון דעם קינסטלער האבען געפונען זייער סטיל, אז דעם קינסטלער גיט זיך איין צו ברענגען די איבעריגע פאק־

קונסט

טארען פֿונ'ם סטיל אין איינקלאנג מיט זיינע סוביעקטיווע אייגענטימ־ליכקייטען. די אריגינאליטעט איז לחלוטין ניט מחויב צו שרייען און צו ווארפען זיך אין די אויגען. די קראפט פון דער קינסטלערישער פערזענליכקייט ווערט ניט געמאסטען לויט דעם גראד פון איר אפּנייגונג פון אנדערע. די אריגינאליטעט איז אין תוך גענומען א גאנץ פּאזיטיווער באגריף. ער מיינט: אייגענס. היינט־צו־טאג פאבריצירט מען סוראגאטען פון אריגינאליטעט דורך דעם, וואס מען פארטאפּעלט די פארנייגונג: צו זיין ניט ענליך צו אנדערע. אבער אמת'ע אריגינאליטעט פארקוקט זיך גארניט דער־רויף, ווי עס ארבייטען אנדערע, כדי שפעטער צו טאן פונקט פאר־קערט. זי געהט מיט איר אייגענעם וועג, קימערט זיך ניט וועגען אנ־דערע אדער וועגען דעם, צי זי ווארפט זיך אין די אויגען, אדער ניט. עס איז דאך ניט וויכטיג די אייגענטימליכקייט און איר ארויסווייזונג. וויכטיג איז, אז די עקזיסטירענדע אייגענטימליכקייט זאל גע־פינען איר סטיל, אז צו איר זאלען זיך צופּאסען די אנדערע פאקטא־רען פון סטיל.

די יאגעניש פון אונזער צייט נאך אריגינאליטעט האט קיין שום שייכות ניט מיט אמת'ער אריגינאליטעט. די דאזיגע יאגעניש שטאמט פון דער קליינליכער אייטעלקייט פון די קינסטלער. זי איז פארבונדען מיט דעם אומווירדיגען כאראקטער פון דער קאנקורענץ, וואס מען צווינגט ארויף אויף די קינסטלער; מיט די רוישיגע אויס־שטעלונגען פון סחורות אויף דעם קינסטלערישען מארק פאר אזא עולם, וואס פארשטעהט ס'רוב גארניט אין קונסט, אבער וואס באַ־שטימט פארט מיט זיין באציהונג און מיט זיין קויפען די שאצונגען פון דעם מאמענט. זי שטעהט אין פארבינדונג מיט דעם גאנצען מארק־כאראקטער פון אונזער לעבען, מיט די דערווידערדיגע באריכטען פון די קריטיקער וועגען יעדען אנטוויקלונגס־שריט פון לעבעדיגע קינסטלער. דער עולם, ווידער, וואס איז זשעדנע נאך סענסאציעס, און וואס פארשטעהט אין הלכות פערזענליכקייט ניט מער ווי אין הלכות קונסט, זוכט גארניט קיין פּאזיטיווע אריגינאליטעט, נאר איר סוראגאט; וואס שארפער די פארנייגונג, אלץ מער הנאה האט ער.

בראדער קריסטיאנסען

צום טראץ פון דער אריגינאליטעט־יאגעניש פון אונזער צייט, איז נויטיג אונטערצושטרייכען, אז דעם קינסטלערס אריגינאליטעט האט צו טאן בלויז מיט אים אליין, דורכאויס ניט מיט דעם פובליקום. דער צושויער דארף זיך גאר ניט קימערן וועגען דער אפשטאמונג פון דעם, וואס עס ערשיינט אין דעם ווערק. פאר אים איז אינטערעסאנט בלויז איינס: צי פארמאגט עס ערהאבענקייט, רייכקייט, פארענדיגטקייט, סטיל. פאר דעם קינסטלער אבער איז עס זעהר וויכטיג, אז זיין פערזענליכער טאן זאל ניט פארטושט ווערען, אז ער זאל געפינען זיין סטיל. ניט ווייל ארויסצואווייזען אט דעם אייגענעם טאן, איז א זעלבסטציל, נאר ווייל ער שטעהט אין פארבינדונג מיט אלע פלאסטישע כחות, וואס זיי האט ער זיין ווערק צו פארדאנקען. ער ארבייט דאך ניט אזוי, ווי א מענש, וואס בויט זאכען מיט דער הילף פון דעם פארשטאנד, ער מאכט ניט קיין קונסט, ער וואקסט זי אויס אין זיך, און שניידט דאס גערעטעניש. ער דארף זיך איינגאנצען אנפארטרויען דעם באראט פון זיין קינסטלערישען דראנג. די געפאר באשטעהט דא שטענדיג אין דעם, וואס ער וויל ניט אויסווארטען דעם פולען וואוקס, וואס ער וויל „מאכען" און קאנסטרואירען. די געפאר איז אין דעם, וואס ער פארגוואלטיגט זיך. און גראד די קינסטלער מיט א שטארקערער ווילענסקראפט זענען אפט אונטערגעווארפען צו אט דער סכנה פון באגעהן א גוואלד־טאט איבער זיך, פון ווערען געהארכזאם צו א מאקסים, וואס זייער פארשטאנד האלט פאר גערעכט, פון ארבייטען אין איינקלאנג מיט א פרינציפ. אין דעם איז דירערס טרויעריגער קאמף. אין זיינע גראווירען אויף האלץ און אייזען, אין זיינע קלענערע צייכענונגען האט ער באשאפען שעדעווערען, ווייל ער האט געארבייט פאר דעם ניט פרעטענציעזען פאלק אדער פאר קיינעם ניט. אבער מיט זיין פארשטאנד גלויבט ער אין די עסטעטישע כללים פון די איטאליענער, און זיי ברענגט ער אפט אלס קרבן זיך אליין.

קונסט

די געבונדענקייט פון דעם אייגענעם „איד" אין דער איינהייט פון סטיל פארשטארקט און וועקט אויף די שעפערישע כחות. דער אייגענער סטיל, קוים איז ער געפונען געווארן און מען האלט זיך פעסט אן אים, פארהיט פון פעלערהאפטע קאנסטרוקציעס. דערפאר איז די אויפהאלטונג פון דעם אייגענעם טאן א ווערטפול שאפונגס־מיטעל, אבער נים קיין זעלבסטציל. די אינדיווידועלע אייגענטימליכ־קייט פון דעם קינסטלער, וואס איז געבונדען דורך דער גאנצקייט פון דעם סטיל, פארלירט אלעם שרייענדיגע, אלעם זיך איינעסענדיגע, זי איז איין באשטימטער עלעמענט אין דעם סכום פון אנדערע, און דער צושויער האט נים וואס צו פרעגען: „פונוואנען ?" אין אנגעזיכט פון קלאסישען שאפען פארגעסען מיר אן דעם קינסטלער.

אן אייגענער סטיל איז געפערליך פאר יענע קינסטלער, וועמען אן אריגינעל שאפען גים זיך בלויז איין אין זעלטענע מאמענטען, און וואס זייער אמת'ער „איד", כאטש ער לעבט זיך שלעכט צענויף מיט דער אלטעגליכקייט, רייסט ער זיך אבער נאך זעלטענער ארויס אין דרויסען. אזוינע זענען די ראמאנטיקער. פאר זיי ווערט דער אייגע־נער סטיל א נסיון, וואס צווינגט זיי פארטצוזעצען זייער שאפען אויך אין שעה'ען פון זעלישער פוסטקייט. זיי ווערען זייערע אייגענע נאכ־אמער, און זייער סטיל אנטארט זיך צו מאנעריזם. איך קען כמעט נים קיין איין ראמאנטיקער, וואס זאל זיין אן אויסנאם. דאס מישט צו צו זייערע ווערק עפעס א קינסטליכקייט און א פאלשקייט. זיי ווערען זייערע אייגענע עפיגאנען, ווען זיי ווילען אויפהאלטען אין די רייפע יארען דאס, וואס איז בלויז דער יוגענד באשערט.

אפט האט מען באהויפט, אז דער סטיל פון דער עפאכע איז נים עפעס אנדערש, ווי דער סטיל פון א פראמינענטען קינסטלער, וואס ווערט פארשפרייט דורך דעם לעצטענס נאכאמערס אין א פארוואר־טערטער פארם. די מענשען, וואס באהויפטען דאס, זעהען דא דעם קאנסעקוועטנטען אויספיר פון זייער איבערצייגונג, אז אין אלע הע־

בראָדער קריסטיאַנסען

כערע ווערטען איז די פּערזענליכקייט און ניט די עפּאָכע — די שאַפענדע קראַפט. גרויסע פּערזענליכקייטען לייגען אַרויף אַ שטעמפּעל אויף זייער עפּאָכע. דער סטיל פון דער עפּאָכע איז דער אַנזעהעוודיגער צייכען פון אָט דעם שטעמפּעל. סיי די ערפאַרונג, סיי די פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונג זאָגען עדות דערויף, אַז דער ערפאָלג פון אַ פּראָמינענטען קינסטלער געפינט נאָכאַמערס, וועלכע טראָגען אומעטום פונאַנדער די מעטאָדען פון זיין שאַפען. בנוגע געוויסע סטילען און עפּאָכען קאָן מען אויף אַזאַ פּערזענליכען צענטער היסטאָריש אָנווייזען.

איך וואָלט ניט געקאָנט, און אויך ניט געוואָלט באַשטרייטען קיין איינעם פון אָט די אַרגומענטען, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זיי באַווייזען בלויז פאָלגענדעס: די נאָכאַמונג ווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם סטיל פון אַן עפּאָכע, און אין אָט דעם סטיל איז פאַראַן אַ העטעראָנאָמישער נאָד־טעם. און ווער עס קוקט אומפּאַרטייאיש אויף די פּראָדוקטען פון אַ היסטאָרישען סטיל, דערקענט אָפט עפּעס אומפרייעס. אָבער פאָרט איז די נאָכאַמונג ניט גענוג צו ערקלערען די דאָזיגע ערשיינונג. די נאָכאַמונג בינדט זיך עפּעס ניט מיט דעם מערקווירדיגען פאַקט, וואָס דער היסטאָרישער סטיל בליהט שטענדיג בלויז אין זיין עפּאָכע, ניט קוקענדיג דערויף וואָס די שפּעטערע עפּאָכען ווילען אים נאָכמאַכען. די קינסטלער פון דער רוימישער אימפּעריע מיהען זיך אומזיסט צו רעפּראָדוצירען דעם אַרכאַאישען סטיל. מיר אַליין זוכען שוין צענדליגער יאָרען אָהן ערפאָלג דאָס גליק מיט אַלערליי פאַרגאַנגענע סטילען. זיי בלייבען טויט. דער דורכפאַל פון אָט די פאַרזוכען מאַכט צו נישט אַזוי שטאַרק, ווי נאָר אַן עקספּערימענט קאָן עס. דעם בליק, וואָס וויל פון אַ בלויזער נאָכאַמונג דרינגען דעם סטיל פון אַן עפּאָכע. דאָס לעבען פון אַ סטיל דאַרף זיין קאָמפּליצירטער, ווי אַ נאָכאַמונג, כאָטש די לעצטע איבט אויס אַ געוויסען איינפלוס. דערצו קומט נאָך אַ באַווייז. אָפט זענען די קינסטלער, וואָס אין זייער שאַפען איז פאַרקערפּערט דער סטיל פון דער עפּאָכע, ניט קלענער איינער פון דעם אַנדערען; עס איז דעריבער אומדענקבאַר צו באַטראַכטען בלויז איינעם פון זיי אַלס אָריגינעל און אַלע

איבעריגע — אלס פשוט'ע נאכאמערס. פאראן, הייסט עס, אויך אן אנדער וועג ווי צו פארשפרייטען א געוויסען סטיל. וואס פאר א וועג דאס איז, און ווי ראיעל ער איז, ווערט קלאר פון פאלגענדער באטראכטונג.

די קינסטלער פון א געוויסען דור, זייענדיג אונטערווארפען צווישען אנדערעס אויך דער ווירקונג פון דער אלגעמיינער סביבה, ווייזען ארויס א געוויסע גייסטיגע פארוואנדשאפט. עס זענען דא אויך מעגליך ענליכקייטען לויט דעם כאראקטער פון דעם דיאפאזאן, וואס אנטשפרעכט דעם טיפ פון דעם מיטצייטלער, אבער עס זענען אויך מעגליך אייגענשאפטען פון א פארקערטער ריכטונג. אזוי צי אנדערש, ענליכקייט, אדער היפוך פון שטימונג, מאסען־כאראקטערס אדער אויסנאמליכע מענשען — סיי די, סיי יענע זענען באדינגט דורך זייער עפאכע. דאס ניט מיטצייטליכע איז אויך פארבונדען מיט זיין צייט, און יעדע צייט באשאפט אן אנדער טיפ פון דעם ניט־מיטצייטליכען. אזוי קומט ארויס א געוויסע פארוואנדשאפט צווישען די קינסטלער. און ווען יעדערער פון זיי וואלט געפונען זיין אייגענעם סטיל, וואלט זיך פארט ארויסגעוויזען אן ענליכקייט צווישען די באזונדערע סטילען, אפילו אין יענעם פאל, ווען יעדערער וואלט זיין סטיל געפונען אומאפהענגיג פון די אנדערע. אבער עס איז אויך מעגליך, אז זיי באגייסטערען זיך געגענזייטיג און העלפען זיך געפינען דעם אייגענעם סטיל. אין זייערע פערזענליכקייטען איז פאראן א טיילווייזע צענויפפאלונג, און זייערע סטילען מעגען ווירקען איינער אויפ'ן אנדערען, ווי עס ווירקט איין אסאציאציע פון ענליכקייטען אויף דער אנדערער. דאס איז ניט קיין נאכהאמונג און וואס שטארקער עס איז די גייסטיגע פארוואנדשאפט פון די קינסטלער, אלץ שטארקער איז די הילף, וואס זיי גיבען איינער דעם אנדערען ביי דער אויסארבייטונג פון אן אייגענעם סטיל. פון די אלטע מייסטערס פון דער טראדיציע לערנט מען זיך די סטיליסטישע פאסטולאטען פון מאטעריאל, טעכניק, פון דעם פארמאלען און דעם געגענשטאנדליכען; אבער בלויז ביי די מיטצייטלערס קאן זיך דער קינסטלער אויסלערנען איבערצושאפען זיין „איך“ אין אן אייגענעם סטיל. די מעגליכקייטען,

וואָס ווערען דערביי אַנטפּלעקט זענען פילאַרטיג. איינער קאָן הויפּט־זעכליך אין זיך געפינען דאָס נייע און פּאַרפּולקאָמען זיין סטיל; אַנדערע קאָנען אויפוועקען זיין אַקטיווקייט, און זיי בלייבען זיינע בעלי חובות. עס איז אויך מעגליך אַ צווייאיגע געגענזייטיגקייט פון ווירקונג, די אויפוועקענדע און אַנטוויקלענדע. איינפלוסען קאָנען זיך געגענזייטיג בייטען. דער ערשטער ערפינדער פון אַ סטיל קאָן אין זיין שאַפען האָבען אַ נישטיגע באַדייטונג, אָבער ער קאָן געבען אַ ווערטפולען אימפולס אַנדערע. אַט דאָס אַלגעמיינע וואָס מען באַגעגענט אין דעם אייגענעם סטיל פון גייסטיג נאָהענטע מיטצייטלערס, איז דער **סטיל פון דער עפּאָכע** אין דעם אויטאָנאָמישען זין פון דעם וואָרט. אין דער אמת'ען, הייסט עס, ווערט דער סטיל פון אַן עפּאָכע צוריקגעפירט צו איינצעלנע פּערזענליכע סטילען, אָבער בנוגע צו זיי בילדעט ער אַ מין אַלגעמיינעם באַגריף און איבט אויס אויף זיי אַ לעבעדיגען איינפלוס, וואָס וואָלט ניט געקאָנט געבוירען ווערען דורך אַ בלויזער נאָכאַמונג. אָבער דאָס איז אויך פאָרט ניט קיין פשוט „אוניווערסאַלע פאַסט רעם".

איצט פאַרשטעהען מיר, פאַרוואָס דער קינסטלער פאָדערט דעם סטיל פון דער עפּאָכע. אין אים געפינט ער אַ טייל פון זיין „איך" און דעם וועג צו באַשאַפען אַן אייגענעם סטיל.

אָבער דאָס אַלץ וואָלט בלויז געווען אַ פּריוואַט־זאַך פון די קינסטלער, אויב די אַלגעמיינע באַדערפעניש אין דעם עפּאָכע־סטיל וואָלט אין דער אמת'ען ניט געשטרעבט צו אַן אַנדער ציל. דאַרף מען זיך ניט וואונדערען, וואָס די דאָזיגע פאָדערונג ווערט אַרויסגעשטעלט ניט אַזוי פיל צו דער פרייער קונסט, ווי צו דער אַנגעווענדעטער, דער פּראַקטישער? פאַר'ן הויז און פאַר די הויז־כלים, פאַר די אינסטרומענטען, פאַר'ן גאַרטען, פאַר דער קירך, טעאַטער, שול, מוזעאום, קאַזאַרמעס, פאַר פאָנטאַנען און בריקען, פילט זיך אַ פיל שאַרפערע באַדערפעניש אין אַ מאָדערנעם סטיל, איידער פאַר דער פּלאַסטיק און געמעלען. פאַר וואָס? דאָס איז אַ פּראַקטישע קונסט, און מען רעדט וועגען דעם, אַז די קונסט שפּילט דאָ אַ באַדינענדע ראָלע. זי אונטערוואַרפט זיך כלומרשט צו אויסערעסטעטישע צילען. מיר דאַכט

זיך, אז „באדינגענדע קונסט" איז זעהר ניט קיין געראטענער אויסדרוק. די קונסט רעספעקטירט די אידעע פון ציל אבער פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי זי ווארפט זיך אונטער דעם געזעץ פון מאטעריאל. א גרעניצלאזער ווילקיר איז אומעטום פרעמד דער קונסט, קוים איז נאר דער פאקטאר פון סטיל געגעבען. די קונסט אונטערווארפט זיך דער אידעע פון ציל פונקט אזוי, ווי מיר געהארכען דעם געזעץ פון דער נאטור אין פראקטישען לעבען. מיר ווערען אונטערטעניג, כדי צו הערשען איבער דער נאטור. די קונסט נעמט אריין דעם סטיל אין איר איינהייט, זי מאכט דעם ציל פאר א פאקטאר פון סטיל. מעג אט דער פאקטאר דאמינירען אין א ווערק, איז אבער נאך אלץ דערפון ניט געדרונגען, אז די פראקטישע קונסט איז אין ווארצעל געגענזעצליך צו יעדער אנדערער, וואו איבער דעם סטיל הערשט אדער דער מאטעריאל, אדער די טעכניק, דער געגענשטאנד אדער די פארם. דער אונטערשיד באשטעהט אויך ניט אין דעם, וואס די ווערק פון דער פראקטישער קונסט דינען ניט בלויז פאר עסטעטישער קאנטעמפלאציע, נאר האבען ח ו ץ ד ע ם אויך א געברויכליכען ווערט. דאך איז זי פארבונדען מיט אט דעם אומשטאנד און שטעלט מיט זיך פאר די עסטעטישע פאלגע פון דער מעגליכקייט פון אזא געברויך. דער הויפט־אונטערשייד באשטעהט אין אט וואס: בעת די אנדערע קונסט־ווערק זענען פארשלאסען און פארענדיגט, בילדען זיי ניט אין דער פראקטישער קונסט קיין פארענדיגט גאנצעס פאר דער עסטעטישער קאנטעמפלאציע, נאר שליסען אומבאדינגט איין א ריי פארהעלטעגישען צו עפעס אנדערש. א טעמפעל, א וואוינונג, א שטול, א בעכער — פארגלייכט זיי מיט בילדער, סטאטוען, צייכענונגען — און איר וועט דערפילען, אז איין גרופע איז פארענדיגט אין זיך גופא, און די צווייטע —ווארט אויף א דערגענצונג און ווייזט אן אויף איר. זיי ווארטען אויף א דערגענצונג, ווי א פראגע פאדערט אן ענטפער אבער זייער דערגענצונג איז — דער מענש. זיי באקומען זייער דערגענצונג — אפילו די עסטעטישע — בלויז ווען א מענש באנוצט זיי. דאס איז טאקע די גרויסע אנטדעקונג פון דער קינסטלערישער מלאכה פון אונזער צייט: דער פון דאס ניי באגריי־

פענער אמת, אַז אויף די געגענשטאַנדען פון דער פּראַקטישער קונסט טאָר מען ניט קוקען, ווי אויף פּאַרטיגע שאַפונגען, נאָר אַז זיי דאַרפען בלייבען צוגענגליך פאַר'ן געברויך, און בלויז דער, וואָס באַנוצט זיי, גיט זיי די לעצטע פאַרענדיגונג. דער בעבער און די האַנט, וואָס הויבט אים אויף, דאָס הויז און זיינע איינוואוינער, דער טעמפּעל און א יום־טוב פייערונג, דער פּאַרק און דער אין אים שפּאַצירענדיגער עולם באַשאַפען צוזאַמען דאָס גאַנצע קונסטווערק.

צוליב אַט דער אורזאַך איז נויטווענדיג אַ געוויסע קאָאָרדינירונג פון אַזאַ ווערק מיט זיין דערגענצונג. בלויז אין דער פּינקטליכער צו־פּאַסונג צום מענש באַקומט די זאַך איר סטיליסטישע גאַנצקייט. און דערביי רעדט זיך דאָ ניט וועגען דער פּשוטער צוועקמעסיגקייט בנוגע דער באַפרידיגונג פון אַ געוויסער באַדערפעניש — דאָס פאַרשטעהט זיך פון זיך אַליין — נאָר וועגען דער עסטעטישער צופּאַסונג פון אַן עמאָציאָנעלען כאַראַקטער. אָבער אַט דער דערגענצענדער עלעמענט איז פאַרענדערליך. מיר, די מענשען פון היינט צוטאָג, זענען אַנדערע (און מיר ווייסען עס) ווי די מענשען פון פאַרצייטענס אָדער פון מיטעלאַלטער, אַנדערע ווי אין דער ווייסמארישער צייט. הייסט עס, אַז אויך אונזער פּראַקטישע קונסט דאַרף זיין אַן אַנדערע. אַ הויז און די הויז־כלים דאַרפען געביטען ווערען, ווייל מיר אַליין זענען אַנדערש געוואָרען. זייער סטיל — אויב זיי דאַרפען בכלל האָבען אַ סטיל — ווערט באַשטימט ווערען דורך די אייגענטימליכקייטען פון דעם מענש פון אונזער צייט. אַט דאָס איז דער זין און דער גרונד פון אונזער פאָדערען אַ מאָדערנעם סטיל. די געגענשטאַנדען פון דער פּראַקטישער קונסט דאַרפען זיין היינטצייטיליך, מאָדערן אין דעם דאָזיגען זין פון וואָרט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט מאָדע. אימיצער מוז זיך דאַך צופּאַסען. דער מענש אָדער דאָס ווערק; און אויב דער מענש פּאַסט זיך צו, איז עס אַ זונדערבאַרער מאַסקאַראַד. די פּראַקטישע קונסט, אויב זי איז ניט מאָדערן, איז סטיללאָז. אמת, בלויז אַ נישטיגער טייל דערפון, וואָס הייסט מאָדערן, באַדייט אַן עס־טעטישע צופּאַסונג צו דעם מענש פון אונזער צייט.

מיר פאַרשטעהען פאַרוואָס די ברענענדיגע באַדערפעניש אין

מאָדערנעם סטיל איז גראָד אין אַט דעם צווייג פון דער קונסט אַזוי אויסגעשפּראָכן: אין דער אַנגעווענדטער (פּראַקטישער) קונסט פאַלן דאָך די צוויי באַגריפן מאָדערנער סטיל און סטיל צענויף. מיר פאַר־שטעהען אויך, פאַרוואָס די דאָזיגע פראַגע באַרירט אַלעמען, ניט בלויז די קינסטלער. אָבער דאָ ווערט צוגעמישט נאָך איין אומשטאַנד, וואָס גיט צו דעם באַגריף „סטיל" אַ העטעראָגענישען ביי־טעם. בלויז בנוגע זעלטענע געגענשטאַנדען פון אונזער טעגליכען געברויך קאָנען מיר באַמיען די קינסטלער, אפילו צוליב ריין־עקאָנאָמישע באַטראַכ־טונגען. מיר ווענדען זיך צו בעלי־מלאכות, פון וועלכע מיר קאָנען ניט ערוואַרטען קיין אָריגינעל שאַפען. אין בעסטען פאַל קאָנען זיי געבען אַ נישקשה'דיגע נאָכאַמונג. ניט קוקענדיג אָבער דערויף, דאַרפען אויך זייערע ווערק זיין ניט בלויז צוועקמעסיג צוגעפּאַסט צו די געביטענע און פון דאָס ניי אַנטוויקעלטע באַדערפעגישען, נאָר אויך באַהויכט פון דער עסטעטישער שאַטירונג פון אונזער צייט. מיר דאַרפען זיך פי־לען אויך ביי אַזוינע ווערק אַלס עסטעטישע דערגענצונג. דאָס איז מעגליך בלויז אין דעם פאַל, ווען די בעלי־מלאכות געפינען אַ פאַרטי־גען דורך די קינסטלער באַשאַפענעם עפּאָכע־סטיל, וועלכען זיי קאָנען נאָכמאַכען. דעריבער איז נויטיג, אַז דער עפּאָכע־סטיל זאָל פון אָנ־הויב אָן זיין אויסגערעכענט אויף נאָכאַמונג. ערשטענס דאַרף ער זיין צוגענגליך אין זיינע קלאָרע פּרינציפּען און אין די אייגענשייגליכע כאַ־ראַקטערס פון די פאָרמען. צווייטענס דאַרפען די סטיל־פאָרמען זיין אויסגעהאַלטען אין אַזאַ גייסט, אַז ביי דער נאָכאַמונג זאָלען זיי ניט צו לייכט פאַרלירען זייער עמאָציאָנעלען כאַראַקטער. קורצער גערעדט, פון דעם מאָדערנעם סטיל אין דער אַנגעווענדטער קונסט פאָדערט זיך, אַז ער זאָל זיך טויגען פאַר ד ע ר ב ר י י ט ס ט ע ר פ אַ ר־ש פּ ר י י ט ו נ ג.

ניט יעדער סטיל, ווי פולקאָמען ער זאָל ניט זיין, באַפרידיגט אַט די פאָדערונג. עס נעמט זיך דערפון, וואָס צווישען דער ענליכקייט פון די זינליכע פאָרמען און דער פאַרוואַנדשאַפט פון זייערע שטימונג־אימפּרעסיעס מוז זיך ניט דווקא אַרויסווייזען אַ פּאַראַלעליזם. פונקט ווי זינליך־פאַרשידענע פאָרמען קאָנען זיין פאַרוואַנדט לויט זייער

שטימונג. אזוי קאָנען פאָרמען, וואָס זענען זעהר ענליך צווישען זיך, זיין פאַרשידען לויט זייער שטימונג. די פאָרמען, ווידער, וואָס זייער עמאָציאָנעלער כאַראַקטער קאָן געביטען ווערען דורך די מינדסטע אָפּווייכונגען, קאָנען ניט פאַרשפּרייט ווערען מיט דער הילף פון אויסערליכער נאָכאמונג. דערפאַר טויגען זיי ניט פאַר דעם סטיל פון דער אַנגעווענדטער קונסט און דאַרפען צוריקגעוויזען ווערען.

עס קאָן זיך אויסווייזען וואונדערליך, וואָס אין דער אַנגעווענדטער קונסט דאַרף דער קינסטלער זיך רעכענען מיט די פעהיגקייטען פון זיינע נאָכאַמערס, אָבער ער קאָן זיך ניט אָפּזאָגען פון אַט דער פליכט אַהן שאַדען פאַר זיך גופא. אויב ער האָט ערפאָלג — אַליין איינס, צי ער וויל עס אָדער ניט — וועט מען נאָכמאַכען זיינע מעטאָדען. און אויב זיין מייסטערשאַפט איז צו ראַפינירט, אויב פאַר זיינע פאָרמען זענען וויכטיג ניואַנסען פון דער גרעסטער קאָמפּליצירטקייט, וועלען זיי אונטער די הענט פון די נאָכמאַכערס אינגיכען ווערען א חוזק פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר האָבען איבערגעלעבט א באַלערענדען ביישפּיל פון אַזא מין ביי דעם אזוי גערופענעם סטיל פון דעם זשורנאַל „יוגענד“. ביי געוויסע קינסטלער איז ער געווען א דינער, קאַפּריזינער שפּיל פון ליניעם; אבסאָלוט ניט צוגעפּאַסט צו וועלכער עס איז פּאָפּולאַריזאַציע, האָט ער זיך ביי די נאָכאַמערס אנטאַרט צו דעם אומערטרעגליכסטען אומזין. ביי די אומפאַרמיידליכע אָפּווייכונגען האָט ער פאַרלאָרען יעדען זין. דער קינסטלער דאַרף אכטונג געבען דערויף, אז זיינע נאָכפאָלגער זאָל ניט קאָנען צו שטאַרק קאַליע מאַכען זיין סטיל. אויב ער וויל דאָס ניט, וועט דער שלעכטער גערוך פון זייערע ווערק אינגיכען צושטעהן צו זיין נאָמען, און זיינע אייגענע זאַכען וועלען מוזען ליידען פון דעם צומיש פון אַט די אַסאָציאַציעס. אויף אַזא אופן ערשיינט דער באַגריף „מאָדערנער סטיל“.

ווי עס פאָדערט אים די אַנגעווענדטע קונסט אלס א זונדערבאַר געמיש פון דעם אווטאָנאָמישען מיט דעם העטעראָנאָמישען. כאָטש דעם אויטאָנאָמישען קומט דער ערשטער אָרט, דאַרף עס אָבער זיך רעכענען מיט דעם העטעראָנאָמישען געברויך. אויף דעם קינסטלער ליגט די פליכט צו ד י נ ע ן א ל ס מ ו ס ט ע ר פאַר אַנדערע, כדי זיין

קונסט

סטיל זאָל דורך דער פאַרשפּרייטונג מיט בער הילף פון אויסערליכער נאָכאָמונג קאָנען ווערען אַן עסטעטישער מנהג.

דער סטיל אין דער אַנגעווענדעטער קונסט באַדייט די עסטעטישע צופּאַסונג צו דעם כאַראַקטער פון דעם היינטיגען מענש. אַבער אַ צו־פּאַסונג אין וועלכען זין? ווי אַ פאַרב — רויט צו רויט? אָדער ווי גרין צו רויט? ביז איצט האָבען מיר אָפּגעלייגט דעם ענטפער אויף אַט דער פראַגע.

וואָס זוכען מיר אין די זאַכען, מיט וועלכע מיר רינגלען זיך אַרום, אין וועלכע מיר באַשאַפען ווי אַ מין פאָרטזעצונג פון אונזער „איך": אַן אָפּשפּיגלונג פון אונזער עקזיסטענץ? וועלען מיר אין זיי באַגעגע־נען אַלע יענע אייגענשאַפטען, וואָס כאַראַקטעריזירען אונזער עפּאָכע? אונזער פּסיכישע פעהיגקייט ווערט דעפינירט ווי אַ דערהויבענע „רייצבאַרקייט": צי ווילען מיר, אַז דאָס נערוועזע, האַווענדיגע, אויפ־גערעגטע, דער מאַרק־טומעל, די עפענטליכקייט, דער שרייענדיגער דורשט נאָך סענסאַציע, דאָס דעמאָקראַטישע און ניוועלירענדע, די דיסאָנאַנסען, דער אומגלויבען און דער דעקאָמפּאָזירענדער אַנאַליז פון אונזערע טעג זאָל זיין אַרום אונז, זיך אויסדריקענדיג אין אונזער וואוינונג און שטוב־כלים, און כסדר דערמאָנען אונז אַן זיך? אָדער אפשר זוכען מיר אַן אָפּשיידונג פון זיך אַליין? צו טראָגט ניט אונזער סטיל, אויף וויפיל ער האָט ענדליך גענומען קלאָר ווערען און דורכ־שלאָגען זיך אין די ווערק, למשל, פון ריכאַרד רימערשמידט'ען און טעאָדאָר פישער'ען, קיין אומצווייפעלהאַפטע שטריכען, וואָס לייקענען אָפּ אונזער עפּאָכע: רוהיג, נאָבעל־איינפאַך, שטיל, אָהן דריקענדער, צו גרויסער רייכקייט, מיט אַ טאַקט פאַר דיסטאַנץ? אויב אים זאָל באַשערט זיין צו ווערען דער סטיל פון אונזער עפּאָכע, ווי וואָלטען זיך אָפּגענאַרט די היסטאָריקער פון דער צוקונפט, ווען זיי וואָלטען גע־וואָלט אַרויסלייענען פון דער ירושה פון סטיל דעם כאַראַקטער פון אונ־זער צייט!

בראדער קריסטיאנסען

מען וועט אפשר זאגען, אז בלויז ביי אונז דריקט זיך די באדערפעניש אין סטיל אויס אין דעם זוכען פון קאנטראסטען, מחמת אונזער דור טראגט אין זיך אזוי פיל קרענקליכעס און אומעטיגעס. עס זענען אבער, דאכט זיך, פאראן מאנכע אנווייזונגען דערויף, אז די דערנעהענטערונג פון דער אנגעווענדטער קונסט צו דעם מענש גופא קומט אם אפטסטען פאר אין דעם גייסט פון דערגענצונגען אין דעם ענגסטען זינען פון ווארט. די שווערקייט פון דעם היסטארישען באוויז האט זיך טאקע גענומען דערפון, וואס אין דעם עפאכע־סטיל האט מען אזוי געמאלט די מענשען, גלייך זיי וואלטען שטענדיג געווען אין איינקלאנג מיט דער פון זיי אויסגעקליבענער אומגעבונג. די קונסט נעמט מען דירעקט ווי א שפיגעל פון לעבען. אבער אט די טעאריע פון טאַ־איינהייטליכקייט — אין דעם וועט מען שוין מיט אונז איינשטימען — איז גארניט אזוי זעלבסטפארשטענדליך, ווי עס ווייזט זיך אויס פון ערשטען בליק, און נויטיגט זיך אין א רעוויזיע. דא קאן איך פארבייגעהענדיג בארירען בלויז עטליכע מאמענטען, וואס רעדען געגען אט דער טעאריע.

ווי ארדנען מיר איין אונזערע ארבייטס־פלעצער און ווערקשטאטען: אזוי אז זייער שטימונג און טאן זאלען אפשפיגלען דעם אומרוהיגען קאמף פון אונזער געדאנק מיט די פראבלעמען, וואס רעגען אים, די בונטע לעבעדיגקייט פון דער שעפערישער פאנטאזיע און די באמיהונגען פון אונזערע הענט, אדער מיר גיבען זיי צו איינפאכע, ניכטערע שטריכען? איז עס ניט מערקווירדיג, וואס מיר זעהען אוניכטערע מעטום צו געבען אונזערע שלאפצימערען די שטימונג פון פרישקייט, אפפארבענדיג זיי אויף ווייס, העל־בלוי אדער מיט א ליכטיגען און פרישען געל, ווי די מארגענדיגע פרישקייט נאכ׳ן שלאף? „דאס הויז צווישען רויזען" אויף דער „מאטילדענהעהע" אין דארמשטאדט האט געמאכט אן עקספערימענט מיט דער צוזאמענקלינגענדיגער שטימונג פון מידקייט — א געמיש פון פארבען, וואס איז געווען ענליך צום ארצמאט פון מאן — און אלע האבען דערשפירט, ווי ניט אם פלאץ דאס איז. איך וועל ווייטער דערמאנען אן דעם הויז און די הויז־כלים פון די יאפאנער, די איבערראשענדע איינפאכקייט און מא־

נאטאניע פון זייער צימערן־אומגעבונג. איז דאס ניט קיין אנטיטעז צו זייער לעבעדיגען, לייכט־באוועגליכען כאראקטער, צו זייער ווי א קוואל שלאגעדיגען געשפּרעך און צו זייער האסטיגען געלעכטער? און די סומנע אנטיקע וועלט פון גריכענלאנד האט באשאפען יענע טעמפלען און יענע כלים, וואס אטעמען מיט אפאלאנישער קלארקייט, מיט א נאך ניט פארוועלקטער נאאיווקייט, און וואס האבען געקאנט אפנארען אונזערע היסטאריקער — ביז ניטשען — וועגען דעם כאראקטער פון דעם גריכישען פאלק. און די גאטישע קירכען, וועלכע זענען פול מיט דער שטימונג פון בין־השמשות'דיגער מיסטיק און ליידענשאפטליכען דראנג פון זעלבסט־פארלייקענונג, זענען אנטשטאנען אין דעם פרעהליכען מיטעלאלטער, אין דער עפאכע פון פריידיגע יום־טובים — א ווידערשפּרוך, וואס די שטאדט קעלן האט נאך ביז איצט אויפגעהאלטען אין דער אנטיטעזע צווישען אירע געביידעס און אירע איינוואוינער — לוסטיגע ליבהאבער פון קארניוואלען.

איך בין לחלוטין ניט אויסען מיט אט די אנצוהערענישען צו מאכען א סוף צו דער לייזונג פון דער פּראבלעם, איך האב זי בלויז געוואלט קלאר אוועקשטעלען אלס פּראבלעם. לאמיר אינקורצען ווידערהאלען, צו וואס מיר זענען געקומען. דער סטיל אין דער אנגעווענדטער קונסט איז אומבאדינגט דער עפּאכע־סטיל: א צופּאסונג צו די אייגענטימליכקייטען פון דעם מאדערנעם מענש. די געגענשטאנדען פון דער לעבענס־אלטעגליכקייט זענען נאך עסטעטיש ניט פארענדיגט. בלויז אין דעם געברויך, בלויז צוזאמען מיט דעם מענש ווערען זיי איינגעשלאסען אין א גאנצער איינהייט. דערפאר האט פאר זיי א וויכטיגע באדייטונג די עסטעטישע באציהונג צו דער אייגענטימליכקייט פון דעם מענש, וועמען זיי דינען און אין ארום וועלכען זיי דארפען זיין. איצט פרעגט זיך: וואס פאר אן ארט צופּאסונג פאדערט זיך דא: טאן־איינהייטליכקייט און פונקציאנעלע אידענטישקייט — דאס איז די איינפאכסטע השערה — אדער א צופּאסונג אין גייסט פון א דערגענצענדער צעטיילונג פון די פונקציעס, ווען דער מענש שטעהט מיט דער קונסט, וואס ער האט באשאפען, אין דער באציהונג פון טעזיס און אנטיטעזיס? און מיר האבען געפונען עטליכע מאמענטען, וועלכע רע־

בראַדער קריסטיאַנסען

דען פאַר אַט דער אַנטיטעטישער פאַרהעלטעניש. אַבער אויף אַט דער פראַגע איז שווער צו ענטפערען דערפאַר, וואָס אין דער געגענוואַרט קענען מיר דעם מענש, אבער מיר זענען ניט זיכער אין אונזער סטיל. בעת בנוגע די פאַרגאַנגענע דורות, קענען מיר — פאַרקערט — דעם סטיל און וועגען דעם כאַראַקטער פון די מענשען קאָנען מיר שליסען בלויז פון דער ירושה פון זייער קולטור. און ביי אַזאַ שלום זענען מיר ניט פולשטענדיג זיכער אין דער ריכטיגקייט פון אונזער מעטאָד.

אין דער אַנגעוואַנדטער קונסט פאָדערט דער אינטערעס פון דעם פובליקום א מאָדערנעם סטיל, אין דער הויכער קונסט פאָדערט עס דער אינטערעס פון די קינסטלער, מחמת דאָ זוכט יעדערער — וועלענדיג געפינען דעם אייגענעם סטיל — די אנרעגענדע איינדרוקען ביי די פאַרוואַנדטע גייסטער פון דער באַטרעפענדער צייט און קערט דעם חוב צוריק אין די ווייטערע זוכענישען. נו, און ווי האַלט עס דאָ מיט דעם עפּאָכע־סטיל? וואָס באַשטימט אים: דאָס מיטצייטליכע אָדער דאָס ניט־מיטצייטליכע? איך בין גענייגט צו דענקען, אז יעדע צייט דריקט זיך אויס אין די מענשען אויף א צווייאַיגען און אַנטיטעטישען אופן. און דערביי אזוי, אז דער טעזיס וועגט אריבער ביי דער מערהייט, און דערפאַר אַנטפּלעקט זיך אין אים דער כאַראַקטער פון דער צייט. אַבער ביי דער מינדערהייט ווייזט דער ווידערשפּרוך אַרויס זיין קראַפט. אבער די קינסטלער קומען פון ביידערליי זייטען, און אַזוי ווי יעדער איינער נעמט פון די מענשען פון זיין קרייז און ער ג י ט אויך זיי — אַרבייט זיך אויף אַזאַ אופן אויס אויף יעדען פון די צוויי געביטען א געמיינזאַמקייט פון שעפּפערישע מעטאָדען. אַזוי אַרום געפינען מיר ניט איין עפּאָכע־סטיל, נאָר גאַנצע צוויי. אַבער זיי ערשיינען אומבאַדינגט אַלס היפוכים, ווייל זיי ווענדען זיך צו איין און דעם זעלבען דור. זיי וועלען שטענדיג קעמפען פאַר דער אויבערהאַנט.

האָט זיך דען אין אונזערע טעג ניט נאָך קלערער אויסגעדריקט די צווייאַיגקייט פון דעם מאָדערנעם סטיל? אויף איין זייט זעהען מיר

קונסט

אלץ, וואָס האָט זיך פאַראייניגט אונטער דעם נאָמען אימפּרעסיאָניזם.
כאָטש איך זעץ פאָראויס אין דעם אימפּרעסיאָניזם די אַנוועזנהייט
אויך פון אַזוינע מאָמענטען, וואָס שפּרייטען זיך אויס איבער די גרע־
ניצען פון אונזער צייט, דאָך קאָן מען זאָגען וועגען אונזער מין אימפּרע־
סיאָניזם און נעאָ־אימפּרעסיאָניזם, וועגען דער מאָלעריי פון פאַרבען־
אויסלייגונג, פון פּוענטעליזם און אויגענבליקען, אַז זי כאַפּט דוקא אויף
דאָס מיטצייטליכע און שפּיגעלט אָפּ דעם הערשענדען כאַראַקטער פון
דער עפּאָכע. דאָס איז—דאָס צובראָכענע, סקעפּטישע, מידע, ״אָפּיניר־
טע, קליגעלדיגע, די איינגעגעסענקייט אין די נידריגע אינסטינקטען, די
איילעניש און די נערוועזע אומרו, וואָס איך אינטערעס איז צוגע־
שמידט צו איין אויגענבליק און וואָס ערוואַרט די באַפרידיגונג פון איין
אויגענבליק. אלס ביישפּיל קאָנען דינען: סלעפאָגט, וואַנהאָג, מאָנע,
דעגאָס, טולוז־לאָטבעק. אויף דער אנדער זייט געפינען זיך די, וואָס
זייערע ווערק האָבען א מאָדנעם אויסזעהן, אַז אויסזעהן, וואָס איז
ווייט פון דעם היינטיגען טאָג, ווי די איינזאַמקייט פון בליהענדע אינ־
זעלעד אין דעם אָפענעם ים; וואָס זייער קונסט קוקט פריידיג און פול
מיט צוטרוי, מיט א געזונט געפיל און אַ געזונטער קראַפט, מיט אָפע־
נע, קינדישע אויגען און מיט א ריין הארץ: טאָמאַ, האַידער, מארע,
לייסטיקאָוו, פאָגעלער, סטעפּס. אבער וועמעס טענדענץ וועט גובר זיין
— צי היינט, צי ביי די צוקונפטיגע דורות — דער טעזיס אָדער דער
אַנטיטעזיס פון דער עפּאָכע, סלעפאָגט אָדער טאָמא?

V.

דאָס פאַרשטעהן פון קונסט און די קונסט-קריטיק.

די, וואָס קוקען אויף קונסט גאָר נאַאיוו, אידענטיפיצירען גע־ווענליך דעם עסטעטישען אָביעקט מיט דעם אויסערליכען ווערק און נעמען אָן, אַז ער איז געגעבען שוין אין דעם אַקט גופא פון דער עס־טעטישער אַנשויאונג. מיר, פאַרקערט, האָבען געפונען, אַז דער עס־טעטישער אָביעקט אַנטשטעהט דורך אַ באַזונדערען צווייטערליך־שעפ־פערישען סינטעז, און אַז דאָס אויסערליכע ווערק איז ניט מער ווי דאָס מיטעל, וואָס רעגט אָן דעם צושויער צו אַזאַ סינטעז. דער עס־טעטישער אָביעקט קאָן אויף אַזאַ אופן ניט זיין אָפפיקסירט. ער איז ניט איינגעשלאָסען אין דעם מארמאָר, אויפ'ן לייווענט, אין דער קאָמ־בינאַציע פון טענער. ער דאַרף יעדעס מאָל אַנטשטעהן פון דאָס ניי. דערפון נעמט זיך די מעגליכקייט פון ניט פאַרשטעהן דעם קונסט־אָביעקט אָדער פון אַ פאַלשען פאַרשטעהן.

דאָ טרעטען מיר אַריין אין אַ ווידערשפּרוך מיט דעם אַלגעמיין־פאַרשפּרייטען פאָראורטייל פון דעם עסטעטישען סענסואַליזם. מיר באַהויפּטען, אַז דער אינהאַלט פון דעם קונסט־ווערק איז אויסערזינ־ליך. מיר האַלטען פאַר פּוסט יעדעס ווערק, אין וועלכען דער געבוי פון די זינליכע פאָרמען מאַכט זיי ניט פאַר דעם אויסדרוק פון דעם אויסער־זינליכען. מיר זאָגען, אַז עס האַנדעלט זיך ניט אום פאַרבען, ליניעס, טענער — אַלס אַזוינע — אפילו ניט אין דער זעהבאַרער גע־שטאַלט פון דעם פאַרגעשטעלטען געגענשטאַנד, נאָר אין יענעם ניט־זעהבאַרען, וואָס שטעהט הינטער דעם בילד און זיינע פאָרמען, און אַז די ריי־פאָלגונג פון די טענער האָט אַ באַדייטונג בלויז אַלס זינלי־כער אויסדריקער פון אַן אויסערזינליכער מעלאָדיע.

אַלס די אמת'ע עלעמענטען פון דעם עסטעטישען אָביעקט ער־שיינען פאַר אונז די צווייטערליכע איינדרוקען, וועלכע מיר האָבען אָנגערופען אין אונטערשיד צו די זינליכע איינגענשאַפטען, עמאָציאָ־נעלע איינגענשאַפטען אָדער שטימונג־אימפּרעסיעס.

בראָדער קריסטיאַנסען

פון אַלע פּסיכישע ערשיינונגען האָבען די פאָרשער צוליב גאַנץ פאַרשטענדליכע אורזאַכען אַם ווענינגסטען אויפמערקזאַמקייט געשאַנ־קען די שטימונג־אימפּרעסיעס. אָבער ווי זאָל מען, למשל, גענעטיש פאַרשטעהן דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דער זינליכער איינגעשאַפּט און דער שטימונג־אימפּרעסיע? ווי אַ דאַטע וואָס איז אָרגאַניש אַנט־שטאַנען? ווי אַן אַסאָציאַציע, וואָס איז ערוואָרבען געוואָרען אין דעם לעבען פון דעם מין און וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם יחיד בירושה? זענען בלויז די עמפּירישע אָביעקטען די אורשפּרינגליכע וועקערס פון די עמאָציעס און טראָגט זיך בלויז דער אַסאָציאַטיוור־עמאָציאָנעלער טאָן איבער אויף די זינליכע אייגענשאַפטען, וואָס אין זיי? צי דערפאַר ווירקט רויט אויפרייצענדיג — און דאָס באַמערקען מיר אי ביי די נידעריגערע פעלקער, אי ביי חיות — ווייל בלוט איז רויט; האָט זיך דאָ אָפּגערופען דער ציטער פון אויפרעגונג ביים אַנ־בליק פון בלוט? ענליכע ביישפּילען וואָלט מען געקאָנט ברענגען ניט ווייניג, אָבער אין זיי ווערט ס'רוב ניט פּינקטליך איבערגעגעבען דער כאַראַקטער פון יענעם פאַרבען־ניואַנס, וואָס פאָדערט אַן ערקלערונג. און ווען מיר דערהויבען זיך צו די העכערע פאָרמען פון דעם סינטעז, און מיר זעהען, ווי אין מוזיק, למשל, ווערען מיט דער הילף פון קאָמ־בינאַציעס געבוירען אַלץ נייע שטימונגען, און עס ווערען אַנטפּלעקט אומאויסשעפּליכע מעגליכקייטען; ווען מיר זעהען אויך וויפיל דאָס פאַרשטעהן די שפּראַך פון מוזיק איז פריי פון אַלעם יענעם אומקלאָ־רען, וואָס אַזוינע אַסאָציאַציעס אַנטהאַלטען שטענדיג, ווי עס איז, פאַרקערט, פּונקט אַזוי קלאָר און אינערליך־באַשטימט, ווי די שפּראַך פון די מאַטעמאַטיקער, דאַן, דאַכט זיך מיר, פאַרשווינדט יעדע מעג־ליכקייט צו ערקלערען די דערמאָנטע ערשיינונג מיט דער הילף פון אַסאָציאַציעס. עס הויבט אָן זיך אויסצואווייזען, אַז דער צוזאַמענ־האַנג צווישען דער זינליכער פאָרם און דער שטימונג־אימפּרעסיע איז מער אוממיטעלבאַר, באַשטימט, איינדייטיג, ווי צווישען דעם עמפּי־רישען אָביעקט און זיין עמאָציאָנעלען כאַראַקטער.

די באַהאַנדלונג פון די דאָזיגע און ענליכע פּראָבלעמען קאָנען מיר איבערלאָזען צו דער פּסיכאָלאָגיע. פאַר דער עסטעטישער באַדייטונג

פון די עמאציאנעלע פאקטארען איז ניט וויכטיג די באקאנטשאפט מיט זייער גענעזיס. די מעגליכקייט דערפון, אז די מלחמות און די ליידענשאפט פון די מענשליכע אין טירישע אורעלטערען פייערען זייער תחית המתים אין די קונסט־איבערלעבונגען — די דאזיגע טעאריע וועט פאר פילע זיך אויסווייזען אלס אנציהענדיג, אבער זי איז אין דער'אמת'ען ניט מער ווי א פוסטער שפיל פון דער פאנטאזיע. ווארים זי וועט קיינמאל ניט ערקלערען דאס, וואס איז באמת דאס וויכטיגסטע אין דעם קונסטווערק — די *קאמבינאציע* פון די עלעמענטען, וואס איז איינציג אין איר אייגענארט. מען דארף ניט פארגעסען, אז בעטהאווען האט בוכשטעבליך צו טאן מיט דיזעלבע עלעמענטען, וואס דער קאטארינשטשיק.

דאס פארשטעהן א קונסטווערק ווערט ניט פארענדיגט אין דער זינליכער אנשויאונג. דאס לעצטע איז אבער א נויטווענדיגער באדינג, מחמת די אנשויליכע אייגענשאפטען דינען אלס פארמיטלער פון די עמאציאנעלע. עס זענען אבער דא פארשידענע אנשוואונגען. דער בליק, וואס ווערט געווארפען אויף א קונסטווערק איז ניט דאסזעלבע, וואס דער בליק אויף דער עמפירישער ווירקליכקייט. *דאס עסטעטישע אנשויען שיידט זיך אונטער פון דעם עמפירישען.* די אומעהנליכקייט נעמט זיך דערפון, וואס זיי ווערען ארויסגערופען פון פארשידענע אינטערעסען. ווען מיר געהען, מידע, ארוים פון א בילדער־גאלערעע אין גארטען אדער אויפ'ן גאס, פאסירט עס, אמת, אז מיר ברענגען מיט זיך די עסטעטישע לייטונג פון דעם ווילען: די וועלט איז דענסמאל פול מיט פארבען און ליכט און זעהט עפעס אוים אז אנדערע, א ניט געוועהנליכע.

די עמפירישע אנשויאונג איז בלויז א מיטעל אויף צו אריענטירען זיך פאר די צילען פון דעם פראקטישען לעבען. יעדערער לערנט זיך אוים די עמפירישע אנשויאונג אין א גענינגענדער מאס ביי דער פשוט'ער לעבענס־נויט. אבער ניט אלע זענען אין א גלייכער מאס

פאַרגעניגט פאר דער עסטעטישער אַנשויאונג. די דאָזיגע פעהיגקייט קאָן מען, אמת, פאַרשטאַרקען מיט דער הילף פון איבונג, זי איז אָבער ניט קיין לעבענס־נויטוועגדיגקייט. איר פעלט אָפט דער אויסערליכער סטימול. דער חלוק צווישען דער עסטעטישער און עמפּירישער אַנשויאונג דריקט זיך אויס שוין ביי דער אויפפאַסונג פון דעם *געגנשטאַנדליכען* אין דעם ווערק. די עמפּירישע אנשויאונג ווייזט דערביי אַרויס א טענדענץ זאָפאָרט איבערצוגעהן צו דער אויספאָרשונג פון די דעטאַלען כדי אויסצוגעפינען די כאַראַקטעריסטישע סמנים, די אָנווייזונגען אויף אורזאַך און פאָלגע, און קודם כל, כדי צו געפינען די אָנווענדונגס־פונקטען פון א פּראַקטישען אינטערעס. נעמט אלס ביישפּיל מאנכע עקסטרעמע פאלען: ווי א פּויער באַטראַכט אַ פּייזאַזש, א פאַסטוך — א סטאַדע, אַ וואלד־אויפזעהער — אַ וואַלד, אַ זעלנער — א מלחמה־בילד. וואָס ענגער עס איז די פּראַקטישע נאָענטקייט צום געגנשטאַנד, אַלץ מער דעטאַלען ווערען אַרומגעכאַפּט פון דעם שנעלען קוק, און צענויפגעפלאָכטען אין א נעץ קויזאַלע (אורזאכליכע) פאַרהעלטעגישען. וואָס פאר אן אינטערעסאנטעס קאָן מען דאָ זעהן? פאַרוואָס איז דאָס דאָזיגע אַזוי און ניט אנדערש? וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס דארף מען דאָ טאָן? ווי וואָלט מען געדאַרפט האנדלען? חוץ אלעם גליטשט זיך דער בליק אָהן באַטייליגונג, ער זוכט כסדר בלויז אינטערעסאנטע איינצעלהייטען. פאָר אַט דעם צוועק איז נויטיג אזא לאגע פון דעם צושויער, ביי וועלכער מען קאָן קלאָר דערקענען די געגנשטאַנדליכע איינצעלהייטען. *דער צושויער געהט מעגליך נעהנטער צו צום אביעקט.*

די עסטעטישע אַנשויאונג פון דעם געגנשטאַנדליכען, דאָגעגען, איז פאַרענדיגט אַזוי שנעל, ווי עס איז אַרויסגערופען די געווינשטע שטימונג־אימפּרעסיע. די זוכענישען פון אינטערעסאנטע דעטאַלען שלאָגען געוועהנליך אַראָפּ פונ'ם ריכטיגען וועג. דערפאַר איז דאָ נויטיג אַזאַ פּאָזיציע פון דעם צושויער, ביי וועלכער עס ווערט אם לייכטסטען ארויסגערופען דער איינדרוק פון דעם גאנצען אין איינקלאנג מיט דעם קינסטלערס פאַרטראַכטונג. און דאָס ווערט דורכאויס

ניט אַלע מאָל דערגרייכט ביים באַטראַכטען פון דער נאָענט. אויף אַזאַ אופן ווייזט זיך דער רייןֿאויסערליכער אונטערשיד צווישען ביי־דערליי אַנשויאונגען אַרוים אין דעם, וואָס די באַקוועמסטע פּאָזיציע פאַר דער עסטעטישער אנשויאונג פאַלט ניט אַלעמאָל צונויף מיט דער באַקוועמסטער פּאָזיציע פאַר דער עמפּירישער אויפפאַסונג. פאַר דעם צושויער, וואָס איז פרעמד צו קונסט, ערשיינט אַלס שטרויכעל־שטיין אין אַ פּלאַסטיש ווערק דער אומשטאַנד, וואָס דער קינסטלער פאַרבאַט צו באַטראַכטען זיין ווערק פון דער נאָענט. אַזאַ צושויער פעלט דאָן די געווינשטע קלאַרקייט פון די דעטאַלען.

אין דער דעקאָמפּאָזירענדער אימפּרעסיאָניסטישער מאַלעריי פון אונזער צייט קאָן מען געפינען אַ געוויסע פּעדאַגאָגישע באַדייטונג. זי ערציהט דעם עולם דערמיט, וואָס זי צווינגט אים צו קוקען פונדער־ווייטענס, זי געוואוינט אים אָפּ פון דער יאָגעניש נאָך אינטערעסאַנטע אייניצעלהייטען, זי פאָדערט אַ געוויסע דיסטאַנץ פון דעם בילד; דאָס אין דערפאַר וואָס גראָד פון דער נאָענט איז דער געגענשטאַנד פון אַזוינע בילדער ניט צו דערקענען.

בכלל האָט קיין שום קינסטלערישע שולע ניט אַנערקענט מיט אַזאַ קלאַרקייט, ווי דער אימפּרעסיאָניזם, דעם אונטערשייד צווישען דער עסטעטישער און עמפּירישער אַנשויאונג מיט אַלע פאָלגען, וואָס שטאַ־מען פון אָט דעם אונטערשיד. דער אימפּרעסיאָניזם מאַכט ניט דעם מינדסטען קאָמפּראָמיס מיט דער אומגעזעצליכער פאָדערונג פון דע־טאַלען אין דער קונסט, און ער מיידט אויס אַלץ, וואָס קאָן אַרויסרופען די זייטיגע עקסקורסיעס פון דעם עמפּירישען קוק.

אויף אַזאַ אופן בלייבט ביי דער אויפפאַסונג פון דעם געגענ־שטאַנדליכען אַ פּליוס אויף דער זייט פון דער עמפּירישער אנשוי־אונג. פאַרקערט, ביי דער אויפפאַסונג פון די זינליכע פ אַ ר מ ע ן פאַלט אויס אַ פּליוס אויף דער עסטעטישער אנשויאונג. אַלץ, וואָס באַציט זיך צו דער פאָרם: די באַוועגונג פון די איינצעלנע ליניעס און דעם שפּיל פון זייערע קאָמבינאַציעס, די גראָד פון זייער געדיכט־קייט און בלייבקייט, די פּאָזיציע פון די פאַרבען, וואָס ליגען זייט ביי

זייט אויף דער פלאַד, די שטופּענווייזע איבערגאַנגען פון זייער איבערגעזעטיגטקייט, פון זייער העלקייט, די געגענזייטיגע דורכגעדרונגענקייט פון דעם ליכט און די שאָטענס, די פאַלדען פון די אויבערפלאַכען, די גרופּירונג פון די קערפּערס און דעם רוים, די פונאַנדערטיילונג פון די שווערע מאַסען, די אויפהאַלטונג און דער דרוק, דאָס שטייגען און דאָס פאַלען און אַלע מינים פון פלאַנמעסיגע באַוועגונגען, דער טאָן און ריטם, דער גראָם און דער צענויפקלונג פון ווערטער — דאָס אַלעס אינטערעסירט בלויז אויף אַזוי פיל די עמפּירישע באַאָבאַכטונג, אויף וויפיל עס האָט א געגענשטאַנדליכע באַדייטונג און א פּראַקטישען ווערט: ווי אַן אָנווענדונגס־פּונקט פון צווישען־אָביעקטיווע שייכות׳ען און ווי אַן אָנווייזונג פאַר האַנדלונגען. אבער בלויז א קליינער טייל פאָרמען האָט א באַדייטונג אין אָט דעם זינען. די עמפּירישע אָנשויאונג לאָזט אַלעס איבעריגע אָהן אויפמערקזאַמקייט. די פאָלגע פון אָט דעם שטענדיגען איגנאָרירען די פאָרמאַלע אייגענשאַפטען איז דאָס, וואָס אָט די פאָרמען ווערען ווי פאַרבלאָסט. מיך האָט שטענדיג איבערראַשט, וואָס קענען דעם קאָן שוין גאָר ניט טאָן אפילו דער באַוואוסטזיניגער ווילען. בלויז דאָרט, וואו דאָס פאַרשטעהן דעם געגענשטאַנד טרעט צוריק, לעבען די פאַרבען און די רוימליכע פאָרמען אויף פון דאָס ניי אין זייער גאַנצער פרישקייט אין אוממיטעלבאַרקייט. געהענדיג אויף א וואַלד־שטעג זעהען מיר ביי א ווענדונג פון דעם וועג, ווי דורך די בוימער פינקעלט אַ טיפע, געדיכטע בלויקייט; נאָך א פּאָר שריט און מיר דערקענען אין איר דעם זיך אַראָפּלאָזענדיגען רוקען פון א באַרג, און אין אָט דעם מאָמענט פון פאַרשטעהן ווערט בלאָס די העלע בלויקייט, זי ווערט מאַט־גרוי. דאָס געגענשטאַנדליכע פאַרשטעהן פאַרשלינגט עפּעס די פאַרב. אָדער איר ליגט אויפ׳ן גראָז, דעם קאָפּ אָן אַ זייט, און איר באַטראַכט א לאַנדשאַפט, נאָך בעסער, ווען איר טוט עס מיט די פיס אַרויף — ווי עס זאָגט אין זיין ליד האַנס האָפּמאַן — און איר וועט איבערראַשט ווערען פון די וואונדערבאַר־זאַפטיגע פאַרבען פון אָט דעם — ואמת, שלעכט פאַרשטאַנענעם — בילד.

אין דער צייט, וואָס די עמפּירישע אָנשויאונג שענקט איז אויפ־

מערקזאמקייט בלויז יענע פארמעז, וואס דינעז אלס פראקטישע סמנים פוז אונטערשיידעז, אוז לאזט דורך אלע איבעריגע, וועלכע זי פארפרעמדט פאר דעם באוואוסטזיין, איז די עסטעטישע אנשויאונג כאראקטעריסטיש דערמיט, וואס זי שטעלט זיך אפ א לענגערע צייט אויף אלע זינליכע פארמעז, אז זיי זאלעז קאנעז ארויסווייזעז זייערע שטימונגעז, אז די איינצעלנע פארמעז זאלעז זיך פאראייניגעז איז גרופעז, אוז אט די לעצטע, ווידער — איז העכערע איינהייטעז פוז עמאציאנעלע סינטעזעז. שויז לויט דער נאטור קאז די עמפינדליכקייט צו די פארמעז־שפראך זייז פארשידעז ביי פארשידענע מענשעז. מיר ווייסעז דאך גארניט אויף זיכער וועגעז דעם צוזאמענהאנג צווישעז דער זינליכער אוז דער עמאציאנעלער אייגענשאפט. די עמפינדליכקייט קאז, נאטירליך, פארגרעסערט ווערעז מיט דער הילף פוז איבונג. אויף דער איבונג באזירט קודם כל די פעהיגקייט צו פאראייניגעז די פארמעז פאר העכערע סינטעזעז. עס זענעז פאראז „ניט מוזיקאלישע מענשעז". וואס מיינט דאס? זענעז זיי בלינד צו ווערטעז? איך גלויב, אז די גאנצע זאך באשטעהט דא איז א מערקווירדיג־נישטיגעז גראד פוז עמפינדליכקייט צו פארמעז אדער פוז סינטעטישער פעהיגקייט. ביי זיי דערגעהט עס צומאל ניט צו דער בילדונג פוז דעם מוזיקאלישעז אביעקט. אבער פאר וואס באגעגנעז מיר אט די ערשיינונג אלס אז אפענהארציג אנערקענטעז פאקט בלויז איז דער מוזיק, פארוואס ניט אויף אנדערע געביטעז פוז דער קונסט? אהז ספק איז דא פאראז אז אנאלאגיע. א קנאפ פארשטעהז פוז פארמעז איז דער בילדליכער קונסט ווייזט זיך, מסתמא, ארויס נאך עפטער, ווי איז דער מוזיק. דא שפירט מעז עס אבער ניט אזוי קלאר, ווייל דאס פארנעמעז זיך מיט דעם געגענשטאנדליכעז רופט ארויס די אילוזיע פוז קונסט־פארשטעהז, בעת איז דער מוזיק, וואו די פארם איז אלץ, מוז דער סוביעקט אליין פילעז זייז אומפעהיגקייט.

מיר האבעז שויז אנגעוויזעז, אז דער העדאנישער רייץ פוז די פארמעז איז בלויז א מיטעל צוצוציהעז אוז אנהאלטעז די אויפמערקזאמקייט אויף דער פארם. דער רייץ פוז די פארמעז מאכט אויף אזא אופז לייכטער די אויפפאסונג פוז די פארמאלע איינדרוקעז. דערפאר

בראָדער קריסטיאַנסען

האָט אויך די דעקאָראַטיווע קונסט אַ געוויסע קינסטלעריש־ערציהערישע באַדייטונג. פּונקט ווי דער אימפּרעסיאָניזם גרייט צו צו דער עסטעטישער אַנשויאונג פון דעם געגענשטאַנדליכען, לערנט די דעקאָראַטיווע קונסט אוים עסטעטיש אַנצושויען די פאָרמען. און דערפאַר איז עס מסתמא ניט קיין צופאַל, וואָס ביי די פעלקער, וועמעס קונסט טראָגט אַ שטאַרקען דעקאָראַטיווען שטעמפּעל — ביי די גריכען, יאַפּאַנער, און אין די ראָמאַנישע לענדער — איז די עמפּינדליכקייט צו דער פאָרמען־שפּראַך פ א ר ש פ ר י י ט ע ר, ווי ביי די דייטשען.

אַזוי ווי די עסטעטישע אַנשויאונג פון די פאָרמען און פון׳ם געגענשטאַנד איז פאַרשידען פון דער עמפּירישער, און דערפאַר אַנטשטעהט זי ניט דאָרט, וואו די לעצטע איז דער עיקר, און אַזוי ווי די עמפּירישע באַאָבאַכטונג ווערט באַשטימט דורך די פּראַקטישע לעבענס־אינטערעסען, ווערט דעריבער לייכטער די עמפּינדליכקייט צו דער עסטעטישער אַנשויאונג דאָרט, וואו אַט די פּראַקטישע אינטערעסען טרעטען אָפּ אויפ׳ן הינטערשטען פּלאַן. דעם סוביעקט׳ס באַפרייאונג פון דער וואָכעדיגער האָוועניש דאַרף דעריבער באַהילפיג זיין דער עסטעטישער אויפפאַסונג. פאַר פילע שפּילט אַזאַ ראָלע אַפילו דער זונטאָגדיגער טאָג. אַלץ זעהט דאָן אויס אַנדערש, יום טוב׳דיגער, שענער. אָדער אַ רייזע אין אַן אַפּגעזונדערטער שטאָדט, למשל, קיין ווענעדיג, וואו מיר שיידען זיך אָפּ פון דער מיטצייטליכקייט, און וואו אַלץ וואָס מיר זעהען, טראָגט דעם שטעמפּעל פון אינערליכער רוה. אָבער אַזוי שנעל ווי מיר ווערען צוגעוואוינט צו דער אומבאַקאַנטער וועלט, און אַלץ טרעט איינציגווייז אריין אין אַ שייכות צו אונזער אַלטעגליך לעבען — ווערט דער עמפּירישער מין אַנשויאונג ווידער דער דאָמינירענדער. אַפילו דעם עסטעטישען כאַראַקטער פון דעם פאַטערלאַנד אַנטפּלעקען מיר ערשט נאָך אַ לאַנגער שיידונג; מיר זענען צוגעוואוינט געוואָרען צו דער אויסשליסליך פּראַקטישער אָריענטירונג פון דיווירקליכקייטס־פאָרמען; בלויז די אָפּוועזענהייט האָט אונז באַפרייט פון אַט דעם צוואַנג. אין דעם זעלבען גראַד קאָן זיך דער, וואָס אויף אים דריקט דער יאָך פון אַ פאַרהאַרעוועט לעבען, מיט שוועריגקייט דערהויבען צו דער פרייהייט פון עסטעטישער אַנשויאונג. זיין

קונסט

בליק געפינט בלויז דאס, וואס אים אינטערעסירט פּראַקטיש, בלויז דאס געגענשטאַנדליכע שמידט אים צו אין בילדער און סטאַטועז. אָבער אַזוי שנעל, ווי דאס לעבען ווערט לייכט, שטעהט שוין די קונסט ביים שוועל. די פרייד עפנעט די אויגען פאַר דעם שעהנעם. דערפאַר קומען צו דער קונסט גיכער מענשען מיט אַ קלאַר הארץ. דאס קאָן מען באַמערקען סיי אויף איינצעלנע פּערזאָנען, — דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט, וואָס איז געוואָרען אַ שפּריך־וואָרט איז דאָ ניט קיין אורזאַך, נאָר אַ פאָלגע — סיי אויף גאַנצע פעלקער. „פּריזיאַ נאָן קאַנ־טאַט" (פּריזלאַנד זינגט ניט) — איז דאָס ניט אַ רעזולטאַט פון איר בלוט, וואָס איז שווער ווי די ערד?

די פעהיגקייט פון עסטעטישער אַנשוויאונג איז ניט דער איינציגער באַדינג צו פאַרשטעהן קונסט. אפילו דער, וואָס אים איז גע־לונגען צו באַפרייען זיך פון דעם עמפּירישען בליק, באַגרעניצען זיין געגענשטאַנדליכען אינטערעס און אָפּשטעלען זיך אויף די פאָרמען אַזוי לאַנג ביז זיי הויבען אָן צו רעדען צו אים, אפילו דער וועט ניט יעדעס ווערק פאַרשטעהן. און באַזונדערס דאָרט, וואו דער קינסטלער גיט אין דער קונסט עפּעס „נייעס", וואָס אַנטפּלעקט אַזוינס בלויז לאַנגזאַם אפילו פאַר אַן עסטעטיש ערצויגענעם בליק? עס איז דאָך קלאָר, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ ניט אום דעם געגענשטאַנדליכען פון עפּעס אַ ביז איצט ניט באַקאַנטען מין.

ביי אַ גלייכער עסטעטישער עמפּינדליכקייט און ביי אַ ריין־עסטעטישער באַציהונג צו אַ ווערק, קאָנען פאַרשידענע צושויער פאַרט קומען צו פאַרשידענע סינטעזען פון דעם אָביעקט. ניט אַלע פאַר־שטעהן דאָס ווערק אַזוי, ווי עס איז פאַרטראַכט געוואָרען. אַ גליי־כער גראַד פון עסטעטישער עמפּינדליכקייט גאַראַנטירט בלויז די קאָאָרדינאַציע אין די עלעמענטען; דערביי איז נאָך אַלץ מעגליך אַן אַנדער אופן פון סינטעז. און דאָס „נייע" אין דער קונסט באַדייט דאָס, וואָס עס ווערט ערוואַרט אַן אומגעוועהנליכער סינטעטישער אַרט. ווען מיר ווילען פּרוּווען זיך קלאָר צו מאַכען, אין וואָס עס באַשטעהט די פאַרשידענאַרטיגקייט פון דעם אָביעקט־סינטעז, ווילען מיר געפי־

נען בלויז דריי זיך בייטענדע גרייסען: 1) דער אויסוואַל פון דעם דאָמינירענדען פאַקטאָר, דער דאָמינאַנטע 2) די פונאַנדערגרעניצונג פון די נידעריגערע פאָרמאַלע סינטעזען, און 3) די באַשטימונג פון די אַבסטראַקציעס.

עס האַנדעלט זיך אום פאָלגענדען. עס פּאַסירט זעלטען, אַז די עמאָציאָנעלע פאַקטאָרען פון דעם עסטעטישען אָביעקט זאָלען זיך באַטייליגען אויף גלייכע באַדינגונגען אין דער ווירקונג פון דעם גאַנצען; עס איז, אדרבא, נאַטירליך, אַז אַן איינצעלנער פאַקטאָר, אָדער אַ קאָמבינאַציע פון עטליכע פאַקטאָרען, זאָל אַרויסגעפירט ווערען אויף דעם ערשטען פּלאַן און נעמען אויף זיך די לייטענדע ראָלע. די איבעריגע באַגלייטען די דאָמינאַנטע, פאַרשטאַרקען זי מיט זייער צענויפקלונג, דערהויבען זי דורך אַ קאָנטראַסט, רינגלען זי אַרום מיט דעם שפּיל פון וואַריאַציעס. די דאָמינאַנטע איז דאָסזעלבע, וואָס דער געבוי פון ביינער אין אַן אָרגאַנישען קערפּער; זי אַנטהאַלט די טעמע פון דעם גאַנצען, אַלץ טרעט אַריין אין אַ שייכות מיט איר. יעדער פאָרמאַלער, ווי אויך געגענשטאַנדליכער עלעמענט קאָן זיין די דאָמינאַנטע. דאַ ערשיינען ווידער אַלץ מער זיך פאַרצווייגענדע דיפערענצען. אויב דעם לייטענדען אָרט פאַרנעמט די ליניע, ווערט איין וויכטיגע דיפערענץ באַדינגט דורך דעם, צי די טרעגעריין פון דער הויפּטטעמע איז די ליניע פון די קאָנטורען, ווי ביי שווינד'ען, ביי דזשענעלי'ן און ביי די יאַפּאַנער, אָדער אַ נעץ פון אויספילענדיגע ליניעס, ווי ביי ליבערמאַן'ען און ביי וווהיסלער'ן. אָדער ווען איז פאַרענט שטעהט דאָס געגענשטאַנדליכע, זענען נאָך פאַראַן דיפערענצען בנוגע דעם, וואָס עס ווערט אונטערגעשטראָכען: דאָס פּסיכישע, אָדער אויסערליכע, די אַנטוויקלונג פון די כאַראַקטערס אָדער זייערע אָפּגעפאָרמירטע שטריכען, זייערע האַנדלונגען, די רעפלעקסיע, די אויסערליכע פאָרמירונגען, די סביבה אָדער די פּאָזיציע. אָבער צו פאַרשטעהן דאָס ווערק איז נויטווענדיג צו דערשפּירען און אַרויסצוטיילען די דאָמינאַנטע, ווי אויך זיך אָפּצוגעבען צו איר באַוועגונג. בלויז זי גיט צו יעדען אַנדערען עלעמענט און דעם גאַנצען זייער ענדגילטיגען זין. מיר זעהען, אַלזאָ: איין אָרט נייאיגקייט ווערט באַשאַפען דורך דער מעגליכ־

קיט ארײַנצופירען אַן אומגעװועהנליכע דאָמינאַנטע. אַ דאַנק דער אײנ־
הייטליכקייט פון דעם קינסטלערישען שאַפען פון אַ געוויסער עפּאָכע,
ווערען ערוואַכט באַשטימטע מינים פון דער דאָמינאַנטע און אַט די
ערוואַרטונגען פירען שפּעטער אַרײַן אין אַ טעות בײַ דער באַגעגעניש
מיט נײַע. די, וואָס האָבען צום ערשטען מאָל געלעזען יאַקאָבסאָן׳ען,
זענען געווען צוגעגרייט צו טרעפען אַן אומאויפהערליכע קייט געשע־
הענישען און האַנדלונגען, און זיי האָבען דעריבער ניט באַמערקט די
נײַע אַרט דאָמינאַנטע. אין געוויסע גראַוויורען פון רעמבראַנדטען
גיט די הויפּט־טעמע דער ריטם פון ליכט און שאָטענס און דער וועג
צום פאַרשטעהן ווערט שווער פאַר דעם, וואָס איז צוגעוואוינט צו דער
צענטראַלער באַדייטונג פון די קאָנטורען־ליניעס. דער, פאַר וועלכען
דאָס עמפּיריש־געגענשטאַנדליכע איז די געוועהנליכע דאָמינאַנטע, וועט
ווייניג וואָס פאַרשטעהן יעדע קונסט, וואָס רוקט אַרויס אין פראַנט
איינעם פון די פילע פאַקטאָרען פון דער שפּראַכען־פאָרם, און אויב
דאָס געגענשטאַנדליכע איז אַרײַנגענומען בלויז אַלס אַן אַנטיטעטישער
זייטיגער מאָטיוו, וועט דער צושויער איננאַנצען אַראָפּגעשלאָגען ווע־
רען פון׳ם וועג. פּונקט אַזוי וועט דער, וואָס ערוואַרט אין דער אַר־
כיטעקטור די הערשאַפט פון דעם מאַטעריאַל־כאַראַקטער, ניט פאַר־
שטעהן די קונסט פון די גאָטישע קאַטעדראַלען.

אַזוי ווי דאָס קינסטלערישע שאַפען איז הויפּטזעכליך אַ פּראָצעס
פון וואַקסען, איז דעריבער די אויסוואַל פון דעם דאָמינירענדען פאַק־
טאָר ניט קיין זאַך פון דעם קינסטלערס באַוואוסטזיניגען ווילען, נאָר
פון זײַן אינסטינקט. עס פּאַסירט זאָגאָר, אַז אין אַט דער הינזיכט
זאָל זיך דער באַוואוסטזיניגער ווילען און דער אינסטינקט פונאַנדער־
געהן צווישען זיך. דאַן וועט דער קינסטלער אַליין זײַן אַמווענינגסטען
אימשטאַנד זיך צו ערקלערען די ריכטונג פון זײַן קונסט. עס זענען
דאָ ניט ווייניג בײַשפּילען דערפון, ווי מאָלערס האָבען בדעה צו געבען
די „נאַטור“, דאָס הייסט צו מאַכען דאָס געגענשטאַנדליכע פאַר זייער
דאָמינאַנטע, בעת אין דער אמת׳ען ליגט דער שווערפּונקט בײַ זיי
אין אַ פאָרמאַלען פּרינציפּ. איך וועל בלויז דערמאָנען לעיבל׳ען און
מענצל׳ען אין זײַן געמעל: „די מאָדערנע ציקלאָפּען“. דאָס, וואָס עס

בראַדער קריסטיאַנסען

זאָגט דאָס ווערק, די קינסטלערישע פאַרטראַכטונג, וואָס גיט די נאָרם פאַר׳ן פאַרשטעהן, איז ניט דאָס, וואָס עס וויל, לויט זיין אייגענער מיינונג, דער קינסטלער אליין; דאָס איז אַ ציל, צו וועלכען דער קינסטלער רייסט זיך אינסטינקטיוו. אבער אַזאַ שפּאַלטונג צווישען דעם אינסטינקט און דעם ווילענס־באַוואוסטזיין אין דעם אויסוואַל פון דער דאָמינאַנטע קען לייכט ווערען פאַטאַל פאַר דעם קינסטלער, באַזונדערס, ווען די ענערגיע פון זיין דיסציפּלינירענדען ווילען איז אַ שטאַרקע.

לויט דעם וואָס פאַר אַ דאָמינאַנטע עס ווערט אויסגעקליבען, קאָן מען פעסטשטעלען עטליכע טיפּען פון קינסטלערישען שאַפען. אין דער מוזיק הערשט געוועהנליך די מעלאָדיע, עס זענען אבער אויך פאַראַן אַפּווייכונגען. צווישען די איצטיגע קאָמפּאָזיטאָרען זענען פאַראַן אַזוינע קינסטלער, וואָס מאַכען אומאויפהערליך איבערגעהן איינע אין דער אַנדערער די טאָנישע „אויבערפלאַכען״ אָהן אַ מעלאָדישען קאָנטור. עס זענען אויך דאָ אַנדערע, וואָס קלעפּען מאָזאַאיש צענויף די אָפּגעשניטענע שטיקלעך פון אַט די אויבערפלאַכען. אין דער בילדליכער קונסט ווערט דער גרונד־אונטערשיד באַשאַפען דורך דעם, וואָס איינע געהען ארויס פון דעם עמפּירישען אָביעקט, און אַנדערע פון דער פאַרמען־שפּראַך. אבער אינעווייניג פון יעדער גרופּע זענען מעגליך אומצעליגע סובדיוויזיעס, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס געגעליך אינדיווידועלע צענויפפלעכטונגען פון די איינצעלנע פאַקטאָרען קאָנען ווערען די דאָמינאַנטע. פאַר די „נאַזאַריאַנער״ איז כאַראַקטעריסטיש די קאָמבינאַציע פון ביבלישע טעמעס מיט די קאָנטורען פון דער צייכענונג, און אַ געוויסע פאַזע פון דעם נאַטוראַליזם פאַרבינדט די מאַלעריי פון דעם פרייען ליכט מיט דעם סוזשעט פון דעם לעבען פון ארימעלייט.

פאַר דער געהעריגער איבערראַשונג פון דעם עסטעטישען אָביעקט איז נויטיג, אחוץ דער ריכטיג געטראָפענער דאָמינאַנטע, אַ צווייטער באַדינג: אַן אַבסטראַהירונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער פאַרטראַכטונג פון דעם ווערק. איינס איז פאַרבונדען מיט דעם אַנדערען. די אויבערהאַנט פון איין געוויסען פאַקטאָר שטויסט צוריק

אַנדערע אין הינטערגרונד, און אַט די טענדענץ, ווען זי אַנטוויקעלט
זיך, ברענגט דערצו, אַז געוויסע פאַקטאָרן בלייבן גענצליך אין שאָ־
טן. אָבער אויב אַזוי, צו וואָס דאַרף מען זיי איגנאָנצן אַריינגעמען
אין דעם ווערק? דערפאַר וואָס דער קינסטלער קאָן זיי ניט באַזיי־
טיגן. אַפֿט קומען אומגעבעטענערהייט געוויסע איינדרוקן פון דעם
מאַטעריאַל אָדער פון דער טעכניק. זיי שטערן ניט אויף אַזוי פיל
אַז מען זאָל צוליב זיי זיך דאַרפן אָפּזאָגן פון דעם איבעריגן, וואָס
טויג יאָ. דערפאַר מוזן זיי אַבסטראַהירט ווערן. דער שפּיל אויף
אַ פידעל אַנטהאַלט אין זיך, אַפילו ביי דער בעסטער דורכפיהרונג, עפּעס
אַזוינס, וואָס מען זוכט פלייסיג אָפּצוטיילן פון דעם אָביעקט־סינטען,
אַניט וואָלט עס צו דעם אָביעקט צוגעמישט אַ קאָמישע שאַטירונג.
אַגב, דאַרף מען ווענן אַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן זאָגן, אַז
ווען מען הערט זיי באַזונדער, דאַרף מען זיך אַבסטראַהירן פון אַלער־
ליי אומגעווינשטע זייטיגע איינדרוקן פון דער קלאַנגען־פאַרב. דאָס־
זעלבע פליסט ניט זעלטן אַרויס פון דער צווייאיגער פונקציע פון די
זינליכע פאָרמען אין דער פלאַסטישער קונסט. אַזוי ווי זיי ברענגען
אוממיטעלבאַר זייערע אייגענע איינדרוקן, און אוממיטעלבאַר די
איינדרוקן פון דעם פאַרגעשטעלטן געגענשטאַנד, פאַסירט, אַז מאַנ־
כעס מאָל איז צווישן זיי ניטאָ קיין צענויפקלונג, און דאָ אָדער דאָרט
איז נויטיג צו איגנאָרירן, אויסשליסן עפּעס פון דער באַטייליגונג
אין דעם צווייטערליך־שעפּפערישן אָביעקט־סינטען. אַ מאַרמאָרנער
ביוסט האָט ניט אַלס ציל פאָרצושטעלן אַ טויטליך־בלאַסן מענש, די
פעלדער און פייזאַזשן אויף איינפאַרביגע גראַווירן דאַרפן זיך ניט
אויסווייזן ווייס און שוואַרץ, ווי פאַפיר און טינט. דאָ קומט דאָך
ניט פאָר קיין שום דערגענצונג פון די נאַטירליכע פאַרבן מצד דער
איבערשאַפענדער פאַנטאַזיע; פאַרקערט, דאָ אַבסטראַהירן מיר די
פאַרבן פון דעם לאַנדשאַפט. אָבער צו אַזוינע אַבסטראַהירונגען זע־
נען מיר אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן פון קינדווייז אָן, אַז מיר שפּירן
עס ניט. מיר פילן ניט קיין שום חלול, און ווייל מיר פילן זיי ניט,
איז געשאַפן געוואָרן אַ מיינונג, אַז די עלעמענטן, וואָס זענען ניט
געגעבן געוואָרן אין דעם ווערק, ווערן כלומרשט אין אים דער־

גענצט דורך די בילדער, וואָס דער צושויער שטעלט זיך פאָר.

דאָרט וואו עס זענען נייטיג אומגעוועהנליכע אַבסטראַקציעס, איז עס אַ שטערונג פאַר דעם פאַרשטעהן. די פּרימיטיווען זענען ניט צוגענגליך פאַר פילע דערפאַר, וואָס זיי פאָדערען אַזוינע אַבסטראַקציעס. וועלכע די נייסטע קינסטלער ערוואַרטען גאַרניט, און גראָד דאָרט, וואו ביי די לעצטע געפינט זיך די דאָמינאַנטע. אין עניליכע ערפאַרונג האָבען מיר איבערגעלעבט מיט פאַרצייטיגע יאַפּאַנישע גראַווירען אויף האָלץ. קוקענדיג אויף זיי מוז מען זיך טיילווייז אַבסטראַהירען פון דער פיזיאָלאָגישער באַדייטונג פון די געזיכטסצוגען. אַט די פאָדעראונג ווערט געשטעלט אין פילע אַנדערע פאַלען, למשל ביי דעם רעצעפּטיווען אויסדרוק פונ׳ם פּנים דאַרף מען זיך אָפּשיידען פון דעם געדאַנק, וואָס דאָס דאָזיגע געזיכט וואָלט געקאָנט באַדייטען ביי אַן אָפּשאַצונג פון דער גראָד אינטעליגענץ.

דער דריטער אומבאַדינגטער מאָמענט — דאָס איז די אָפּגרענצונג פון די נידעריגערע, פאַרהעלטניסמעסיג זעלבסטשטענדיגע פאָרמאַלע סינטעזען פון דעם ווערק. ווען מיר פאַסען אויף צוזאַמען אַ סכום ליניעס, ווען מיר שטעלען אין אַ געגענזייטיגער פאַרבינדונג די פאַרבען פון אַ געמעל, באַלאַנסירען די מאַסען איינע מיט דער אַנדערער, פלעכטען צענויף צווישען זיך פאַרשידען־געווענדטע באַוועגונגען, אנטשטעהען איינהייטען מיט זייערע באַזונדערע שטימונגען. אָבער וואָסערע עלעמענטען דאַרפען צוזאַמענגעבונדען ווערען? ניט אַלע צווישען זיך. קודם דאַרף מען באַשאַפען די איינצעלנע גרופּען, וועלכע פאַראייניגען זיך פון זייער זייט פאַר די העכערע סינטעזען. אָבער וועלכע האַלטען פאָרט אַן אַ פאַרהעלטניסמעסיגע זעלבסטשטענדיגקייט און אָפּגעגרעניצטקייט. עס איז קלאָר אָהן שום באַווייזען, אַז לויט דער פונאַנדערגרעניצונג פון אַט די נידריגערע סינטעזען, וועט דער ענדגילטיגער רעזולטאַט זיין גענצליך פאַרשידען. יעדעס ווערק פאָדערט אַ גאַנץ באַשטימטע סטרוקטור פון די עלעמענטען. ווען מיר זענען אָבער פאַרבונדען אַ דאַנק אונזערע סינטעטישע געוואוינהייטען, מיט אַן אַנדערער פונאַנדערגרעניצונג פון די איינצעלנע גרופּען, וועלען מיר ניט דערגרייכען דעם אָביעקט לויט ווי ער איז פאַרטראַכט גע־

ווארען פון דעם קינסטלער. עס איז דעריבער ניט גענוג צו באזיצען די אלגעמיינע פעהיגקייט צענויפצובינדען די עלעמענטען צווישען זיך אזוי, אז זיי זאלען באשאפען גייע שטימונגען. מען דארף דערשפירען, וועלכע פון דער גאנצער מאסע עלעמענטען פון דעם ווערק האבען קודם כל און אוממיטעלבאר א שייכות איינער מיט דעם אנדערען. צו געבען א ביישפיל פון אונטערשידען לאמיר זיך דערמאנען, אז אין דער קוואטראטשענטא זענען די גרעניצען פון די באוואוסטזיניגע ליניש̈ע קאמבינאציעס א סך שמעלער, ווי אין דער פאלגענדער עפאכע. ווער עס האט זיך דורכגעדרונגען מיט די געוואוינהייטען פון דעם 16טען יארהונדערט, דער וועט ניט פארשטעהן די פריהערדיגע געמעלען, דער וועט אוממיטעלבאר צענויפבינדען פארמען, וואס זענען ניט פארבונ־דען איינע מיט דער אנדערער.

צו פארשטעהן קונסט איז דעריבער נויטיג, אחוץ דער עמפינד־ליכקייט צו דער שפראך פון די פארמען, אויך א בויגיגקייט פון דעם צווייטערליך־שעפפערישען סינטעז, די פעהיגקייט זיך צוצופאסען צו די זיך בייטענדע ריכטונגען אין דער קאנסטרוקציע פון די פארמען. די עמפינדליכקייט צו פארמען קאן עקזיסטירען אהן דער דאזיגער בויגיג־קייט. דאס וואס די ערשטע אנטוויקעלט מעהר פון אלץ : די געוואוינ־הייט און די ערציהונג אין איין האמאגענישער סינטעטישער ארט — דאס ווערט א שטער פאר דער פעהיגקייט פון צופאסונג. די יאפאנער פארמאגען א הויכען גראד עמפינדליכקייט צו פארמען, אבער א שוואַ־כערע בויגיגקייט צו פארשטעהן. דאסזעלבע איז דער גורל פון דעם קינסטלער־שאפער. זיין אייגענער מין פון סינטעז ווערט ביי אים א פאראורטייל. פאר אים איז שווער זיך צו אונטערוואַרפען צו אנדערע פאדערונגען. זיין אויג איז שארף און דורכדרינגליך דארט, וואו דער קינסטלער פילט זיך אין זיין ספערע, אבער זיין עסטעטישער האריזאנט איז פארשמעלערט.

מיר פארשטעהען א קונסט־ווערק, ווען דער צווייטערליך־שעפפע־רישער סינטעז פון דעם עסטעטישען אביעקט פאלגט פינקטליך נאך

דעם קינסטלערס פארטראכטונג. אבער ווי אזוי קריגען מיר די נארם פון פארשטעהן? ווי אזוי דערוויסען מיר זיך, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די פארטראכטע יערארכיע שטימונגס־פאקטארען; וואס עס דארף זיין די דאמינאנטע; פון וואס עס איז נויטיג זיך צו אבסטראהירען, און ווי אזוי עס דארפען אפגעגרעניצט זיין צווישען זיך די עלעמענטארע סינטעזען? עס פארשטעהט זיך, אז דער קינסטלער זאגט עס ניט ערגיץ וואו איסער זיין ווערק, — אין דעם פראלאג אדער עפילאג. חוץ דעם ווייזט דאך זיין באוואוסטזיניגער ווילען ניט שטענדיג פינקטליך אן אויף דער קינסטלערישער פארטראכטונג. זיין שאפונג דארף דעריבער ערקלערען זיך אליין. ווי אזוי קומט דאס פאר? פאראן זעהר א סך ווערק, וועלכע ערקלערען ווירקליך ניט זיך אליין. זיי פליסען גיכער צוזאמען מיט דעם שטראם געוואוינהייטען פון זייער צייט. זיי באנוצען זיך מיט די פארענדערליכע מאמענטען פון דעם סינטעז אויף דעם אופן, ווי דער עולם איז צו זיי צוגעוואוינט. זיי פאדערען בלויז די געוועהנליכע יערארכיע פאקטארען, די געוועהנליכע אבסטראקציעס, די געוועהנליכע פונאנדערגלידערונגען. דערפאר איז זיי לייכט אויפצופאסען, כאטש זיי טראגען ניט אין זיך גופא דעם שליסעל צו זייער פארשטעהן. ווען מען כאפט זיי אבער ארויס פון זייער צייט פארלירען זיי זייער פארם, ווי עס קומט פאר מיט מאנכע וואסער־חיות, וועלכע קריכען זיך פונאנדער אזוי שנעל, ווי מען נעמט זיי ארויס אויף דער טריקעניש.

כדי א קונסטווערק זאל קאנען עקזיסטירען אויף דעם אייגענעם באראט, אומאפהענגיג פון דער טענדענץ פון דער צייט — און דאס אריגינעלע שאפען שווימט קיינמאל ניט מיט'ן שטראם — מוז עס האבען אן אימאנענטע נארם פון דעם אביעקט־סינטעז. דער קינסטלער האט צוויי מיטלען צו בינדען דעם ווילקיר פון דעם צווייטערליך־שעפּפערישען סינטעז: קלארקייט און שטרענגע איינהייט פון סטיל.

ק ל א ר ק י י ט מיינט קודם כל די אונטערשטרייכונג פון דער דאמינאנטע: די פעהיגקייט אזוי ארויסצושטעלען דעם פאקטאר, וואס דארף הערשען, אז די אויפמערקזאמקייט זאל ניט ווילענדיג זיך ווענדען צו אים. דאס איז: די ארויסטיילונג מיט דער הילף פון אקצענט.

מיט דער הילף פון א הויכע אדער אומגעוועגליך שטילע טאַן, פון א לעבעדיגער פאַרב און העלקייט אדער פון א טונקעלען פלעק אויף א ליכטיגען פאָן. וואָס איינפאַכער עס איז דערביי דער הערשענדער מאַטיוו, אַלץ לייכטער לאָזט ער זיך כאַפּען. דער געברויך פון פשוטע אויסדרוקספולע פארמען אין דער דאָמינאַנטע באַוואָרענט די געוויינטע איבערוואָג אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם אויפפאַסענדען סוביעקט.

די קלאַרקייט פון דעם געגענשטאַנדליכען איז לחלוטין ניט אלעמאל וויכטיג אין דער קונסט. גאַיאַ'ס צייכענונגען צייכענען זיך אויס מיט א הויכער קלאַרקייט. מיר וויקלען פונאַנדער דעם זין פון זיינע בלעטלעך אפילו ווען מיר פאַרשטעהען ניט דעם פאַרגעשטעלטען אינהאַלט. בלויז דאָס אין דעם געגענשטאַנדליכען, וואָס קער זיך אָן מיט דער הויפּט־טעמע, דאַרף בולט ארויסשטייגען. אָבער אויך דאָ מיינט די קלאַרקייט ניט דאָסזעלבע, וואָס זי וואָלט געמיינט אין די גרעניצען פון דער עמפּירישער אַנשויאונג: די קלאָרע באַשטימטקייט פון די דעטאַלען. אַזאַ קלאַרקייט וואָלט אפילו געקאָנט זיין — מיר האָבען דאָס שוין אויבען אַנגעדייט — א שטער דערמיט, וואָס זי וואָלט פאַרפירט די אויפמערקזאַמקייט אויף א פאַלשען וועג. די געגענשטאַנדליכע קלאַרקייט, וואָס עס פאָדערט זיך אין דער קונסט, איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי די לייכטע צוגענגליכקייט פון דעם געגענשטאַנדליכען איינדרוק.

אין דער בילדליכער קונסט איז אויך ניט אלעמאל וויכטיג די קלאַרקייט פון די רוימליכע פאַרהעלטענישען. בלויז דאָרט, וואו אַט דער מאָמענט טרעט ארויס אַזוי, אַז ער בינדט זיך נויטוועגדיגערוויין צענויף מיט דער דאָמינאַנטע, ווי אין דער פלאַסטיק אדער אין דער ארכיטעקטור, איז נויטוועגדיג די קלאַרקייט פון דער רוימליכער פונאַנדערגלידערונג. עס איז שווער פעסטצושטעלען אלגעמיינע כללים ווע־גען דעם, וואו מען דאַרף פאָדערען קלאַרקייט און וואו ניט. ווען מען פאַרגלייכט דעריבער דאָס 16טע יאָרהונדערט פון דער איטאַליענישער קונסט מיט דעם פאַרגעהענדיגען, קאָן מען ניט — מיר ניט דיר ניט

בראדער קריסטיאנסען

— באהויפטען, אז דאס ערשטע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרעסערער קלארקייט. אנדערע מאמענטען, ווי פריער, האבען זיך אויסגעגליייטערט — דאס אלעס. דאס נעמט זיך דערפון, וואס א נייע צייט פירט אריין נייע דאמינאנטעס: זיי באקומען א גרעסערע קלארקייט. בלויז דאן וואלט מען געקאנט רעדען וועגען פראגרעס, ווען מען זאל אט די דאמינאנטעס אנערקענען אלס אבסאלוט. די אקצענטירונג פאלט איצט אויף דער אנטוויקלונג פון די פלאסטיש־רוימליכע און קערפערליך־ארגאנישע פארמען און אויף דער גרופירונג פון די געגענשטאנדען זייט ביי זייט, אדער איינער נאכ'ן אנדערען אין דעם רוים, און דערפאר דערגרייכען אט די מאמענטען א גרעסערע קלארקייט. אין דער פריערדיגער עפאכע ליגט די דאמינאנטע אין דער צעטיילונג פון דער אויבערפלאך, אין דעם אויסדרוק פון די איינצעלנע ליניעס, און אין געוויסע דיפערענציאלע אייגענשאפטען. און אין אט די מאמענטען ליגט דאן די גרעסטע קלארקייט.

קלאר ארויסצושיידען די דאמינאנטע, אויפבויען זי פון די איינפאכסטע אויסדרוקספולע מיטלען, די דורכזיכטיגקייט פון זייער טעלעאלאגישער רייפאלגונג, וואס ווערט דערגרייכט מיט דער הילף פון דעם טראפ — אט וואס עס באדייט די קלארקייט פון דער עסטעטישער אנשויאונג. זי לאזט פילען די יערארכיע פון די עמאציאנעלע פאקטארען אין דעם סינטעז פון דעם אביעקט און צוזאמען דערמיט לאזט זי אויך געפינען די נויטיגע אבסטראקציעס. אבער ווי אזוי דערגרייכט דער קינסטלער דעם צווייטען ציל: די אינערליכע פונאנדערגרעניצונג פון די עלעמענטארע, פארמאלע סינטעזען אין זיין ווערק? ווי לאזט ער אונז פארשטעהן, וועלכע פארמען דארפען זיך רעכענען פאר אזוינע, וואס האבען אוממיטעלבאר א שייכות איינע מיט דער אנדערער, און וועלכע נישט? לויט דעם, צי די אורשפרינגליכע קאמבינאציעס זענען ענגער אדער ברייטער, איז אויך דער רעזולטאט א פארשידענער. לאמיר פרואווען שאפען ביי באטיטשעלין דיזעלבע פארמען־גרופירונגען, וואס ביי ראפאעלען, לאמיר שטעלען די קאנטורען פון דעם לאנדשאפט אין פארבינדונג מיט די קאנטורען פון די פיגורען — און מיר וועלען באקומען אן איינדרוק, וואס איז פרעמד דער פארטראכטונג פון דעם קינסטלער. אבער פונוואנען וויים אונזער

אויג, ווי ווייט עס דאַרפֿן זיך פֿאַרשפּרייטן די ערשטע קאָמבינאַ־ציעס? דאָס איז באמת די הויפּט־שוועריגקייט פֿאַר דער איינשטימיג־קייט פֿון די בליקן און פֿאַר דעם פֿאַרשטעהן. אַפֿט איז די דירעקטע אָפּגרעניצונג פֿון די אוממיטעלבאַרע קאָמבינאַציעס גאָר ניט מעגליך. עס איז אָבער דאָ אַן אינדירעקטער מיטעל: די שטרענגע סטיל־איינהייט פֿון דעם ווערק. דאָס איז איינע פֿון די וויכטיגע זייטיגע פֿונקציעס פֿון דעם סטיל: ער באַוואָרענט פֿאַר דעם ווערק זיין פֿעסטע סינטעטישע סטרוקטור. די גרעניצען פֿון די באַזונדערע עלעמענטאַרע סינטעזען ווערען באַשטימט דורך דעם, וואָס זיי דאַרפֿן זיך קאָאָרדינירען איינער מיט'ן אַנדערען אין דעם זין פֿון דער אי־דענטישקייט אָדער פֿון דער צעטיילונג פֿון די פֿונקציעס, דורך דעם וואָס זיי אַלע דאַרפֿן זיך צענויפֿגיסען אין איין סטיליסטיש גאַנצעס. דאָס איז די גענענזייטיגע באַדינגליכקייט, וואָס מען טרעפֿט צווישען די אומבאַקאַנטע גרייסען אין אַלגעבראַיאישע גלייכונגען, אָדער צווישען די באַזונדערע באַשטאַנד־טיילען פֿון אַ רעטעניש. אַליין, באַזונדער גע־נומען, ווערט בלויז אינדירעקט באַשטימט, מיט דער הילף פֿון דער שייכות צו אַנדערע עלעמענטען און צום גאַנצען. דערצו איז נויטיג די פֿעהיגקייט צו טרעפֿען, אָבער קיין ווילקיר איז דאָ ניטאָ. אַזוי איז אויך דאָס פֿאַרשטעהן אַ קונסט־ווערק, וואָס פֿירט אַריין נייע גרעניץ־ליניעס — אַ טרעפֿען אין אַ געוויסען זינען. דערפֿאַר איז דאָס ניט לויט אַלעמענס כחות. און דאַך זענען די גרעניצען באַשטימט דורך דעם סטיל. און בלויז אַ ווערק אין אַ פֿעסטער סטיליסטישער ראַם וועט בייקומען די געוואוינהייטען פֿון דער עפּאָכע און פֿאַרבלייבען אויך איבער די גרעניצען פֿון זיין עפּאָכע, מחמת עס טראָגט אין זיך דעם איינגענעם שליסעל.

אחוץ דער עמפֿינדליכקייט צו דער שפּראַך פֿון פֿאָרמען; אחוץ דער עלאַסטישקייט פֿון דער סינטעטישער פֿעהיגקייט; אחוץ דער צו־פּאַסונגס־פֿעהיגקייט, איז פֿאַר'ן פֿאַרשטעהן פֿון קונסט דעריבער נוי־טיג נאָך איין באַדינג: דער ווילען, וואָס זוכט דעם סטיל, די ערוואַר־טונג און די האָפֿנונג אויף אַ פּאָזיטיווען ווערט. מען דאַרף אָנהויבען פֿון דער ערוואַרטונג פֿון אַ סטיל־איינהייט; ביי יעדען רעטעניש ווערט

פּאַראויסגעזעצט, אַז מען קאָן עס לייזען. מעג אונזער ערוואַרטונג שפּעטער אַפּגענאַרט ווערען — איז זי פּאַרט דער נויטווענדיגער אָנ־הויב. דער אומצוטרוי צום קינסטלער שטערט דעם פאַרשטעהן, דער צוטרוי פאַרלייכטערט עס. בנוגע יעדער נייער קונסט איז נויטיג אַ געוויסער גראַד גלויביגקייט, אַ געוויסער עסטעטישער אָפּ־טימיזם. יונגע לייט פאַרמאָגען אים גיכער, ווי אַלטע, דערפאַר לעבען זיי זיך אויך גיכער צונויף מיט'ן נייעם. קריטישע פּעסימיסטען ברעכען קיינמאָל ניט דורך קיין וועג פאַר נייער קונסט. און יענע שטאָדט, אָדער יענעם לאַנד, וואו עס דאָמינירען „קריטישע" גייסטער, שטעהען אין קינסטלערישער הינזיכט אָפּ פון אַנדערע.

דאַ מוז איך זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דער עסטעטישער קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור. דאָס, וואָס דער קינסטלער דערגרייכט מיט זיין צוועקמעסיגען שאַפען, קאָן אין דער נאַטור אַרויסרופען אַ צופאַל; זי קאָן געבען דעם אימפּולס פאַר אַן אָביעקטען־סינטעז פון פּאָזיטיווען ווערט. די עסטעטישע איבער־לעבונג פון דער נאַטור אַנטשפּרעכט גענוי — אחוץ אין איין פּונקט — דער איבערראַשענדער אויפפאַסונג פון קונסט־ווערק. די קאָמפּ־ליצירטע זינליכע איינדרוקען און זייערע עמפּיריש־געגענשטאַנדליכע באַדייטונגען רופען אַרויס עמאָציאָנעלע אייגענשאַפטען, וואָס וואַקסען זיך צענויף לויט די אַרויפשטייגענדע שטופען פון דעם סינטעז אין אַן עסטעטישען אָביעקט. דאָס, וואָס דער דאָזיגער אָביעקט ווערט ביי דער קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור באַשאַפען צום ערשטען מאָל. בעת ביי קונסטווערק קומט פריער פאַר אַ שאַפונגס־פּראָצעס אין דער נשמה פון דעם קינסטלער — דאָס וואָלט בלויז געווען אַן אויסערליכער אונטערשיד. אָבער אָט דער אונטערשיד ווערט וויכטיג צוליב דעם, וואָס די עסטעטישע קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור איז אַלס סינטעז פולשטענדיג פריי. דערין איז דער חלוק צווישען קונסט און נאַטור. אַ קונסט־ווערק לייגט אַרויף אויף'ן אָביעקט־סינטעז אַ בינדענדע נאָרם.

אלץ איינס צי אט די נארם איז אימאנענט פאר דעם ווערק, אדער דאס לעצטע באנוצט זיך מיט דער געוואוינהייט פון דער געגעבענער צייט אלס נארם; אין א קונסט־ווערק איז פאראן בלויז איין מעגליכקייט פון אן אביעקט־סינטעז, וואס איז ריכטיג, אלע אנדערע שטאנדפונקטען וועלען באדייטען א ניט־פארשטעהן. די נאטור, דאגעגען, גיט ניט קיין שום נארם פון פארשטעהן, זי לאזט איבער די פולסטע פרייהייט פאר דעם עסטעטישען אביעקט־סינטעז. יעדער בליק איז געזעציך. די נאטור גיט די פרייהייט אין דעם אויסוואל פון דער דאמינאטע, אין דער יערארכיע פון די באשטאנד־טיילען, אין דער אפגרעניצונג פון די עלעמענטארע סינטעזען, אין די אבסטראקציעס. זי לאזט דאס אלעס איבער אומבאשטימט, ווייל אין איר לעבט ניט קיין שום קינסטלערישע פארטראכטונג.

דערפון איז געדרונגען, אז שטרענג גערעדט, קאן גאר קיין רייד ניט זיין בנוגע דער נאטור וועגען עסטעטישע פרעדיקאטען פון ווערט. די נאטור איז עסטעטיש אינדיפערענט. דער עסטעטישער אביעקט, וואס ווערט געגעבען אין דער קאנטעמפלאציע פון דער נאטור וועט, אמת, זיין עסטעטיש ווערטפול אדער ניט ווערטפול, אבער די נאטור איז פאר אים ניט פאראנטווארטליך. די אפשאצונג קערט זיך צוריק צום צושויער גופא. ווייל ער, און ניט די נאטור, איז דער באשאפער פון די ווערטען. פונקט ווי די פאנטאזיע באשאפט פון די פלעקען אויף דער וואנט אדער פון שטיקער וואלקען א שפיל פון געשטאלטען — און ניט די וואנט און ניט די וואלקענס קאנען דערפאר זיין פאראנטווארטליך — אזוי שאפט יעדערער זיינע אייגענע סינטעזען פון דעם מאטעריאל וואס עס גיבען די איינדרוקען פון דער נאטור. די נאטור פארלייכטערט בלויז דאס שאפען מיט איר וואונדערבארער ריינקייט פון די זינליכע איינדרוקען. דערפאר קומט איר א דאנק פון אונז. נאר אויב מיר וואלטען זי געוואלט מאכען פאראנטווארטליך אין דעם שטרענגען זין, ווי דעם קינסטלער פאר דעם איינדרוק פון זיין ווערק, וואלט מען געדארפט זאגען, אז די נאטור איז עסטעטיש ניט פולקאמען. דאס באווייזט אונז אויפ'ן שלאגענדסטען אופן יעדע פאטאגראפיע פון א פייזאזש. דא, וואו די נאטור איז אזוי אפפיקסירט, אז מיר

קאָנען ניט דורכפירען די געוועהנליך אזוי צאַלרייכע אַבסטראַקציעס, דאָ וויקעלט זיך פונאַנדער די טרייסטלאָזע כאַאָטישקייט פון אירע פאַר־מען, וועלכע מען קאָן ניט פאַראייניגען אין עסטעטישען זינען.

דעריבער קאָן די עסטעטישע קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור נאָך וועניגער ווי אין אַ קונסט־ווערק, ארויסגעהן פון דער קריטישער ריכטונג פון דעם ווילען. ווען מיר זאָלען זיך פּאַסיוו אָפּגעבען צו די איינדרוקען, וואָלטען מיר באַקומען אַ דיסהאַרמאָניש געמיש פון שטי־מונג־אימפּרעסיעס. דאָ מוז נויטווענדיגערוויז קומען צו הילף די אַק־טיווע טענדענץ צו דער איינהייט פון שטימונג: דאָס ארויסזוכען אַלע מאָמענטען, וועלכע פאַרשטאַרקען דעם דאָמינירענדען איינדרוק און די אַבסטראַהירונג פון אַלץ, וואָס איז דער היפוך פון אים. די עסטעטיישע קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור קאָן ניט וועלען „יאָ“ אָדער „ניט“. זי מוז וועלען „יאָ“. די נאַטור רעדט אויף דער שפּראַך פון ווערטען בלויז מיט דעם, וואָס קומט צו איר אין דער דערוואַרטונג פון פּאָזיטיווע ווערטען.

בנוגע דער נאַטור איז די האָפנונג אויף דער אינטערסוביעקטי־ווער אידענטישקייט פון די אורטיילען שוואַכער, ווי ביי אַ קונסטווערק, ווייל קיין שום נאָרם פירט ניט צו דער אידענטישקייט פון דעם אַב־יעקט. און אויב דער שאַצונגס־אָביעקט איז פאַרשידען מוזען זיך די אורטיילען אפילו ביי אַן אַלגעמיינער סימפּאַטיע פון אָפּשאַצונגען אויך אונטערשיידען איינער פון דעם אַנדערען. יעדערער וועט לויט זיין טיפּ און געוואוינהייט באַשטימען די דאָמינאַנטע און פאַרענדיגען דאָס נאַטירליכע בילד מיט דער הילף פון דער אַבסטראַקציע און פונ־אַנדערגרעניצונג. אויך די פרייע צוזאַמענפלעכטונג פון דער פאַנ־טאַזיע מיט די אויפפאַסונגען באַגעגענט דאָ ניט קיינע שטערונגען, און דאָס פאַרגרעסערט נאָך די אינדיווידועלע דיפערענצען.

אָבער סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער קונסט, איז דאָס וואָס מיר הערען אַלעמאָל — אונזער אייגענע אינערליכע שטים. דער־פאַר איז טאַקע די נאַטור פון אַט דער שטים ניט זעהבאַר און ניט אַנשוילּיך. זינליך איז בלויז די אָנרעגונג צו איר, און אין דער פּראָיעקציע פאַרוואַנדלען מיר דאָס אינערליכע — אין אויסערליכס.

קונסט

מיר מיינען, אז די נאַטור רעדט מיט אונז. אין דער אמת'ען איז דאָס עפּעס ניט לעבעדיגס, עפּעס וואָס ווערט פאַר אונז אַ מיטעל צו זעלבסט אַנטפּלעקונג. די עסטעטישע קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור איז די גענייגטקייט פון דעם מענש צו אַ שמועס מיט זיך אַליין. זי פאָדערט רוהה און קאָנצענטראַציע. און אַזוי ווי די נאַטור גיט די פולע פרייהייט דעם סינטעזן, קאָן זי נאָך בעסער, ווי די שאַפונג פון אַ פרעמדען מוח, ווייזען אין איר שפּיגעל דעם אמת'טען אינהאַלט פון דער פּערזענליכקייט. דאָ געפין איך אוממיטעלבאַר זיך אַליין, אין דער קונסט געפין איך זיך מיט דער הילף פון אַ פאַרוואַנדטען גייסט. אָבער די נאַטור גיט מעגליכקייטען, וואָס בלייבען פאַר די מערסטע אומפאַרווירקליכט, ווייל די מערסטע מענשען פעלט דער דראַנג און דער כח פאַר אייגענע סינטעזען.

פירט אונז די קונסט צו דער נאַטור? לערנט זי, ווי מען זאָל די נאַטור עסטעטיש אַנשויען? אין אַ געוויסען זין — יאָ. די קונסט דערהויבט אונזער עמפּינדליכקייט צו דער שפּראַך פון פאַרמען און מאַכט אונז אויפמערקזאַם אויף די אינדיווידועלע קאָמבינאַציעס פון פאַרבען, ליכט, ליניעס, און אויף דער ריטמיק פון מאַסען. די קונסט מאַכט ברייטער אונזער סינטעטישע פעהיגקייט. זי באַפרייט אונז פון דער הערשאַפט פון דעם עמפּירישען בליק, וואָס פאַרמירט זאַכען בלויז אַלס קנופּ־פונקטען פון פּראַקטישען אינטערעס, וואָס קוקט בלויז אויף די אָפּשיידענדע סמנים, וועלכע האָבען אַ באַדייטונג פון נוצליכקייט און איגנאָרירט אַלע אַנדערע זינליכע איינדרוקען. און אויסלערנען אונז די סינטעזען, וועלכע פאַסען זיך פאַר דער קאָנטעמפּלאַציע פון דער נאַטור, קאָן דער פּייזאַזשיסט. אָבער צו גלייכער צייט באַשאַפט דעם לעצטענס קונסט אַן אומגינסטיגע באַציהונג צו דער נאַטור. זי שמידט איינזייטיג צו די אויפמערקזאַמקייט צו די זעהונגס־איינגעשאַפטען. ביי דעם, וואָס האָט דעם קינסטלערס בליק געמאַכט פאַר זיין אייגענעם, ווערט דער חוש פאַר דער נאַטור מיט דער צייט פאַראָרימט ווערען. די רייכקייט פון די פאַרשידענאַרטיגע שטימונגס־סטימולען ווערט בלייבען ניט אויסגענוצט, דאָס רוישען פונ'ם ווינט און די כוואַליעס, פון די פייגעל, פון די צווייגען און בוימער.

בראדער קריסטיאנסען

דער אראמאט פון בלומען, די פרישקייט פון דער לופט, דאס אטעמען מיט דער פולער ברוסט, דער פרייער טראט, דער האסטיגער הויב אין די בערג אריין, דאס ווייכע גראז — אט דאס גאנצע קאכעניש, באוועגונג, לעבען, מוזען ליידען.

די נאטור רעדט ניט בלויז צום אויג, נאר צו אונזערע אלע געפילען; און עס איז ניטא אין אונז קיין איין ארגאנישע עמפינדונג, וואס די נאטור זאל איר ניט קאנען איבערגעבען איר שטימונג. פאר דעם מאלער איז דאס באגרעניצען זיך מיט דעם געביט פון דעם זעהליכען א נויטווענדיגקייט, וועלכע ער דערהויבט צו דער שטופע פון א מעלה בלויז דערפאר, וואס ער איז א קינסטלער. אבער פאר אנדערע נויטיגט זיך די נאטור אין איר גאנצער שפע, און אין דער גאנצער ניט באריךטער ריינקייט, מחמת בלויז מיט דער הילף פון א שטרענגען אויסוואל און צאלרייכע אבסטראקציעס גיט זיך איין צו באשאפען אביעקטען פון פאזיטיווען ווערט דערפון, וואס די נאטור גיט. די ווערק פון מאלעריי לערנען אונז צו קוקען אויף דער נאטור ווי אויף א געמעל, זי פונאנדערצ:אוויקלען פ א ר ז י ך ווי א געמעל. דאס נעמט צו ביי דער נאטור־עמפינדונג אירע הויפט־עלעמענטען. די געוואוינהייט צו געמעלען פירט צו דער פארארימונג פון דער נאטור. זי ווערט עסטעטיש אומפרוכטבאר און גיט א קלענער געדעטניש פאר דעם אנשויער. אמת, ביי אונז עפענען זיך די אויגען, אבער בלויז כדי צו זעהן די אומפולקאמענהייט פון דער נאטור. א סך מער, ווי דורך דעם פייזאזש, ווערט די עסטעטישע עמפינדונג פון דער נאטור באלעבט דורך דער קונסט פון ברייטע, אינערליכע שטרעקען, אדער דורך דער קונסט פון די לירישע פאעטען.

אז די קונסט קאן ניט זיין קיין נאכאהמונג פון דער נאטור, איז געדרונגען דערפון, וואס די נאטור איז עסטעטיש אינדיפערענט. אבער אז די נאטור איז דעם קינסטלערס בעסטע לערערין, דאס איז ניט בלויז קיין טעאריע, דאס ווערט כסדר פון דאס ניי באוויזען מיט פאקטען. אבער ווי אזוי איז דאס מעגליך, אויב די נאטור פארמאגט ניט קיין שום עסטעטישע פולקאמענהייט? ווי אזוי קאן זי לערנען דאס, וואס זי האט אליין ניט?

קונסט

ווען די קינסטלער ווייזן נאך אמאל און נאך אמאל אז אויף דער נאטור, ווי אויף דעם רייכסטן קוואל פון זייער שאפן, דארף מען וויסן, מיט וואס די נאטור ווערט דא אנטקעגנגעשטעלט. די נאטור קאן מען דענקען אלס געגענזאץ צו דעם קינסטלערס פאנטאזיע. אין אזא פאל קאן מען זאגן, אז סיי די איינע סיי די אנדערע קאנען אנרענען דאס שאפן, אבער קיין איינע פון זיי גיט ניט די מעגליכקייט פון א ריין־פאסיווער אויפפאסונג. ניט די נאטור, ניט די פאנטאזיע ליגן ניט פאר קיין פאזיטיווע עסטעטישע ווערטן. דא ווי דארט דארף מען אויסשליסן איין זאך, פארבינדן א צווייטע, צוגעבן ריטם, אקצענט. די נאטור און די פאנטאזיע גיבן ניט מער ווי רויען מאטעריאל דעם קינסטלער. די נאטור איז בלויז פרייגיביגער. אין איר פארענדערליכקייט און אין איר בונטקייט באט זי אן אומאויסשעפליכע מעגליכקייטן אריינצולעגן אין איר אלץ א נייעם און נייעם עסטעטישן אינהאלט.

די נאטור קאן מען פארשטעהן, ווי א געגענזאץ צום פארטיגן ווערק פון א פרעמדער קונסט, צו א זאמלונג פון אנטיקען, צו א בילדער־גאלעריע. אט די לעצטע גיבן ניט בלויז דעם רויען מאטעריאל, זיי לערנען די מעטאדען פון דעם שאפן, זיין „ווי אזוי.“ דארף די נאטור קאנקורירען מיט זיי? אבער גראד אין פארגלייך מיט זיי, ד.ה. דוקא אין אט דעם זעלבן זינען, האלט מען גרויס די נאטור אלס קונסט־לערערין. דאס וועט זיך אויסווייזן אלס אומווארשיינליך, אויב מען וועט זיך דערמאנען, אז די נאטור איז עסטעטיש אינדיפערענט. לאמיר אפילו דערלאזן, אז די קינסטלער טראכטן דערביי וועגן די צופעליגקייטן פון הארמאניע אין דער נאטור, ווי אזוי קאן מען זיך אויף זיי בעסער לערנען, ווי אויף די שאפונגען פון די מייסטערס — זיי פארמאגן דאך זיכער ניט קיין העכערע פולקאמענהייט. חוץ דעם האט מען דאך ניט אט די אויסנאמען אין זינען, נאר די נאטור אין איר גאנצן ברייטן אומפאנג.

די לייזונג פון דער פראבלעם באשטעהט אין דעם, וואס דא וויל מען באמת זאגן: „זיך לערנען א ו י ף דער נאטור“, און דורכאויס ניט: „לערנען זיך ביי דער נאטור.“ די עמפינדליכקייט פון דער נא־

טור צום עסטעטישען אינהאלט, די אימפולסען. וואס פליסען שטענדיג פון איר ארויס צו איר אייגענער עסטעטישער אויפבויאונג, צו איר טראנספארמאציע אין דעם סאמע מאמענט פון דער קאנטעמ־פלאציע — דאס באדייט פאר דעם קינסטלער אן אומאויפהערליכע איבונג פאר דער פארמירענדער ראיה, דאס הייסט פאר דעם אריגי־נעלען שאפען. די נאטור לערנט אים ניט איר קינסטלערישען מעטאד, ווייל זי איז עסטעטיש אינדיפערענט, אבער ער לערנט זיך, קאנטעמפלירענדיג די נאטור, און געפינט זיין אייגענעם מעטאד. ער באנוצט זיך ניט מיט די פארבען, און בכלל ניט מיט וועלכען עס איז געצייג; ער שאפט דורך דער פשוט'ער קאנטעמפלאציע. ער לערנט זיך שאפען. דוקא דערפאר וואס די נאטור איז עסטעטיש אומפולקאמען, ציט זי דעם קינסטלער צו טראנספארמירען זי אין דער קאנטעמפלאציע. און גראד ווייל די נאטור אנטהאלט ניט קיין שום עסטעטישע נארם, נאר לאזט איבער די פולע פרייהייט, דארף זיין אייגענע פערזענליכקייט ווערען טעטיג. אויף אזא אופן גיט די נאטור דעם קינסטלער דאס, וואס עס קאנען ניט געבען דער מוזעאום און דער זאל מיט אנטיקען: א שולע און די איבונג פון דעם אייגענעם שאפען. די איבערשאפונג, וואס איז נויטווענדיג ביי דער אויפפאסונג פון א פרעמדער קונסט, איז ניט פריי, דא לאזט דער קינסטלער זיך פירען פון אימיצען אנדערש. די נאטור באגייסטערט אים כסדר, דוקא צוליב איר אומפולקאמענהייט, צו דער אנטפלעקונג פון זיינע אייגענע שעפערישע כחות. ניט איר מעטאד לערנט זי דעם קינסטלער נאר זיין אייגענעם מעטאד.

פונקט אין דעם זעלבען זינען געהט די אויספארשונג פון דער נא־טור להיפוך דער שולע, דעם אקאדעמיזם, דער קאנווענציאנאליטעט. זיי ווילען געבען כללים פאר'ן שאפען. אבער אזוי ווי יעדער באזונ־דערער אינהאלט פאדערט זיין אינדיווידועלען סטיליסטישען צוזאמענ־האנג, זיין באזונדערע פארם פון אויסדרוק, קאן קיין שום עכטע קונסט ניט ארויסוואקסען פון כללים. זי דארף ארויספליסען פון א זעלבסט־שטענדיגען קוואל. דאס דארף מען זיך אויסלערנען אויף דער נאטור. ניט ביי דער נאטור, זעלבסטפארשטענדליך, נאר אין יע־

נעם אורקוואַל פון דעם קינסטלער, וואו ניט וועלענדיג און אהן באוואוסטזיין פון זיין אקטיווקייט, מאכט ער אין דער ריינער קאנטעמפלאַציע די נאַטור פאַר דעם שפיגעל פון זיין גייסט.

די נאַטור, אויף וועלכער עס בארופען זיך די קינסטלער, איז דעריבער א נאַטור, וואס איז טראַנספאַרמירט אין דער עסטעטישער קאַנטעמפלאַציע, — דער אקט גופא, אייגענטליך, פון דער עסטעטישער טראַנספאַרמאַציע פון דער נאַטור. דאַ רעדט זיך עס דורכאויס ניט וועגען דעם עמפירייש דענקבארען באַגריף נאַטור, און אודאי ניט וועגען דעם באַגריף ראַציאַנאַליזירטע נאַטור, ווי עס שטעלט אַרויס די נאַטורוויסענשאַפט. דאַס איז ניט די נאַטור, ווי זי שטעלט זיך פאַר ־עם עמפירישען בליק. אבער דעם קינסטלערס נאַטור איז אויך ניט די נאַטור פון דעם נאַטור־פאַרשער. אַט די אוממיטעלבאַרקייט און אומ'בכיונ'דיגקייט פון דער עסטעטישער טראַנספאַרמאַציע ברענגען דערצו, אַז דער קינסטלער ג ע פ י נ ט פאַר זיך אין זיין פאַרשטעלינג די נאַטור אַלס עפּעס געגעבענעס. ער דענקט, אַז ער קאַן זיך לערנען ביי איר, בעת אין דער אמתען האַט ער זי אליין אַזוי באַשאַפען. ער האַט זיך שוין איינגעלערנט אין אַט דער שעפּפערישער קאַנטעמפלאַציע.

ביי זייער גאַנצער באַגייסטערונג פאַר דער נאַטור מוזען, ווייזט אויס, די קינסטלער פאַרט איינזעהן איר עסטעטישע גלייכגילטיגקייט. מען דאַרף בלויז פרעגען, צי א בוכשטעבליכע קאַפּיע און אַ ווערטערליכע נאכהאַמונג פון דער נאַטור, צי א פאַטאַגראַפיע איז קונסט, און אַלע וואס רימען די נאַטור אלס זייער לערערין, וועלען דאַס אפּלייקענען. סוף כל סוף באַמערקען זיי, אַז מען דאַרף די נאַטור באַטראַכטען אויף א באַזונדער אופן, זיך אין איר פארטיפען מיט ליבע. אַט די ליבע צו דער נאַטור איז דאַסזעלבע, וואַס מיר האַבען באַצייכענט אלס עסטעטישען אַפּטימיזם: דער ווילען, וואַס איז געריכטעט צו פאַזיטיווע ווערטען. דאַס איז די באַדינגונג פון דער קאַנטעמפּלאַציע, וועלכע באַשאַפט פאַזיטיווע ווערטען. שווינד זאַגט, אַז עס איז נויטווענדיג א זעהר דיז, זעהר ריין עטיש געפיל, כדי פונאַנדערצואוויקלען די וואונ־

דער פון דער נאַטור; אז די נאַטור דאַרף מען באַטראַכטען מיט געטריישאַפט און ליבע, אפילו מיט ערפורכט. און ווען מיר פרעגען ביי די קינסטלער, פאַרוואָס זיי אַנערקענען ניט אלס קונסטווערק די פאַטאָגראַפיש־ריכטיגע בילדער פון דער נאַטור, זאָגען זיי, אז אַלץ ווענדט זיך אַן דער פעהיגקייט אונטערצושיידען דאָס וועזענטליכע פון דעם אומוועזענטליכען. מען דאַרף זיך קלאָר מאַכען, אז די אַנטקעגענשטעלונג פון דעם וועזענטליכען צום אומוועזענטליכען זעצט פאָראויס א קריטעריום פון אויסוואַל, און אז דער אויסוואַל ווערט שטענדיג געפירט פון אן אינטערעס, וואָס איז געריכטעט אויף א באַשטימטען אופן. יעדער אינטערעס באַדינגט זיין אויסוואַל, אַבער יעדערער — זיין אייגענעם. וועלכער אויסוואַל טויג זיך, אלזא, פאָר דעם קינסטלער? געוויס ניט יענער, וואָס ווערט געגעבען דורך דעם עמפּירישען לעבענס־אינטערעס מיט אַלע זיינע פאַרצווייגונגען, ווי אויך ניט דורך דעם עטישען אינטערעס. ניין, דאָס איז אַן אויסוואַל פון עסטעטישען אינטערעס, פון א ווילען צו אַן עסטעטישען ווערט. די צוטיילונג פון דער נאַטור אויף דעם עסטעטיש וועזענטליכען און אומוועזענטליכען מיינט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די טראַנספאָרמאַציע פון דער נאַטור, ביי וועלכער זי באַקומט אַן עסטעטיש ווערטפולען אינהאַלט: די אונטערשטרייכונג פון דער שטימונגס־דאָמינאַנטע, דאָס זוכען אַלע מעגליכע עמאָציאָנעל־פאַרוואַנדטע פאָרמען, די איגנאָרירונג פון זייטיגע עלעמענטען. אויף אַזאַ אופן קערען אונז די געשטעהונגען פון די נאַטור־פאַרעהרער צוריק צו אונזער באַהויפּטונג: ניט די עמפּירישע נאַטור לערנט דעם קינסטלער, נאָר אין דער עסטעטישער קאָנטעמפּלאַציע און אין דער ספּאָנטאַנער טראַנספאָרמירונג פון דער נאַטור לערנט ער זיך צו באַנוצען זיינע כחות. ניט ווייל די נאַטור איז דער סכום פון שעהנקייטס־ווערטען. נאָר, פאַרקערט, ווייל זי איז עסטעטיש אומפולקאָמען, איז זי די בעסטע שולע פאָר דעם קינסטלער. דאָ לערנט ער זיך צו שאַפען זעלבסטשטענדיג.

קונסט

אין צוזאמענהאנג מיט אונזער אויספארשונג וועגען די באדינגונגען פון דעם קונסט־פארשטעהן איז נויטווענדיג אויך ארומצורעדען די קונסט־קריטיק. די אויפגאבע פון דעם קריטיקער באשטעהט לחלוטין ניט אין געבען דעם עולם אפשאצענדע אורטיילען. שוין דערפאר ניט, וואס מען קאן אייגענטליך ניט איבערגעבען אנדערע קיין שאצונגען, יעדענפאלס קאן מען זיי ניט איבערגעבען אזוי, אז דערביי זאלען זיי ניט פארלירען דעם כאראקטער פון אריגינאליטעט. מען קאן די אפשאצונגען ווידערהאלען נאך אנדערע, אפילו לעבען אזוי, מיר וואלטען אין זיי געגלויבט. מען קאן אין די אורטיילען דערגעהן צו געוואוינהייט און צו זעלבסטאפנארונג, אבער דאס ענדערט גארניט. די אויפגאבע פון דעם קריטיקער אין באצוג צום עולם באשטעהט בלויז אין דער פארלייכטערונג פון דעם צווייטערליך־שעפפערישען סינטעז פון דעם עסטעטישען אביעקט. מיט אנדערע ווערטער: זיין אויפגאבע באשטעהט אין צוגרייטען דאס פארשטעהן דאס קונסטווערק.

דערפון איז קודם כל געדרונגען, אז די ערשטע זארג פון דעם קריטיקער דארף זיין וואס וועניגער צו שטערען דעם פארשטעהן א ווערק. וואס זאל ער זאגען וועגען אים? ער וועט רעדען — פאר די מערסטע איז דאס אם אינטערעסאנסטען — וועגען דעם געגענשטאנדליכען. אבער אויף אזא אופן וועט ער אונז ארייינברייינגען אין א טעות אומעטום, וואו דאס געגענשטאנדליכע ווערט באנוצט אנטיטעטיש, אין קאנטראסט מיט דעם ענדגילטיגען איינדרוק. בכלל מוז געזאגט ווערען, אז אזוי ווי דער אינטערעס צו דעם געגענשטאנדליכען איז כמעט אלעמאל צו שטארק אנטוויקעלט ביים פובליקום, און נויטיגט זיך גיכער אין א באגרעניצונג צו גונסטען דער פארמאלער באטראכטונג, וועט די באהאנדלונג פון דעם פארגעשטעלטען אינהאלט העלפען דעם עמפירישען בליק, און דערפאר שטערען דער ריין־עסטעטישער אנשוי־אונג. דאס וואלט געווען א הינדערניש פאר דעם צווייטערליך־שעפפערישען סינטעז פון דעם אביעקט. דערביי איז, נאטירליך, אלץ איינס, צי דאס געגענשטאנדליכע איז פון א מאטעריעלען אדער פסיכישען כא־

ראַקטער. קריטיקער האָבען אָפט געזוכט פּסיכאָלאָגיש צו אַנאַליזירען די געשילדערטע כאַראַקטערס, זייערע נאַטירליכע אַנלאַגען, זייער אַנט־וויקלונג, זייערע אַנטשטאַנענע פאָרמען. דערמיט זענען זיי אויסען געוועזען צו מאַכען פאַרשטענדליכער דאָס ווערק. אָבער דאָס באַדייט אימבאַדינגט אַ ווענדונג אָן אַ זייט פון דער עסטעטישער באַטראַכטונג. דאָס וואָלט געווען דיזעלבע זאַך, ווי ווען אַן אויפגעמאָלטער פּייזאַזש זאָל פון אונז אַנאַליזירט ווערען פון דעם שטאַנדפּונקט פון וואַלד־ווירטשאַפט אָדער געאָלאָגיע.

אָדער דאַרף אפשר דער קריטיקער רעדען וועגען דער טעכניק? זוכען אַריינצופירען דעם עולם אין דער בעל־מלאכה׳שער סטרוקטור פון דעם ווערק, אים אַ פיר טאָן הינטער די קוליסען? דאַן וועלען מיר געוואָר ווערען, למשל, מיט וואָסערע מיטלען דער מאָלער גיט איבער די דערווייטערונג פון רוים; ווי ער מאָלט דאָס ליכט פון דער זון; ווי ער גרופּירט איינצעלנע פיגורען כדי צו באַשאַפען דעם איינדרוק פון אַ מאַסע; ווי ער לייגט אויס אַ קערפּער, און וואָס פאַר אַ טיילען ער דעקט אויף, כדי צו באַלעבען די אָרגאַנישע עמפּינדונג; ווי ער באַשאַפט די שיינבאַרקייט פון באַוועגונג; אָדער אפילו ווי ער מישט צענויף די פאַרבען און לייגט זיי אויס מיט זיין פּינזעל. אָבער אַז אַזוינע ערקלערונגען זענען מער שעדליך ווי נוצליך דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך אַום דער איבערראַשונג פון דעם עסטעטישען אָביעקט — דאָס נויטיגט זיך ניט אין קיין באַווייזען, כאָטש דאָס מעג זיך זיין זעהר אינטערעסאַנט אין אַן אַנדער הינזיכט. איין שאַרפער ביישפּיל אילוסטרירט אָם בעסטען די פרוכט פון אַזאַ קריטישער אַרבייט: ווען מיר דערוויסען זיך ווי עס ווערט צוגעגרייט דער טעאַטראַלישער גרים, מאַכט דאָס אונז לחלוטין ניט עמפּינדליכער צו זיין ווירקונג.

אָדער דאַרף דער קריטיקער רעדען וועגען די פאָרמען? אפשר. אויב ער דייט פלינק אָן אויף דער אָדער אַנדערער פאָרם. אָבער דער אַ נ אַ ל י ז פ ו ן ד י פ אָ ר מ ע ן וואָלט געווען אַ פאַרדריסליכע אומטאַקטישקייט, באַזונדערס אין אַ ווערק, וואָס איז אויסגערעכענט אויף דער ווירקונג פון די פאָרמען. בעת דער קריטיקער לייגט אַרויף אויף דער פאַרב זיין וואָרט, פירט ער זי אַרונטער אונטער אַ געוויסע

באגריף. דאס מיינט: ער וועקט דעם פארשטאנד דארט, וואו בלויז די געפילען דארפען שוויינענדיג אויפפאסען. ער שטערט דער שטימונגס־אימפרעסיע. ערגער ווי אלץ. ווען מען זוכט צו ערקלערען די פארם לויט דעם קאנסטרוקציאנס־באגריף. די אויפמערקזאמקייט קריגט דערפון אזא ווענדונג, ביי וועלכער עס באקומט זיך גאר אן אנדער ווירקונג, ווי דער קינסטלער האט ערווארט. יעדע רעגעלמעסיגקייט ווירקט דאך אויף אונז גאנץ אנדערש איידער מיר באמערקען זי, דאס הייסט איידער מיר כאפען זי אויף מיט'ן פארשטאנד, באגריפליך. ביי הוגא וואן דער גאס'ען איז פאראן א געמעל מיט אן אומגעוועהנליך רעגעלמעסיגער קאנסטרוקציע, וואס שטעלט פאר דעם געוויין איבער קריסטוסעס קערפער. איז, ווי נאר מיר האבען זיך אפגעשטעלט אויף דעם עלעמענט פון דער קאנסטרוקציע, און באמערקט דעם דיאגאנאלען קרייץ אין דער גרופירונג פון די פיגורען, ווערט דאס געמעל אומערטרעגליך. אדער זאל דעם קריטיקער אונז אין א געדיכט אנווייזען אויף דעם צענויפקלונג פון די וואקאלען?

אויב ער וועט עס טאן, וועט דער קריטיקער גראד אומברענגען די מעלאדיע פון דער שפראך. אנכאפענדיג דעם עלעמענט פון פארם, רייסט דער באגריף אים ארויס פון זיין נאטירליכען צוזאמענהאנג, ער איזאלירט אים, שטעלט אים ארויס אין פראנט. דער באגריף טראגט אריין א פארגרעבטקייט, אדער אן אפווענדונג פון דער פארטראכטער יערארכיע פון די באשטאנד־טיילען. די פארם, וואס ווערט אויפגעכאפט באגריפליך, ווערט צודרינגליך. פון דער מאסע פון דעם אומרעגעלמעסיגען ווארפט זיך דאס, וואס איז געווארען רעגעלמעסיג א דאנק דעם באגריף, גראב אין די אויגען פון דעם צושויער. דא ליגט די אורזאך, פארוואס קינסטלער מיידען אוים רעגעלמעסיגקייט: זיי האבען מורא פאר דער נאהענטקייט פון דעם באגריף. דערפאר זוכען זיי דאס איראציאנאלע. צוליב דער זעלבער אורזאך ווערען אומטויגבאר א סך פארמאלע מיטלען. זיי ווערען פאמעליך אויפגעכאפט דורך דעם באגריף. דערין איז אויך דער אונטערשיד צווישען דעם ערפארענעם און דעם נאאיווען אין דער קונסט. פאר איינעם פארלירט א גאנצע ריי פארמען זייער ווירקונג, ווייל זיי

זענען געווארען צו צוגעגגליך פאר דער דערקענטעניש. דערפאר טוט דער קריטיקער סיי דעם קינסטלער, סיי דעם פובליקום א זעהר קנאפע טובה, ווען ער זוכט דורך אן אנאליז פארשטענדליך צו מאכען די פאר־מען פון א קונסטווערק.

אדער דארף אפשר דער קריטיקער אויפקלערען דעם היסטארישע אדער פסיכאלאגישע גענעזיס פון דעם ווערק? אבער דערמיט רוקט ער אונז ווידער אונטער אן אויסער־עסטעטישען אינטערעס. דער גע־נעזיס פון דעם ווערק באדייט ניט דעם וועג פון דעם צווייטערליך־שעפערישען סינטעז. מיר דארפען ניט ארויסטיילען דעם ערשטען סטימול, דעם מאדעל, דעם איינפלוס פון א שולע, דאס אנטנומענע און דאס אייגענע, מחמת אין דער איינהייט פון דעם ווערק דארף שוין דער אונטערשיד פון אט די מאמענטען זיין באזיגט. די גענעטישע ערקלערונג פון א ווערק צערייסט זיין איינהייט, ווייל זי שטעלט דאס, וואס דער קינסטלער נעמט איבער ביי אנדערע, אדער וואס ער האט צו פארדאנקען דער צופעליגקייט פון זיין אנטוויקלונג־שטופע, אין גע־גענזאץ צו דעם אייגענעם און דעם אייביגען. דאס גענעטישע פאר־שטעהן פאלט ניט צוזאמען מיט דעם עסטעטישען. אנשטאט צו העל־פען שטערט עס מערסטענטיילס. דאס עסטעטישע פארשטעהן מיינט די קאנטעמפלאציע פון דעם גאנצען, ניט זיין פונאנדערגלידערונג. דערפאר פאדערט עס, אז דאס ווערק זאל זיין ווי עס איז. עס זאל ערשיינען אלס איינהייט.

אדער אפשר דארף דער קריטיקער באשרייבען און קלאסיפיצירען דאס ווערק, ווי א לינעאישער באטאניקער זיינע פלאנצען, אנצייכענען פונקט נאך פונקט זיינע אייגענטימליכקייטען און טאן עס דורך א פארגלייך מיט אנדערע ווערק פון דעם זעלבען קינסטלער, אדער מיט די ווערק פון אנדערע מייסטערס, וואס זיינען פון איין מין לויט דער טעמע? אבער מיט זיינע פארגלייכונגס־באגריפען וועט ער קיינ־מאל ניט אויפכאפען די דינסטע שאטירונגען, וואס שפילען אין דער קונסט די הויפטראלע. נאך ערגער: ער שטימט אינז אן אויף א ראציאנאלען סינטעז, וועלכער אונטערשיידט זיך אינגאנצען פון דעם

עסטעטישען סינטעז. ער שטויסט ארויס די עסטעטישע אנשויאונג מיט זיינע באמיהונגען צו „פארשטעהן“. אבער דאס ראציאנאלע פארשטעהן איז נאך א גרעסערע שטערונג ווי דאס היסטארישע פאר דעם עסטעטישען פארשטעהן.

וועגען וואס זאל אבער יא רעדען דער קריטיקער, וויבאלד פון אלע זייטע דראהען אים ווארנונגען? א זעלטענער טאקט איז אהן צוויי־פעל נויטוועגדיג פאר דער קריטישער פראפעסיע. און איך האלט זיך ביי דער מיינונג, אז באמת איז די פלוידערייי וועגען קונסט־ווערק עפטער ווי אלץ גיכער שעדליך איידער ניצליך. נאר אויב די קריטיק דארף ווירקליך זיין ניט עפעס אנדערש ווי א הילף צו פארשטעהן, דארף מען זוכען די פאזיטיווע זייט פון איר ארבייט ניט אזוי פיל אין דעם, וואס דער קריטיקער זאגט וועגען דעם ווערק — דא איז גענוג א טאקטישע צוריקגעהאלטענקייט — ווי אין דעם, וואס מען קאן זאגען צווישען די שורות. איך זעה דא צוויי מעגליכקייטען. ערשטענס קאן דער קריטיקער באשאפען פאר דעם ווערק א שטימונג פון גינסטיגער ער־ווארטונג, א צייטווייליגע פארגענייטקייט. דאס איז, נאטירליך, ניט פיל, אבער עס איז זעהר וויכטיג. ניט דערפאר, ווייל מען דארף צוגריי־טען דעם ענדגילטיגען און אייגענעם אורטייל פון דעם צושויער, נאר ווייל די אפטימיסטישע ערווארטונג פאר־לייכטערט אויף אן אומגעוועהנליכען אופן צו פארשטעהן דאס ווערק. זי באדייט די טענדענץ וואס זוכט דעם סטיל, און אהן דער דאזיגער טענדענץ איז ניט מעגליך אויפצוכאפען די פארענדערליכע באשטאנד־טיילען פון דעם עסטעטי־שען אביעקט.

די צווייטע פאזיטיווע הילף וועט זיין ארויסצורופען דורך ווער־טער אזא שטימונגס־אימפרעסיע, וואס זאל זיין ענליך אויף דעם גאנצען איינדרוק פון דעם געגעבענעם ווערק. עמאציאנעל־ענליכע איינדרוקען קאנען דאך אנטשטעהן אויף גענצליך פארשידענע אופנים. אויב דאס האט זיך איינגעגעבען דעם קריטיקער, וועט דער ענדגילטיגער ציל פון דער קאנטעמפלאציע זיין קלאר, און די סינטעטישע פארזוכען פון דעם צושויער קאנען אנהאלטען אזוי לאנג ביז זיי וועלען

ניט דערפירען צו אַט דעם ציל. אַזוי ערקלערט דער קריטיקער דאָס ווערק, אַרויסגעהענדיג פון דעם ענדגילטיגען פונקט. ווען מען ווייסט פאָראויס דעם רעזולטאַט פון אַ געוויסער אַריפמעטישער סכעמע קומט די אויסרעכנונג פאַר פיל לייכטער. אָבער דערפאַר דאַרף דער קריטי־קער באַזיצען אַ געוויסע מאָס פּאַטעטישע באַגאַבטקייט. שטרענג גע־רעדט, באַשטעהט דאַך זיין אויפגאַבע אין דעם געבען דורך ווערטער אַ ווערק, וואָס זאָל זיין פאַרוואַנדט לויט דער שטימונג. צו אים שטעלט מען אָבער ניט קיין גאָט וויים וואָס פאַר אַ פאָדערונגען. פון אים ווערט גיכער פאַרלאַנגט אַז ער זאָל געבען דעם איינדרוק אין אַ ל י י כ ט ע ר, פ אַ ר ש ט ע נ ד ל י כ ע ר פ אָ ר ם, און ניט אַז ער זאָל דערגרייכען די רייכקייט און אַבסאָלוטע ריינקייט פון דער שטימונג. און מען דאַרף אויסמיידען יעדע צודרינגליכע פאַבריצירונג פון שטימונג. די קריטיק דאַרף דאָך ניט גרוים מאַכען דעם קריטיקער. וואָס באַשיידענער, אַלץ בעסער. די קריטיק איז ניט קיין זעלבסטציל. זי דינט אַן אַנדער ציל, און דאָס דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלעמען.

דאָס, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט וועגען דער אויפגאַבע פון דעם קריטיקער אַלס פאַרמיטלער צווישען דעם קינסטלער און דעם פּובליקום, איז — מוטאַטיס מוטאַנדיס — אַנווענדבאַר אויך צו אַלע אַנדערע מינים פון דער קינסטלעריש־פּעדאַגאָגישער טעטיגקייט — אין דער שולע, אין דעם היימישען און געזעלשאַפטליכען לעבען. אמת, אַפט ווייזט זיך אַרויס פאַר ניט לייכט אַפּצושאַצען און אַנצוצייכענען די גרעניצען פון די מעגליכע רעזולטאַטען. מאַנכע געביטען, למשל די געשיכטע פון דער קונסט און ליטעראַטור, געפינען זיך שוין צוליב זייער ספּעציאַליטעט אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. דער היסטאָרישער אינטערעס פאַלט ניט צענויף מיט דעם עסטעטישען. דאָס איז שווער אויך צוליב דעם, וואָס די לערע וועגען דעם אַלטערטום איז אין די שולען אַריינגעפאַלען אין אַ ניט קוריר־באַרער באַרבאַרישקייט. מען וואָלט דערפאַר דער קינסטלערישער ערציהונג אפשר געטאָן די גרעסטע טובה, ווען מען וואָלט די שאַפונגען פון דער פּאָעזיע און קונסט געהאַל־טען וואָס ווייטער פון אַט דער שול־לערנעכץ.

איצט דאַרף מען נאָך אַנווייזען, ווי אַזוי דער קריטיקער קאָן

קונסט

ווערן א הילף פאר דעם קינסטלער גופא. דאס דארף ער זיין, ווייל דער שאפער אליין קאן נים זיין אומפארטייאיש צו דער אייגענער שאפונג, און ווייל גראד דער שאפער פאלט לייכטער ווי אלע אריין אין די נעצען פון פאלשע בליקען. זאל דער קריטיקער אים אפרייניגען דעם וועג, באזייטיגענדיג די פאראורטיילען פון דער אקאדעמיע, קאנווענציאנאליטעט, פון דעם קרייז מבינים, מארק און איינזאמקייט. זאל ער אים כסדר אנווייזען אויף דער פרייקייט פון דעם קינסטלער. זאל ער אים זאגען, אז קיין שום מין פון דעם געגענשטאנדליכען, קיין שום מין פון דער טעכניק, מאטעריאל, פארמען־שפראך, קיין שום מין פון סינטעטישער סטרוקטור באשאפט נים אפריארי קיין ווערט, און האט נים קיין פארצוג איבער אנדערע. צי מען מאלט אין העלע אדער טונקעלע טענער, ברוינע אדער גראע, אויפלייזענדיג די קאנטורען אדער אויפכאפענדיג זיי בולט; צי מען פאלגט נאך דער נאטור אדער מען סטיליזירט; צי מען שילדערט באוועגונג אדער רוה; צי הייליגעם אדער אלטעגליכעם — אלץ איז דערלאזבאר. און קיינס באשטימט נים פאראויס דעם ווערט. דער קינסטלער קאן, אלזא, מאכען זיין אייגענעם אויסוואל, אזוינעם, וואס שטימט אם מערסטען מיט זיין כאראקטער. און זאל דער קריטיקער אים אויך אנווייזען די גרעניצען פון פרייקייט: ווי נאר דער אויסוואל איז געמאכט געווארען אין איין פונקט, ווערט שוין דער סטיל בינדענד. זאל ער קלאר מאכען פאר'ן קינסטלער וואו דער לעצטער איז עובר די סטיליסטישע פאדערונגען פון דער פריי אויסגעקליבענער טעכניק. פון דעם אויסגעקליבענעם מאטעריאל, פון דעם אויסגעקליבענעם סורזשעט. אבער דאס איז נאך נים דאס וויכטיגסטע. די הויפטזאך אין דער קונסט איז דאך נים די פעהיגקייט אויסצומיידען פעהלערען, נאר די פאזיטיווע רעזולטאטען פון שאפען. וויכטיגער איז דעריבער אז אנדער גרעניץ, וועלכע ווערט באשטימט דורך דעם כאראקטער פון דעם קינסטלער און זיינע פעהיגקייטען, דורך זייער ריכטונג און אומפאנג. דא איז פאראן אן אוממיטעלבארע פארבינדונג מיט די שאפענדע כחות. פון דער זייט איז עס קלערער, ווי פאר דעם קינסטלער גופא, אין וואס עס באשטעהט די טענדענץ פון זיינע אינסטינקטען,

צי עס קומען אין צוזאַמענשטויס דער אינסטינקט מיט דער באַוואוסט־זיניגער ערציהונג פון דעם ווילען. פון דער זייט באַמערקט מען בעסער די געפאַר, ווען דער קינסטלער איז מקריב זיין אינדיווידואַליטעט צוליב וועלכער עס איז קינסטלערישער טעאָריע. דאָ איז די הילף אַם נויטיג־סטען, און זי געבען וואָלט געדאַרפט זיין דער אמת׳ער באַרוף פון דעם קריטיקער.

פון דעם אַלעם קאָן מען שליסען וועלכע אייגענשאַפטען פאַרזיכער־רען די פעהיגקייט צו קינסטלערישער קריטיק. דער קריטיקער דאַרף זיין אַ פירער און אַ העלפער. דאָס זעצט פאָראויס זיין סופּעריאָריטעט. אַ העכערע סענסיטיוויטעט, אַ דינע עמפינדונג איז ניט גענוג. קודם כל איז וויכטיג די פולע פרייקייט פון פאָראורטיילען. דאָן אַ גרעסערע עלאַסטישקייט פון דער סינטעטישער פעהיגקייט, אַ בויגזאַמקייט און פלינקייט אין דעם אויפכאַפּען די פאַרענדערליכע דאָמינאַנטעס. ווייטער, אַ גרייטקייט צו סטיל, אַ חשק צו זוכען אים, עסטעטישער אָפּטי־מיזם. דער אַזוי גערופענער קריטישער מין מענשען, אַזוינע, וואָס זוכען אומעטום פעהלערען און גרפינען, טויגען זיך לחלוטין ניט אַהער. אַזוינע מענשען וועלען דערגעהן צו די סינטעזען פון ווערטען בלויז דאָרט וואו די געזעצען פון די פאָרמען זיינען זיי באַקאַנט. פאַר נייער קונסט וועט אַזאַ קריטיקער פאַרבייגעהן אָהן שום פאַרשטעהן. דער־פאַר טויגען ניט די קריטישע מוחות אויף דורכצולייגען וועגען צום נייעם. עס איז נויטווענדיג אויך אַ געוויסער גראַד קינסטלערישע באַגאַבטקייט צו געפינען די ווערטער, אין וועלכע עס זאָל קלינגען די גרונד־שטימונג פון דעם קונסט־ווערק. חוץ דעם — אַ זעלטענער טאַקט, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז דער אינטערעס, וואָס קאָן ניט בייי־שטעהן קיין נסיונות, זאָל ניט אָפּווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עסטעטיש וועזענטליכען. דאָן אָפּענהאַרציגקייט און אַן אומ׳־רחמנות׳דיגע שטרענגקייט מיט אַלע, וואָס פאַרמאָגען ניט קיין קינסט־לערישען באַרוף. אָבער אַן אַכטונג צו אַלעם גרויסען אין דער קונסט. ענדליך — באַשיידענקייט און זעלבסטאויפאָפּפערונג. איצט וועט איר

קונסט

פאַרשטעהן, פאַרוואָס מען באַגעגענט גוטע קריטיקער כמעט נאָך זעל־טענער ווי גרויסע קינסטלער, און פאַרוואָס די קונסט, ווען זי נויטיגט זיך אַם שטאַרקסטען אין קריטישער הילף, ווערט אַם וועניגסטען באַ־פרידיגט.

צ

VI.

מאָלעריי און צייכענען

סטיל מיינט די קאארדינירטקייט פון אלע פאקטארן פון א קונסט־ווערק. דעריבער, ווען איין פאקטאר ווערט באשיטמט דורך א געוויסער באטראכטונג אדער אויסוואל, איז שוין דער אויסוואל פון די אנדערע פאקטארן ניט איננאנצן פריי. די סטיליסטישע פאדערונג פון א געגעבענעם עלעמענט, אפילו ווען דער אויסגאנגס־פונקט ווייזט זיך אויס אלס ניט וויכטיג, ווערט פארצווייגט און אויסגעשפרייט אויף דעם גאנצן. מיר וועלן דאס ווייזן אויף איין ביישפיל, אוועק־שטעלנדיג נאך אמאל קלינגערס פראבלעם: אפגרעניצן די מאלעריי און דאס צייכענען איינס פון אנדערן. דא, שיינט מיר, איז די פונאנ־דערצווייגונג פון דעם סטיליסטישן פאסטולאט באזונדערס קלאר. אונז וועט טיילווייז אויסקומען צו באשטעטיגן קלינגערס געדאנקען, טיילווייז צוריקווייזן און דערגענצן זיי. מיר וועלן זיך מיט אים ניכער צוזאמענטרעפן אין דער קאנסטאטירונג פון די פאקטישע אונטערשידן, איידער אין דער אנווייזונג פון זייערע אורזאכן. פאר דער טעאריע פון קונסט זענען דאך וויכטיג אויך די באגרינדונגען. זיי ווערן וויכטיג אויך פאר איר פראקטיק. ניט פון די פאקטן נאר פון זייערע באגרינדונגען ווערן דאך אנטוויקעלט די קינסטלערי־שע מאקסימען.

לאמיר קודם כל פעסטשטעלן דעם טערמינאלאגישן געגענזאץ אין דער פארם, ווי ער האט באקומען בירגערעכט א דאנק קלינגערס בוך: מאלעריי מיינט די פארשטעלונג מיט דער הילף פון אייל־פארבן, גוואשען, אקווארעלן און פאסטעלן און צייכענען מיינט ניט בלויז א צייכענען פון דער האנט, נאר נעמט ארום די פראדוקטן פון אלע גראפישע קונסטן — די גראווויור אויף קופער, אויף האלץ, דעם אפארט (מעטאל־שמיד) און ליטאגראפיע. אז דאס צייכענען איז א זעלבסטשטענדיגע קונסט — דאס נויטיגט זיך שוין איצט ניט אין

אַן ערקלערונג. אמת, איז אַט דער טעכניק זענען פאַראַן ארבייטען, וואָס זענען אַן און פאַר זיך גאַרנישט, זיי זענען ווערטפול בלויז אַלס קאַפּיעס אָדער פּרעלימינירטע עסקיזען פאַר אַנדערע ווערק. אָבער צו באַשטימען, ווען אַ צייכענונג איז אַ זעלבסטשטענדיג קונסט־ווערק און ווען נים, איז שווערער, ווי דאָס קאָן זיך אין פלוג אויסווייזען. עס האַנדעלט זיך דאָ נים אום דער אַבזיכט פון דעם קינסטלער, נים אין דעם אויסערליכען אַנשטויס אָדער אין דער אַפּוועזענהייט פון אויסערליכע פאַרבינדונגען. אַלס אַנטשיידענדיגען מאָמענט דאַרף מען אַננעמען די שטרעבונג צו פאַרווירקליכען דעם גראַפישען סטיל. אַ צייכענונג קאָן לויט איר אויסערליכען אַנשטויס זיין אַ פאַרבאַרייטונג פאַר אַ געמעל און דאָך באַזיצען די איינענטימליכקייטען און די באַרייטונג פון אַ זעלבסטשטענדיג ווערק. אַזוי צייכענען זיך רעמבראַנדטס עטיודען אויס מיט אַן אינערליכער פאַרענדיגטקייט. זיי קימערען זיך נים סטיליסטיש וועגען דעם, פון וואָס זיי זענען בלויז פאַרבאַרייטונגס־ארבייטען, און זיי באַקומען זייער אייגענעם סטיל.

מיר געפינען אָבער באַלד אויס, אַז דער סטיליסטישער געגענזאַץ, וועלכען מיר ווילען ערקלערען און אויסטייטשען, איז נים אינגאַנצען פאַראַלעליש צו יענער טערמינאַלאָגישער פונאַנדערגרעניצונג, וואָס געהט אַרויס פון די אויסערליכע מיטלען און פון דעם שאַפענס־מאַטעריאַל. פון איין זייט זענען — דאָס האָט שוין אויך קלינגער באַמערקט — די סטיליסטישע פּאָסטולאַטען פאַר אַ פרעסקע גאַנץ אַנדערע ווי די פּאָסטולאַטען פאַר אַ געמעל, און זיי דערנעהנטערען זיך צו די פאָדערונגען פון דער גראַפיק, אַזוי אַז די פרעסקע קאָן גיכער פאַררעכענט ווערען צו דער צייכענונגס־גרופּע. פון דער אַנדער זייט זענען פאַראַן גראַפישע ווערק, למשל, געוויסע ליטאָגראַפיעס, וואָס קאָנען אָהן שאָדען פאַר זיך צושטעהן צו דער מאַלעריי. נים ווייל זיי קאָנקורירען מיט אייל־פאַרבען און זוכען זיי נאָכצומאַכען, נאָר גראַד ווייל לויט די אַלגעמיינע געזעצען, וואָס באַדינגען דעם אונטערשיד צווישען מאַלעריי און צייכענען, שטעהען זיי אויף דער זייט פון מאַלעריי. אָבער דער אומשטאַנד, וואָס צווינגט אונז איין צווייג פון

מאלעריי צוצורעכענען צום צייכענען און א טייל גראפישע ארבייטען צו דער מאלעריי, ווייזט אם קלערסטען, אז די געוועהנליכע פונאנדער־גרעניצונג איז ניט גענוג. צו פארשטעהן די סטיליסטישע געגענזעצליכקייט דארפען מיר זוכען דעם פרינציפ פון דיפערענציאציע ניט אין די קינסטלערישע מיטלען, נאר אין עפעס אנדערש. אויף אזא אופן דארפען אונזערע אויסדרוקען „מאלעריי“ און „צייכענען“ דינען בלויז צו אונטערשיידען סטיליסטישע גרופען.

אלס פרינציפ פון דיפערענציאציע ערשיינט אבער אויך ניט — כאטש דאס קומט קודם כל אין קאפ אריין — די פארביגקייט, דער געגענזאץ פון א פארביג געמעל צו א שווארץ־און־ווייסען בלאט. א פארביגע קסילאגראפיע, א פארביגער טעפיך, א פארביגע פרעסקע, א פארביגע מאזאיק פון גלאז און שטיין — די אלע זענען דאך אונטער־געווארפען דעם געזעץ פון דעם צייכענונגס־סטיל. קעגען דעם רעדט אויך דער אומשטאנד, וואס געמעלען זענען סטיליסטיש נעהנטער צו דער פארבלאזער פלאסטיק איידער צו א פארביגער צייכענונג. די סטיליסטישע געגענזעצליכקייט צווישען מאלעריי און צייכענען ליגט אין דער באהאנדלונג פון דער רוימליכער טיף.

יעדע בילדליכע איבערגעבונג, סיי א צייכענונג, סיי א געמעל, רעפראדוצירט א געוויסען רויט מיט זיינע דריי דימענסיעס (אויסמעס־טונגען). אבער די טרעגערין פון דער איבערגעבונג איז א פלאך. און עס זענען נויטיג באזונדערע מיטלען, אז מען זאל קאנען זעהן די טיף, ד. ה. די דערווייטערטקייט פון דעם רוים. פאר אזוינע מיטלען דינען, למשל, דאס צענויפקומען זיך פון פאראלעלע ליניעס, די קלענער ווערענדע גרוים און די קלענער ווערענדע בולט׳קייט פון די געזעהענע געגענשטאנדען. ווייטער העגגט די גרעסערע אדער קלענערע דייטליכ־קייט פון דער טיף אפ אן דער גרופירונג פון די זאכען און דעם פאר־געשטעלטען רוים; אן דעם, ווי זיי שניידען איבער איינס ס׳אנדערע, ווי זיי ווערען אויסגעלייגט אויף דער פלאך. צום ביישפיל: די וויי־דערהאלונג פון געגענשטאנדען וועלכע זענען אונז באקאנט אלס גלייך לויט דער גרוים, אבער וועלכע ווערען קלענער אויף דעם געמעל; דאס

בראָדער קריסטיאַנסען

אויסמאָלען בוימער פּאַזע אַז אַלעע, וואָס געהט פון דעם פאָדער־שטען פּלאַן אַוועק אין דער טיף — דאָס מאַכט באַזונדערס בולט די דרייפאַכקייט פון די דימענסיעס. און יעדע איבערגעבונג, אַלץ איינס צי גראַפיק אָדער מאָלעריי וועט זיין אימשטאַנד מיט אַ גענינגענ־דער קלאָרקייט איבערצוגעבען דעם דריידימענסיאָנעלען רוים, אויב זי וועט נאָר באַנוצען די געהעריגע מיטלען.

פאַראַן געמעלען וואָס שטרעבען בנוגע דעם רוים צו געבען בלויז איינס: די רוימליכע פאָרשטעלונג, אַנטוויקעלט צו דער העכסטער שטופע פון קלאָרקיים. זיי ווילען, אמת, ניט אַרויסרופען קיין אָפּטישע אָפּנאַרעריי, וואָרים די אילוזיע שעדיגט אַלעמאָל דער עסטעטישער אָנ־שויאונג; זיי ווילען אָבער אונז צווינגען צו פאַרגעסען אַז דער פלאַך, דער טרעגעדין פון דעם פאָרגעשטעלטען. פון דער אַנדער זייט זענען פאַראַן צייכענונגען, וואָס לאָזען טאַקע אומבאַרירט איבער די *פאָרגעשטעלטע* טיף פון רוים, אָבער צו גלייכער צייט ערלויבען זיי דער פלאַד, וואָס איז זייער טרעגערין, אַרויסצוטרעטען אַלס פלאַד. דאַ, ביים אויסוואַל פון די מיטלען, וואָס דאַרפען פאַרטייטשען דעם רוים, דאַרף מען זיך רעכענען מיט דעם אומשטאַנד, וואָס זיי דאַרפען ניט אָפּמעקען דעם פלאַכען כאַראַקטער דערפון, וואָס איז דער טרעגער פון דעם פאָרגעשטעלטען; מען דאַרף זיין אויסגעהאַלטען מיט זיי אויף אַזאַ אופן, אַז זייער פלאַד־כאַראַקטער זאָל קאָנען געהן האַנט אין האַנט מיט דעם איינדרוק פון דער טיף פון דעם פאָרגעשטעלטען. *דאָס איז דער אויסגאַנגס־פונקט פון דעם סטיליסטישן אונטערשייד.*

ווען מיר ווילען באַשעהנען אַ וואַנט מיט פרעסקען פאָדערען מיר פונדעסטוועגען, אַז מען זאָל ווי פריהער קאָנען עמפינדען די וואַנט אַלס פלאַכע זאַך. דאָס אַלגעמיינע אויסזעהן פון אַן אינערליכער וואוי־נונג וואָלט שטאַרק פאַרקריפּעלט געוואָרען, ווען דער פלאַכער כאַראַק־טער פון דער וואַנט וואָלט פאַרלאָרען זיין איינענשיינליכקייט. אַזוי מוז אויך אַן אויסגעוועבטער טעפּיך זיך אויסשפּרייטען ווי אַ פלאַד, בעת ער דינט אַלס אַ וואַנט־פאַרהאַנג, ניט קוקענדיג אויף דעם פאָר־געשטעלטען דריידימענסיאָנעלען טייל פון רוים. ענליך דערצו מוז

קונסט

יעדע צייכענונג, וואָס דינט אַלס באַצירונג פון אַ בוך זיך צופּאַסען צו דעם פלאַכען כאַראַקטער פון דעם זייטעל. צייכענונגען, גראַוויורען, מעטאַל־שטיכען, וועלכע זענען אַן און פאַר זיך שלעכט אַנזעהעוודיג, דאַרפען פון אָנפאַנג אַן זיין אַזוי אויסגעהאַלטען, אַז זיי זאָלען קאָנען אָפּגעדרוקט אָדער אָרויסגעלייגט ווערען אויף אַ גרויסער קאַרטאָן־פּלאַך. חוץ דעם ווערט ביי האַנט־צייכענונגען מיט בליי־שטיפט, פעדער, אָדער קרייד, אָדער ביי גראַוויורען אויף מעטאַל, האַלץ און שטיין די אויבערפלאַך איינגעשלאָסען אין דער צאָהל איבער־געבונגס־מיטלען. די פּאַפּיר־איבערפלאַך בלייבט מערסטענטיילס ניט באַדעקט, די שטריכען, וואָס באַדעקען זי, זענען פאַרהעלטניסמעסיג ווינציג אין צאָל, און אויף אַזאַ אופן געהט דער פלאַך־כאַראַקטער איבער אין דעם ווערק גופא. דערמיט מוז מען זיך אומבאַדינגט רעכענען. אין אַ פאַרביגער קסילאָגראַפיע ווערט אפשר די פּאַפּירענע אויבערפלאַך אינגאַנצען באַדעקט, אָבער די טעכניק פון דרוק פאָדערט אַז די קאָלירען זאָלען אויסגעלייגט ווערען אין ברייטע פּאַסען, און דער רעזולטאַט איז דאָ דערזעלבער. אויף אַזאַ אופן קומען די פרעסקע, דער קינסטלערישער טעפּיד, די האַנט־צייכענונג און די גראַפישע קונסטען צו איין אַלגעמיינער פאָדערונג, דאָס איז: באַוואוסטזיניג אַנהאַלטען דעם פלאַכען כאַראַקטער פון דער צייכענונג, אפילו דאָרט, וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט די רוימליכע טיף.

פאַרקערט, אויף אַ באַזונדערען געמעל וויקעלט זיך די רוימליכע פאָרשטעלונג פריי פונאַנדער און זי ווערט עמאַנציפּירט פון דער אויבערפלאַך, וואָס טראָגט זי. אָבער דאָס, וואָס טוט דעם געמעל די לעצטע טובה, וואָס איז פאַר אים פון דעם וויכטיגסטען נוצען, איז די ראַם, וואָס געהט אוממיטעלבאַר צוזאַמען מיט אים, און וואָס איז פּלאַסטיש באַאַרבייט. די ראַם מיינט ניט בלויז די אָפּזונדערונג פון דעם געמעל פון דער ארומיגערווירקליכקייט. ניט ווייניגער וויכטיג איז דאָס, וואָס זי טיילט אָפּ די מאָלעריי פון דער אויבערפלאַך פון דער וואַנט, און וואָס זי פירט אוועק מיט איר אינערליכער אַנגעבויגענקייט דעם בליק אין דער טיף. זי דינט אַלס אַריינפיר צום געמעל: גלייך ווי מיר וואָלטען געקוקט אויף אַ לאַנדשאַפט דורכ'ן

פענסטער. זיך צופּאַסענדיג צו דער פּלאַסטישער ראַם קאָן און דאַרף
דאַס געמעל צווינגען אונז אײנגאַצען צו פאַרגעסען אַז דער אויבער־
פלאַך, אויף וועלכער עס זענען אַוועקגעלייגט די פאַרבען. אַ געמעל
אָהן אַ ראַם ווייזט שטענדיג אַליין, ווי שטאַרק עס נויטיגט זיך אין
איר. עס זעהט אויס ניט פאַרטיג. עפּעס וויכטיגעס, וועזענטליכעס
פעהלט אים. אַ צייכענונג דאַגעגען, נויטיגט זיך ניט אין אַ ראַמעל.
ווען די צייכענונג קריגט יאָ אַ ראַמעל, פאַדערט זי ברייטע קאַרטאָז־
ברעגען, אָדער אַ ראַם פון פלאַכען האָלץ. די צייכענונג וויל פאַר־
בלייבען אין דער פלאַך און דערפאַר פאַלט זי האַרט צו צום וואַנט.
בעת פאַר דעם געמעל איז באַקוועם אַ משופּע'דיגע פּאָזיציע, ווייל
די לעצטע טיילט עס אָפּ פון דער וואַנט־פלאַך. לאָמיר זיך פאַרשטעלען
אַ געמעל מיט אַזוינע ברעגען און מיט אַזאַ ראַם, ווי מען גיט גע־
וועהנליך אַ צייכענונג, אַזוי אַז דערביי זאָל דער לייווענט זיך אַרויס־
זעהן אַרום דעם בילד — און עס וועט זיין פּיינליך אפילו צו טראַכטען
וועגען דעם. אָבער אָט דער עקספּערימענט באַווייזט בולט דעם גאַנ־
צען חלוק צווישען אַ געמעל און אַ צייכענונג.

דעם סטיליסטישען היפּוך צווישען מאַלעריי און צייכענען וועל־
לען מיר, אַלזאָ, מוזען רעדוצירען צו פאָלגענדען: אין איין גרופּע,
וואָס איר טיפּישע פאַרשטעהערין איז אַ האַנטצייכענונג, דאַרף צו־
זאַמען מיט דער אומבאַרירליכקייט פון דער רוים־פאַרשטעלונג אָפּ־
געהיט ווערען אויך דער פלאַכער כאַראַקטער פון דעם טרעגער פון דער
פאַרשטעלונג; דאָס פאָדערען דער מאַטעריאַל, די טעכניק און אַנדערע
אומשטענדען. אין דער צווייטער גרופּע, אין דער מאַלעריי, ווידער,
דאַרף דער צוויי־דימענסיאָנעלער כאַראַקטער פון דעם געמעל גופא
פאַרגעסען ווערען, און מען דאַרף אויסגעפינען אַלע מעגליכע מיטלען
פאַרצושטעלען די רוימליכע טיף.

די מעגליכקייט פון אָט דעם היפּוך ווערט באַדינגט דורך דעם,
וואָס די עמפּינדונג פון רוים קאָן אַרויסגערופען ווערען אויף אַ צוויי־
פאַכען אופן. ערשטענס דורך פּערספּעקטיווע מיטלען: דורך דער
פּערספּעקטיווע פון די ליניעס, לופט א. אַז. וו. אַלע פּערספּ־
עקטיווע מיטלען זאָגען פאַראויס און

זער באַקאַנטשאַפט מיט די געגענשטאַנדען, וואָס פילען אויס דעם רוים. דאָס צענויפקומען זיך פון ליניעס באַשאַפט בלויז דאָן אַן איינדרוק פון טיפקייט, ווען מיר נעמען אָן, אַז אַט די פאַסען זענען אינדער'אמת'ען פּאַראַלעל. דאָס זעלבע איז אין די מער קאָמפּליצירטע פאַלען. מיר קאָנען בלויז דאָן שליסען וועגען טיפקייט פון דער קלענער ווערענדער גרויס און קלאָרקייט פון די געגענשטאַנדען, ווען מיר זעצען פאָראויס, אַז פון דער נאָהענט זענען זיי פון דערזעלבער גרויס און גלייך בולט, אָדער ווען אונז איז געווי באַקאַנט דער אונטערשיד צווישען זייער גרייס און קלאָרקייט. פונקט אזוי האָט אויך די קאָליר פון אַ געגענשטאַנד בלויז דערפאַר אַ פּערספּעקטיווען זין, ווייל מיר ווייסען, ווי ער זעהט אויס פון דער נאָהענט. מיט איין וואָרט: די פּערספּעקטיווע מיטלען זעצען פאָראויס אַ געגענשטאַנדליכע ערפאַרונג, און זיי איבען אויס זייער איינפלוס ניט אויף אַ דירעקטען נאָר אויף אַן אינדירעקטען אופן, מיט דער הילף פון אַט דער ערפאַרונג, און דערביי זענען זיי אָפּהענגיג אַן דעם פאָרגעשטעלטען געגענשטאַנד.

צווייטענס זענען פאַראַן מיטלען, וואָס רופען דירעקט אַרויס איינדרוקען פון טיפקייט, אומאָפּהענגיג פון דעם פאָרגעשטעלטען געגענשטאַנד. פאַרשידענע פאַרבען, פאַרשידענע שאַטירונגען פון ליכט, פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פון רוימליכע פיגורען, האָבען אַ פאַרשידענע באַדייטונג ביי דער איבערגעבונג פון טיפקייט, גאַנץ אומאָפּהענגיג דערפון, וואָס זיי שטעלען פאָר. זיי קאָנען דעריבער אַנגעווענדט ווערען אין אַ געמעל אומאָפּהענגיג פון דער געגענשטאַנדליך־פּערספּעקטיווער אָריענטירונג אין דעם רוים, און זיי קאָנען אויסגענוצט ווערען אָדער פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּערספּעקטיווע, אָדער אַלס געגענגעוויכט צו איר.

מיר קאָנען איצט איבערגעבען דעם דיפערענצירענדען פּרינציפּ פון דעם היפּוך צווישען מאָלעריי און צייכענען אין פאָלגענדער פאָרם: די מאָלעריי פאָדערט די מיטאַרבייט אין איין ריכטונג פון ביידערליי רוים־פאַקטאָרען, אַזוי, אַז די אוממיטעלבאַרע פאַקטאָרען זאָלען פאַר־

בראַדער קריסטיאַנסען

שטאַרקען די ווירקונג פון די פערספעקטיווע. דאָס צייכענען, דאַ־געגען, צעטיילט זייער ווירקונג. זי לאָזט איבער צו די פערספעק־טיווע מיטלען די איבערגעבונג פון רוים, און באַנוצט זיך מיט די אײ־בעריגע אַלס אַ געגענגעוויכט, כדי צו אינטערשטרייכען דעם פלאַ־כען כאַראַקטער פון דעם טרעגער פון דער צייכענונג.

מאַלעריי און צייכענען קומען זיך אויף אַזאַ אופן צענויף אין דער אַנווענדונג פון די פערספעקטיווע מיטלען פאַר דער בילדונג פון רוים. עס איז ניט אַזוי, ווי קלינגער גיט עס איבער, ווען ער זאָגט, אַז די צייכענונג קאָן איבערלאָזען די בילדונג פון די רוימליכע פאָרמען צו דער פאַנטאַזיע פון דעם צושויער. דערמיט גופא וואָלט דאָס קונסט־ווערק אָפּגעגעבען געוואָרען אַלס קרבן דעם צופאַל און דעם ווילקיר. עס וואָלט זיין פאַרענדיגונג געקראָגען פון די הענט פון פרעמדע און געמוזט פאַרלירען זיין גאַנצקייט. אמת, אין געגענזאַץ צו דער מאַלעריי, קאָן די צייכענונג אָפּזאָגען זיך פון דער אויפגאַבע צו פאַרזעצען די געגענשטאַנדען אין אַ באַשטימטען, טיפען רוים. דעם גראַפיקער איז ערלויבט אַנצואוואַרפען מיט דער הילף פון קאָנטורען און עטליכע איינערליכע שטריכען אַ געוויסע צאָל פיגורען אין מיטען פון פעלד, ניט מאַלענדיג דעם באָדען, אויף וועלכען זיי שטעהען, און ניט דעם אייבערשטען אָדער הינטערשטען פאָן. אָבער ער לאָזט דאָס ניט איבער דער פאַנטאַזיע פאַר אַ ווילקירליכער דערגענצונג. דאָ פאָדערט ער אַבסטראַקציע. דער אומשטאַנד, ווידער, וואָס דאָס איז ערלויבט דער גראַפיק, אָבער ניט דער מאַלעריי, שטעהט טאַקע אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די צייכענונג האַלט אַז דעם פלאַכען כאַ־ראַקטער פון דער אויבערפלאַך און קאָן אַוועקשטעלן די פיגורען אויף אַט דער פלאַך. בעת די מאַלעריי וועלכע דאַרף גראָד גובר זיין די אויבערפלאַך פון דעם געמעל, מוז אומבאַדינגט באַשאַפען דעם רוים, וואָס איז אימשטאַנד אריינצונע־מען אין זיך די אויסגעמאָלטע פיגורען.

ווען מיר וועלען זיך פון די פאַלען ווענדען צו אַנדערע, וואו די צייכענונג פונקט ווי מאַלעריי, וויל בילדליך איבערגעבען אַ פאַרטיפ־טען ווינקעל פון רוים, וועלען מיר זעהן, אַז דאָ נויטיגט זיך די צייכע־

נונג און דיזעלבע מיטלען פון פּערספּעקטיוו, און פּונקט ווי די מאַלעריי באַשטימט זי דעם רוים מיט זייער הילף. דערביי לאָזט זי אויך דורכאַיים ניט איבער קיין אָרט פאַר דעם ווילקירליכען שאַפען פון דער פאַנטאַזיע. אָבער די מאַלעריי און די גראַפיק אונטערשיידען זיך צווישען זיך אין דעם געברויך פון די אַנדערע, אוממיטעלבאַר ווירקענדע רוים־פאַקטאָרען. אין דער מאַלעריי שטיצען אָט די לעצטע אונטער די ווירקונג פון דער פּערספּעקטיוו, און העלפען פאַרגיסען די פלאַך פון דעם געמעל. אין דער צייכענונג דאַגעגען, שטעלען זיי מיט זיך פאַר דעם געגענגעוויכט צו דער פּערספּעקטיוו, און זיי היטען דאָ אָפּ דעם פלאַכען כאַראַקטער פון דעם פאַרגעשטעלטען.

אַז געוויסע אָפּטישע איינדרוקען פאַרמאָגען, אוּמאָפּהענגיג פון די געגענשטאַנדען, וואָס זיי שטעלען פאַר, אַ באַדייטונג פון רוימליכער טיפקייט, דאָס איז אַ פאַקט, וועלכען מיר שענקען כמעט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט אין דעם פּראַקטישען לעבען, און וואָס איבעראַשט אונז פון דעם ערשטען בליק. וואָס האָבען פאַרבען, גענומען אַן און פאַר זיך, צו טאָן מיט די דריי דימענסיעס, מיט נאָהענטקייט און ווייטקייט? מיר מוזען זיך אָבער באַמיען צו פאַרשטעהן אָט דעם פאַקט און אויסגעפינען זיין געזעץ, אויב מיר ווילען ווייזען, ווי אַזוי די פאָלגען פון פאַרשידענע רוים־פּאָסטולאַטען ברענגען די מאַלעריי און דאָס צייכענען צו סטיליסטישע אונטערשידען. איין עלעמענטאַרער ביישפּיל דאַרף אונז אָנווייזען דעם וועג. די דאָ אויסגעמאָלטע פיגור,



צוויי קאָנצענטרישע קוואַדראַטען מיט פאַראייניגטע ווינקלען, דערלאָזט אַ פּלאַסטישע אויסטייטשונג אָבער ניט קיין איינדייטיגע. מען קאָן זי באַטראַכטען אַלס דאָס אינעווענייגסטע פון אַ פּירעקיגער רעהר, וואָס פאַרנעמט זיך אין דער טיף. אָדער מען קאָן, פאַרקערט, אין איר זעהן אַן אָפּגעהאַקטע פּיראַמידע, וואָס הויבט זיך אויף אונז אַנטקעגען. אין דעם ערשטען

בראָדער קריסטיאַנסען

פאַל שטעהט דער קלענערער קוואַדראַט אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן, אין דעם צווייטען פאַל איז ער אויפ'ן פאָדערשטען פּלאַן. איך קאָן די פיגור זעהן אויף ביידע אופנים, לויט ווי עס פאַלט מיר איין. איך קאָן דאָס אויך איבערלאָזען דעם צופאַל, דאָך וועל איך דעם פלינקסטען בליק ווידער קריגען ביי איינעם אָדער דעם צווייטען איינדרוק. אָן וואָס ווענדט זיך עס? פון וואָס ווערט עס באַדינגט, וואָס איך זעה די צייכענונג אזוי אָדער אַנדערש? עס פּאַסירט אויך אזוי, אַז אין דער אייגענער צייט, וואָס איך באַטראַכט די צייכענונג, קומט פּלוצלונג פאָר אַן ענדערונג, אַן אומערוואַרטע פאַרוואַנדלונג פון די פּלאַסטישע פאַרהעלטעניסען. וואָס זשע האָט זיך דאָ געענדערט?

מיט אַן ענליכער צווידייטיגקייט צייכענט זיך אויס אויך די פאָלגענדע פיגור: זי קאָן זיך אויסווייזען אָדער ווי שטיגען, אָדער ווי אַן אַראָפּהענגענדיג שטיק וואַנט, וואָס איז אָפּגעהובעלט געוואָרען אין דער פאָרם פון טרעפּלעך. אויך דאָ איז דער איינדרוק אַ צופעליגער אָדער אַ ווילקירליכער; אויך דאָ קומט פאָר די ערשיינונג פון אומערוואַרטער פאַרוואַנדלונג. באַזונדערס לייכט ווערט די וואַנט פאַרוואַנדעלט אין שטיגען.



די פּסיכאָלאָגיע ערקלערט אונז די אורזאַך פון אָט דער ערשיינונג. אין אַ צווידייטיגער צייכענונג ווערט די אויסטייטשונג באַשטימט דורך דער באַוועגונג פון דעם אויג. ווען מיר באַטראַכטען עפּעס, נעמט געוועהנליך אונזער אויג אַ באַשטימטען פּונקט אלס דעם פּונקט פון רוה, פון וועלכען עס געהט ארויס, און צו וועלכען עס קערט זיך בסדר צוריק, ווי צום צענטער פון דער אָפּטישער פאָרשטעלונג. עס ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז אין די דערמאָנטע פיגורען ווערט אָט דער אויסגאַנגס־און־רוה־פּונקט — דער פאָדערשטער פּלאַן. אויב אונזער אויג — ווילקירליך אָדער צופעליג — פאַלט אויפ'ן קליינעם קוואַדראַט, און דערביי זעצען מיר פאָראויס, אַז קיין שום פאָראויסגענומענע

פארשטעלונג וועגן דעם געגענשטאנד באשטימט ניט דעם רוים איז אז אנדער זין. דאן זעהען מיר אין דער פיגור אן אפגעהאקטע פיראמידע, וואס טרעט ארויס אין פראנט. אבער ווען מיר פיקסירען אונזער בליק אויף איינער פון די זייטען פון דעם גרויסען קוואדראט, ווערט *ער* דער פאדערשטער פלאן, און די צייכענונג, פארטיפענדיג זיך, ווערט א רעהר. ווען ביי דער צווייטער צייכענונג פיקסירען מיר דעם בליק אויפ'ן לינקען זוים פון דעם קאנטור ווערט ער דער פאדערשטער פלאן, און מיר זעהען שטיגען. אבער ווען מיר פיקסירען דעם בליק אויף דעם רעכטען זוים, איז ער ווערט דער פאדערשטער פלאן, האבען מיר פאר זיך אן אראפהענגענדיג שטיק וואנט. וואוהין עס פאלט, אלזא, אונזער בליק און וואס עס ווערט דער אפטישער פאקוס — דאס באקומט אין אזוינע צווידייטיגע פאלען דעם כאראקטער פון דעם ערשטען פלאן.

ווי אבער, אז מיר וועלען אין אונזערע פיגורען פארשטארקען געוויסע ליניעס? זיי וועלען דאן צוציען צו זיך דעם בליק, זיי וועלען ווערען — אויב ניט מיט אבסאלוטער זיכערקייט (מחמת די געגענשטאנדליכע אסאציאציעס און אנדערע צופעליגקייטען שפילען אויך זייער ראלע), איז יעדענפאלס מיט א גרעסערער ווארשיינליכקייט די אויסגאנגס־פונקטען פאר'ן אויג, און צוזאמען דערמיט וועלען זיי ארויסטרעטען אויפ'ן פאדערשטען פלאן. דער בליק און די אויפמערקזאמקייט ווענדען זיך דאך ניט ווילענדיג צו דעם, וואס איבערראשט זיי. און דערמיט אליין, וואס מיר גיבען אריין אין א צייכענונג מיט א פראבלעמאטישער באדייטונג עפעס וואס *ווארפט זיך אין די אויגען*, קאנען מיר באשטימען די אויסציהונג אין דער טיף, די נאהענטקייט אדער ווייטקייט. אין אלגעמיין קאן מען זאגען, *אז די מאמענטען, וואס ווארפען זיך זינליך אין די אויגען און וואס ווערען דערמיט דער אויסגאנגס־פונקט פאר דעם בליק, דארפען האבען די טענדענץ זיך אויסצואווייזען נעהנטער איידער די מאמענטען, וואס טיילען זיך מיט גאר־*

בראָדער קריסטיאַנסען

נישט ארויס—די טענדענץ זיך דורכצו־שלאָגען פאַרויס און אַפּשטויסען אַנדערע אויף צוריק.

אמת, בלויז די טענדענץ, און בלויז אין פיגורען מיט אַזאַ אומבאַשטימטער באַדייטונג פון טיפקייט, וועט זי פולשטענדיג דער־גרייכען איר אנטוויקלונג. ווען אָבער די צייכענונג ווערט אין דעם פּערספּעקטיווען זין באַשטימט איינדייטיג, וועט אַט די טענדענץ ניט זיין אימשטאַנד צו ענדערען די רוימליך־געגענשטאַנדליכע פאַרשטע־לונג. דאַך וועט אויך דאָ איר ווירקונג ניט איינגאַנצען געהן לאַבוד, נאַר לויט איר כאַראַקטער וועט זי אָדער פאַרשטאַרקען די פּערספּעקטיווע פאַרשטעלונג, אָדער געהן להיפּוך דער לעצטער, און אָפּ־שוואַכען זי מיט איר אוממיטעלבאַרען איינדרוק. דעריבער, ווען אין דער צייכענונג טיילען זיך מאַנכע מאָמענטען ארויס פון די אנדערע שוין מיט זייער זינליכען אויסזעהן, ציען זיי צו דעם בליק צו זיך. זיי ווערען די צענטרען פון דער אָפּטישער פאַרשטעלונג, און ביי אַנדערע גלייכע אומשטענדען זעהען זיי אויס נעהענטער, ווי אַנדערע מאָמענ־טען. זיי האָבען די טענדענץ פון דעם פאָדערשטען פּלאַן. אויב אַזוינע מאָמענטען געפינען זיך אויף דעם פאָדערשטען פּאַן, שטיצען זיי אונ־טער די פּלאַסטישע ווירקונג פון דעם רוים. שטעהען זיי אָבער אויף דעם הינטערשטען פּאַן, ווייזען זיי ארויס אַ פאַרקערטע ווירקונג. אַט די טענדענץ פון די זינליכע טראַפּען צום פאָדערשטען פּלאַן גיט אונז דעם געזעץ פון די אוממי־טעלבאַרע ווערטען פון טיפקייט, וואָס זענען אומאָפּהענגיג פון׳ם געגענ־שטאַנד.

פארגלייכענדיג די אָפּטישע איינדרוקען איינעם מיט׳ן אנדערען, באַמערקען מיר, אז זיי שמידען ניט צו די אויפמערקזאמקייט מיט א גלייכער קראַפט. אין אַ גרופּע פארבען, ווען זיי קאָנקורירען צווישען זיך אויף גלייכע באַדינגונגען, וואַרפט זיך רויט אם מערסטען אין די אויגען. און דערפאַר קריגט אַט די קאָליר פריער פון אלע אַנדערע די טענדענץ צום פאָדערשטען פּלאַן. ווען רויט שטעהט אויפ׳ן פאָ־דערשטען פּאַן פון דער צייכענונג, ווערט די פּלאַסטישע פאַרטיפונג

פון דעם רוים בולטער. ווען אבער די רויטע פארב שטעהט אויפ׳ן הינטערשטען פאן, ווערט איר קראפט זיך אנטקעגענשטעלען דער ווירקונג פון דער טיפקייט. די איבעריגע פארבען־אייגענשאפטען זענען אויך ניט גלייך לויט זייער צוציהונגס־קראפט, און טיכטיגע אויספארשונגען וואלטען געוויזען אין איינקלאנג דערמיט די רייפאלגונג פון זייערע ווערטען ביי דער באשטימונג פון דער טיפקייט. בכלל וואלט מען געקאנט זאגען, אז די קאלירען פון דער פאזיטיווער זייט פון דעם ספעקטר ראזיצען אין פארגלייך מיט דער נעגאטיווער זייט די טענדענץ צום פאדערשטען פלאן. אבער אט די טענדענץ איז קענטיג בלויז דאן, ווען די פארשידענע פארבען קאנקורירען צווישען זיך ביי גלייכע באדינגונגען. אין די גרעניצען פון יעדער פארבען־אייגענשאפט ווארפען זיך דאך די פארשידענע גראדען גערדיכטקייט און די פארשידענע שטופען אינטענסיווקייט און העלקייט ניט אויף א גלייכען אופן אין די אויגען, און זיי האבען דערפאר ניט דעם זעלבען ווערט פאר דער טיפקייט. וואס העלער און אינטענסיווער די פארב — אלץ שטארקער די טענדענץ צו דעם פאדערשטען פלאן. צוליב דער זעלבער אורזאך האבען אויך די ענדערונגען פון דעם פארבלאזען ליכט און פון שאטען א פארשידענע רוימליכע באדייטונג. די ליכטיגע פלעקען טיילען זיך ארויס אין פראנט — ביי אלע איבעריגע גלייכע אומשטענדען — און שטויסען די אנדערע צוריק. א ליכטיגע האלב־לבנה שיינט זיך אפצוטיילען פון דעם הימעל־געוועלב. און אין די ערשטע טעג פון דער נייער לבנה, ווען דער טונקעלער דיסק ווערט שוואך באלויכטען פון דער ערד, זעהט מען אים בולט צוריקטרעטען אין דער טיף, הינטער דעם בלישטשענדען קרעסצענט. ווייטער ווייזט זיך דער חלוק אויך ארויס אין דעם, צי די זינליכע איינדרוקען זענען ענג אנגעשלאסען איינער אן דעם אנדערען, אדער זיי זענען צעזייט און קומען צעווארפען. דאס געשלאסענע האט פאר דעם אויג א מער צוציענדיגע קראפט, ווי דאס צעזייטע, און ווייזט דערביי ארויס א שטארקערע טענדענץ צום פאדערשטען פלאן. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז דאס שארף אנגעצייכענטע מער באמערקבאר, ווי דאס צעשוואומענע און דאס זיך צעגויפגיסענדע, און באזיצט א גרעסערען

ווערט פאַר דער דערנעהנטערונג. ווייטער — און דאָס איז באַזונדערס וויכטיג — האָט אַלץ, וואָס איז אַ קאָנטראַסט, און וואָס טיילט זיך אַרויס פון אַ מער איינאַרטיגער מאַסע, אַ טענדענץ צום פאָדערשטען פּלאַן. אויף אַזאַ אופן קאָן דאָס בלויע און דאָס טונקעלע זיך דורכשלאָגן אין פראָנט אין פאַרגלייך מיט דעם ליכטיגען אָדער רויטען. אויב דאָס בלאָע און טונקעלע טיילען זיך שאַרף אַרויס אויף דעם איינאַרטיגען פאָן. דאָס דייט שוין אָן דערויף, אַז פאַרשידענע מאָמענטען, וואָס וואַרפען זיך אין די אויגען קאָנען אַריינגעהן אין פאַרשידענערליי קאָמבינאַציעס צווישען זיך און זיך געגענזייטיג נייטראַליזירען, אָפּשוואַכען אָדער פאַרשטאַרקען. דאָס וועט זיך ווענדען אָן דער ענליכקייט אָדער געגענגעזעצליכקייט פון זייער ריכטונג, און אָן דעם גראַד פון זייער כח. לאָמיר נעמען, למשל, די אינטענסיוו־העלע רויטע פאַרב, וואָס טיילט זיך אַרויס אין שאַרפע שטריכען אויף אַ טונקעלען מאַט־גרינעם פאָן — און זי וועט אַרויסטרעטען זעהר בולט, ממש אָנצוטאַפּען.

דער רוימליכער פּרינציפּ פון דער מאַלעריי איז די קאָאָרדינירונג פון די פאַרשידענע רוימליכע דאַטען, די פאַרשטאַרקונג פון דער פּערספּעקטיוו מיט דער הילף פון די אוממיטעלבאַרע עפעקטען פון די אָפּטישע איינדרוקען. דער מאַלער שטעלט דעריבער אַרויס אויף דעם פאָדערשטען *פּלאַן* פון דעם געמעל אַלע יענע מאָמענטען, וואָס האָבען אַ טענדענץ *צום פאָדערשטען פּלאַן*. אַלץ, וואָס רעגט זיכליך אויף און וואָס שמידט אוממיטעלבאַר צו דעם בליק, דאַרף זיך געפינען אויפ'ן פאָדערשטען פּלאַן פון דעם געמעל: אַלץ, וואָס איז רויט, העל לייכטענדיג, שאַרף אָפּגעגרעניצט, איינגעשלאָסען, קאָמפּאַקט, שווער און מעכטיג, שאַרף און קאָנטראַסטירענדיג. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען, אַז ביי דער אַנטוויקלינג פון טיפקייט אויף אַ געמעל איז וויכטיג ניט בלויז די צווייאַיגע געגענזעצליכקייט — פון נאָהענטקייט און ווייטקייט. עס איז אויך וויכטיג, אַז די אונטער־

שידען זאָלען ניט זיין צו עקסטרעם פונאַנדערגעטיילט. עס איז ניט געווג אַרויסצוטיילען דעם פאָדערשטען פּלאַן. און אַלעם איבעריגע צוריקצושטויסען אין אַ גלייכער ווייטקייט. די ווייטקייט פאָדערט גראַדאַציעס פון איר זייט. דעריבער דאַרף דער קינסטלער אַזוי אויסלייגען די רוימליך־אַקטיווע כחות פון די זינליכע פאָרמען, אַז עס זאָל פאָרקומען אַ שטופּענווייזער איבערגאַנג צו אַ טיפער ווייטקייט. ער וועט אפשר באַזונדערס אונטערשטרייכען אַ צוויי דריי ווערטיקאַלע פלאַכען, וואָס זאָלען זיין פאַראַלעל צום פאָדערשטען פּלאַן, אויסלייגענדיג דערביי די אָביעקטען־רייען אויף אַ גלייכען שטח. די ווידערהאָלונג פון גלייכע ווייטקייטען מאַכט לייכטער די אָריענטירונג אויף אַן אומגעוועהנליכען אופן. אָבער ביי די אוממיטעלבאַרע רוים־פאַקטאָרען דאַרף מען שטענדיג האָבען אין זינען די קאָנטינואיטעט פון דער באַוועגונג אין דער טיף. זי ווערט מעגליך דערפאַר, וואָס אַט די רוימליכע צייכענס אַנטהאַלטען אין זיך גופא אַ גראַדאַציע. פאַרשידענע קאָלירען האָבען אַ פאַרשידענעם ווערט פאַר דער טיפקייט. דאָסזעלבע אויך די ליכטיגע שאַטירונגען און די לעבעדיגקייט פון די קאָנטראַסטען. מיט דער הילף פון אַ געמיש פון די פאַראַלעלע און געגענזעצליכע פאַקטאָרען גיט זיך איין צו דערגרייכען יעדע שטופע, וואָס מען וויל. כדי צו דערשטיקען, למשל, די ווירקונג פון רויט אויף דעם צענטראַלען פּלאַן, ווערען אויפגעלייזט די קאָנטורען, אָדער מען מעסיגט אביסעל די לעבעדיגקייט פון אַט דער קאָליר דערמיט, וואָס מען צעשפּרייט זי איבער דעם גאַנצען פעלד פון דעם דאָזיגען פּלאַן.

דאַ וואָלט איך אויך געוואָלט מאַכען עטליכע באַמערקונגען וועגען די מעכאַנישע רעפּראָדוקציעס פון די געמעלען, וואָס זייער דערעסענדיגע, מאַסען־פאַרשפּרייטונג ערשיינט פאַר מיר אַלס דאָס אמת׳ע אומגליק פון אונזער צייט. דערמיט, וואָס מען טראָגט איבער אַ געמעל, וואָס דאַרף האָבען אַ פּלאַסטישע ראַם, אויף קאַרטאָן, אָדער אויף דער אויבערפלאַך פון אַ זייטעל, שטעלען מיר עס אויף דערזעלבער מדרגה מיט אַ צייכענונג. אָבער דאָס דערלאָזט ניט זיין

סטיל. וואָס שטרענגער דאָס געמעל היט אָפּ זיין סטיל, אַלץ אומאַנ־גענעמער וועט זיין דער איינדרוק פון זיין רעפּראָדוקציע. און די פּאַרפּלייצונג פון אַזוינע קאָפּיעס מוז אומבאַדינגט אָפּטעמפּען די עמ־פּינדליכקייט צו אַ שטרענגען און ריינעם סטיל. וואָס וועניגער אַ געמעל פאַרווירקליכט די סטיליסטישע פּאָסטולאַטען פון דער מאַלעריי, אַלץ בעסער וועט עס אויסזעהן אויף אַ בלעטעל פון אַ בוך. דאָס ברענגט אויך צו אַ צעמישעניש אין די אָפּשאַצונגען. ווען דער אָרי־גינאַל איז איינצעלן און דעריבער זעלטען, און ווען מען מאַכט פון אים אַ סך רעפּראָדוקציעס, וועט דער איינדרוק פון די קאָפּיעס אומ־באַדינגט זיך אַרויסווייזען ביים אורטיילען דעם ווערט פון דעם אמת׳ען ווערק. עס קאָן זיין, אַז דערמיט איז פאַרבונדען די ערשיינונג, וואָס אונזערע מאָלערס זענען איצט גענייגט עובר צו זיין די גרעניצען פון סטיל צווישען דער מאַלעריי און דער גראַפיק, און אויסצוהאַלטען דאָס געמעל אין אַ גייסט, וואָס וואָלט געטויגט פאַר אַ גראַוויאור אָדער פאַר אַן אָפּדרוק.

איך וואָלט געוואָלט מאַכען אַזאַ פאָרשלאַג: שטענדיג רעפּראָדו־צירען געמעלען צוזאַמען מיט זייערע ראַמען. דאַן וואָלט מען געקאָנט זעהן ווי אַזוי דער רוימליכער איינדרוק איז פאַרטראַכט געוואָרען. די פאָטאָגראַפיע קאָן דאָך ניט און דאַרף אויך ניט געבען עפּעס מער ווי אַן אָנצוהערעניש, און אין אַזאַ פאַל וואָלט די לעצטע געוועזען נאָך גענויער. צו דערזעלבער צייט וואָלט דאָס אויך געשטערט די רעפּראָדוקציעס זיך אַרויסצוגעבען פאַר קונסט און אַרויסצוטרעטען מיט פּרעטענציעס אויף אַן אייגענעם עסטעטישען ווערט.

די צייכענונג און אַלץ, וואָס זי רעפּרעזענטירט אויף אַ טיפּישען אופן: פּרעסקען און טעפּיכער, מאָזאַאיק און פאַרביג גלאָז — אויך די יאַפּאַנישע קאַקעמאָנאַ געהערט אַהער — לאָזט קענטיג איבער דעם פלאַכען כאַראַקטער פון דעם טרעגער פון דעם פאַרגעשטעלטען. זיי קאָנען דערביי, ווי עס איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן, זיך אָפּשיידען

קונסט

פון דעם רוים, וואס רינגעלט ארום די אויפגעמאלטע געגנשטאנדען. זיי קאנען איבערגעבען א בוים און חיות ניט מאלענדיג די ערד, אויף וועלכער זיי שטעהען. אלס פארבינדונג איז אט דער הינזיכט ווירקט די אויבערפלאך פון דער צייכענונג, וואס לאזט זיך זינליך עמפינדען. נאר אפילו ווען די צייכענונג וויל באשטימען דעם רוים איז עס נאטירליך, אז איר באדערפעניש אין די מיטלען פון פערספעקטיוו איז ניט זעהר גרויס. מיר דארפען דעריבער ניט חדוש'ן זיך, וואס אין דער יאפאנישער קונסט, וועלכע איז שטענדיג פארבליבען א צייכענונגס־קונסט, האט מען ניט געפונען מאנכע פון די וויכטיגסטע פערספעקטיוו־מיטלען. פאר אונז, מיט אונזערע אנדערש ערצויגענע געוואוינהייטען, זעהט עס, נאטירליך, אוים נאאיוו, ווען די יאפאנישע מאלערס און גראווירער לאזען זייערע באליבטע צימערען־רייען, שאך־ברעטלאך און בענקעלאך אוועקגעהן אין דער טיף, ניט פארקלענערענדיג זיי דערביי אין דער ברייט. געוויסע אויסמעסטונגען אנטפלעקען אפילו א פארגרעסערונג פין דער ברייט. אבער עס זעהט אוים, אז זיי האבען עמפונדען די פלאך פון דעם פארגעשטעלטען א סך לעבעדיגער, ווי עס בינדט זיך מיט אונזער געוואוינהייט; און די פאדערונג פון פלאכקייט האט פאר זיי געהאט דיזעלבע, אדער נאך א גרעסערע באדייטונג, ווי די פאדערונג איבערצוגעבען די טיפקייט. בלויז דאס געמעל, וואס עמאנציפירט די איבערגעבונג פון דער פלאך, נויטיגט זיך אין די פערספעקטיווע מיטלען, און געפינט זיי אוים. די הערשאפט פון דעם געמעל האט געבראכט דערצו, אז אונזער אויג פאדערט אויך פון דער צייכענונג א גרעסערע קלארקייט אין דער אנטוויקלונג פון דער טיף. מיר קאנען דעריבער איצט ניט איבערנעמען די פרייקייטען פון דער יאפאנישער גראוויור, ווי מיר קענען ניט איבערנעמען די גריכישע מאסקען פאר אונזער ביהנע. געוואוינהייטען מיינען אין דער קונסט רעאלע ראמען. אויב זיי גיבען אן אנשטויס צו שארפע און שעדליכע דיפערענציאלע טענער. דאך וועט די גראפיק האנדלען ריכטיג ווען זי וועט זיך אפהאלטען פון עקסטרעמע און צו צודרינגליכע פערספעקטיוו־מיטלען, און אויסמיידען די פלאסטישע מאדעלירונג.

דאס מיטעל, ווידער, וואס א דאנק אים היט די צייכענונג אפ

איר פלאַכען כאַראַקטער, אפילו ביי דער איבערגעבונג פון טיפקייט, שטראַמט ארויס פון דעם געזעץ פון די אוממיטעלבאַרע, רוימליכע ווערטען. די הויפּטזאַך איז אויסצושליסען פון דעם פאָדערשטען פלאַן אַלע איינצעלנע מאָמענטען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַן אינטענסיווער טענדענץ צו אים (דעם פאָדערשטען פלאַן), אָדער נייטראַליזירען זיי, אויב מען קאַן זיי דאָ ניט אויסמיידען. עס איז בעסער צו דערווייטערען פון דעם פאָדערשטען פלאַן די זינליכע טראָפּען און אַלעס, וואָס שמידט אוממיטעלבאַר צו דעם בליק. אָדער מען דאַרף זיי אַזוי צעטיילען און פארשפּרייטען איבער דעם גאַנצען פעלד פון דער צייכענונג, אַז די גאַנצע פאָדערשטע פלאַך זאָל זיין האָמאָגעניש. מען דאַרף אויסמיידען אויף דעם פאָדערשטען פלאַן פון דער צייכענונג די העל־רויטע קאָליר, באַזונדערס אין אַן איזאָלירטען טייל פון דער אויבערפלאַך, ווי אויך די קאָנצענטרירטע ליכט־פלעקען, שרייענדיגע קאָנטראַסטען, אַלץ וואָס איז קאָמפּאַקט און שווער. דאָס באַציט זיך אין דער זעלבער מאָס צום אַפּאַרט, גראַוויור, פרעסקע, מאָזאַאיק, צייכענונגען אויפ׳ן טעפּיך, ווי צו דער האַנט־צייכענונג. אָדער, ווען דער קינסטלער לייגט אויס די קערפּער־מאַסען אויפ׳ן ערשטען פּלאַן, דאַרף ער אויסלאָדען זייער שווערקייט. ער דאַרף זיי באַפרייען פון דער דאָקוטשענדיגער קערפּערליכקייט; דאָס וועט ער דערגרייכען דורך דעם, וואָס ער וועט זיך אָפּזאָגען פון יעדער פּלאַסטישער מאָדעלירונג, אָדער ווען ער וועט אויפלייזען די לעצטע אין אַ פרייער קאָמבינאַציע פון ליניעס. אַלס מוסטערען ערשיינען דאָ וואַזען, ווי אַטאָ פישער באַהאַנדעלט גראַוויהיסלער און אַטאָ פישער. זעהט, ווי אַטאָ פישער באַהאַנדעלט גראַפיש די שטיינער, וואָס ליגען פאַזע וועג, וועלכער קומט אונז אַנטקעגען. וואָס נעהנטער זיי זענען, אַלץ ווייניגער מאָדעלירט ער זיי. און ענדליך, ביים סאַמע ראַנד, זעהען מיר הוילע קאָנטורען. געאָרג יאַן וואָלט געקאָנט דינען אַלס ביישפּיל פון אַ פאַרקערטער ריכטונג. ניט טראַכטענדיג, נעמט ער אריין אין אַ גראַוויור דעם פּלאַסטישען איינדרוק פון דער נאַטור.

באַזונדערס דאַרף מען אויסמיידען דעם צוזאַמענפאַל צווישען אַ קערפּערליכער מאַסע און ליכט. אַ וואונדערבאַרע האַרמאָניע ווייזט

ארוים די עסטרייכישע אסיגנאציע פון הונדערט גולדענס, וואו די אופ־לייזונג פון די באלויכטענע פיגורען און די פלאסטישע באארביימונג פון די טונקעלע, באלאנסירען אייגס ס'אנדערע. עס איז אויך ניט גוט צו קאנצענטרירען דאס געגענשטאנדליכע אין איין פונקט פון דעם פאדער־שטען פלאן. א בוים, וואס שטעהט באזונדער, אדער א מענש אין פראנט גיבען צופיל מיפקיית. טאמא'ס גראוויור „דער וואנדערער", לײדט פון דעם גרונד־טעות, וואס א מענש, וועלכער געהט גלייך אויפ'ן צושויער, ווערט אומפארמיידליך דער אויסגאנגס־פונקט פאר'ן אויג. זיין פארקערטע, פארטיפענדע ווירקונג איז צו שטארק פאר א גראוויור, זי וואלט זיך געטויגט פאר א געמעל. א באקוועמע ווירקונג, פאר־קערט, איבט אויס די רעליעפע צעשפרייטונג פון די פיגורען איבער'ן פאדערשטען פלאן. אזא מעטאד באגעגענען מיר זעהר אפט ביי בעלע'ן און אויף דירער'ס גראווורען.

דער עיקר דארף די צייכענונג צוגעבען דעם פאדערשטען פלאן א האמאגענישקייט און דערוויטערען פון אים די שווערקייט פון די טראפען. פאר דער וויטערער באארבייטונג פון דעם רוים זענען פאראן צוויי מעטאדען. דער ערשטער באשטעהט אין דער פולשטענ־דיגער אויסמיידונג פון אויפרעגענדע מאמענטען אין דער צייכענונג. און אין דער פארשפרייטונג פון האמאגעניש־קייט אויף דער גאנצער אויבערפלאך פון דער פארשטעלונג. אזוי ווערט די מאט־גרויע טושירונג מיט'ן בליישטיפט איינארטיג צעשפרייט איבער דער גאנצער אויבערפלאך. און דאס גיט איר צו איין גאנצען איינהייטליכען טאן. אדער מען היט אפ ווי וויט מעגליך דעם איינטאניגען ווייסען פאן אויף דער צייי־כענונג אדער גראוויור, און דערביי באנוגענט מען זיך מיט א מינימום ליניעס. דאס צייכענען ווערט דאן די „קונסט פון פארקירצונגען," און דער וואס האט אויסגעהאקט אט דעם אויסדרוק, — מאקס ליבערמאן — איז אליין דער מייסטער פון אט דער שולע. זיינע ארבייטען מיט דער קאלטער נאדעל אויף א צינק־פלאטע דערגרייכען די באגייסטערטע שעהנקייט פון ווהיסלערס עסטאמפען. צומאל גלייכט מען אוים די צייכענונג מיט א קרומער שטריכירונג, וואס געהט אין איין ריכטונג,

ווי מען זעהט עס, למשל, אויף די פּריע איטאַליענישע גראַוויורען. אָדער מען לעגט אויס פאַרבען, וואָס צייכענען זיך ווינציג וואָס אויס מיט זייער באַדייטונג פאַר דער טיפּקייט: מאַטע, פאַרוועלקטע, אָפּגע־לעבטע. אָדער מען גיסט פונאַנדער די אויפרעגענדע פאַרבען און ליכ־טיגע פלעקען איבער דער גאַנצער אייבערפלאַך אין גלייכמעסיג אויס־געלייגטע טיילען. אָדער מען ניוועלירט די קאָלירען, צומישענדיג צו אַלע דעם זעלבען טאָן.

דער ציווייטער מעטאָד פירט צו אַ פאַרקערטער ווירקונג, צו דער אינווערזיע. די מאָמענטען פון דער שטאַרקסטער אויפרעגונג, די איי־גענשאַפטען, וואָס וואַרפען זיך אין די אויגען, און די קאָנטראַסטען ווערען איבערגעטראָגען אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן. דאָס איז דער פולשטענדיגער היפוך צו די מעטאָדען פון מאַלעריי. בעת אויף אַ געמעל פאַלט דער בליק קודם כל אויפ'ן פאָדערשטען פּלאַן, אַזוי אַז דער רוים קייקעלט זיך פונאַנדער פאַר די אויגען פון פאָרענט אויף צוריק, געפינט זיך דער אויסגאַנגס־פּונקט אויף אַ צייכענונג, ביים געברויך פון דער אינווערזיע — אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן, און דער רוים וויקעלט זיך שוין פונאַנדער פון דער טיף צום צושויער. אין דער מאַלעריי געפינען זיך די אונטערשטרייכונגען פון פאָרענט, און זיי איבען אויס אַ צוריקשטויסענדע, דערווייטערענדע ווירקונג. ביי דער אינווערזיע פון אַ צייכענונג שטעהען אָט די מאָמענטען פון הינטען, און זייער ווירקונג איז אַ דערנעהענטערענדע.

די מאָדערנע גראַפיק האָט אויפצואווייזען מאַנכע גוטע ביישפּי־לען פון אָט דעם מין, למשל: אַ הויכער האָריזאָנט און איבער אים סילועטען פון מענשען, חיות, ביימער, וואָס טרעטען שאַרף אַרויס אויף אַן איינאַרטיג־ליכטיגען הימעל. אויף דעם דאָזיגען פּרינציפּ איז געבויט דער מאַרבוטערס באַוואוסטער טעפּיק: „די מיל אויף דער לאַנ־קע," וואו דער פורפור פון דער פאָרגעהענדער זון און דער אונטערשטער פּאַס שטרייכט נאָך אונטער דעם איינדרוק פון פלאַכקייט. אָדער טאָמאָס צייכענונג „די דערצעהלונגען פון מעשה'לאַך," וואו די ווייט־קייט ווערט דערנעהענטערט דורך אַ גרויסער, ליכטיגער לבנה. וועלטער־

סעם צייכענונג אויף שטיין „דאס הויז פון טרוימען“ איז געוואָרען אַ מוסטערהאַפטער ביישפּיל. דער פאָדערשטער פּלאַן ליגט דאָ אין דער טונקעלקייט פונ׳ם צימער, די פיגורען פון פאָרענט זענען גלייכמעסיג פאַרשפּרייט איבער׳ן גאַנצען פעלד, און אויף דעם וויטען, הינטערשטען פּאַן געפינט זיך, פאַרקערט, דער אַפּטישער טראַפּ פון דער צייכענונג, די שאַרפע שפּיצען פון די בערג, וואָס טרעטען בולט ארוים אויף דער ליכטיגער לעבעדיגקייט פונ׳ם הימעל. די שוואַכקייט פון דעם סטיליסטישען חוש ביי אונזערע מיטצייטלער איז מסתמא פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר, וואָס די מאַלעריי נעמט איבער אַט דעם מין קאָמפּאָזיציע, וועלכער איז דערלאָזבאַר בלויז פאַר די גראַפישע קונסטען. אַ הויכער האָריזאָנט, למשל, מיט שאַרפע סילועטען איבער אים, וואָס מאַכט דעם רוים זיך פונאַנדערוויקלען פון דער טיף — ארויס, רופט ארויס אַ זעהר אומאַנגענעמען איינדרוק אין דער מאַלעריי, וואו די פּלאַסטיש־פאַרטיפטע ראַם גרייט אונז צו צו אַ פאַרקערטער באַוועגונג פון דעם בליק. פאַרקערט, אַ יאַפּאַנישע קאַקעמאָנאַ, וואָס איר רעמעל איז בלויז אַ פאָרטזעצונג פון דער אויבערפלאַך, וועלכע טראָגט די צייכענונג, איז פאַרבאַשטימט דערצו, אַז דער רוים זאָל באַטראַכט ווערען פון דער טיף—אַרויס, ד.ה. אויף דער פלאַך פון אויבען אַראָפּ, און דערפאַר איז דער אויבערשטער פּאַס פון דער ראַם ברייטער אָנגעצייכענט אין פאַרגלייך מיט דער אונטערשטער.

דער אָנגעוויזענער אונטערשיד צווישען דער מאַלעריי און דעם צייכענען פירט נאָך צו ווייטערע פאָלגען, נעמליך אין דער באַהאַנדלונג און פאַרהעלטניסמעסיגער באַדייטונג פון די פאָרמאַלע עלעמענטען. דאָ איז דער אָנווענדונג פון באַשטימטע דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען, און ענדליך — אין דעם אויסוואַל פון דעם געגענשטאַנדליכען. ביי דער אויספאָרשונג פון אַט די פאָלגען וועט אונז נאָך מלערער ווערען די געזעצליכקייט פון ביידערליי סטילען.

בראָדער קריסטיאַנסען

מיר האָבען פאַראייניגט אונטער דעם באַגריף „צייכענונג“ די גראַפישע קונסטען — האַנט־צייכענונג, מעפּיד, וואַנט־פרעסקע, וואַזען־מאָלעריי, דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַן אַלגעמיינעם פּאָסטולאַט: אַפּהיטען דעם פלאַכען כאַראַקטער פון דער אויבערפלאַך, און ווייל די צייכענונג איז טיפּיש טאָקע פון דעם שטאַנדפּונקט פון אָט דעם פּאָסטולאַט און זיין פאַרווירקליכונג. איצט ווילען מיר זעהן, אַז די דאָזיגע טערמינאָלאָגיע האָט נאָך אַ טיפערען גרונד. מיט דעם אויס־דרוק „צייכענונג“ איז באַזונדערס פאַרבונדען די קונסט פון ליניעס; און אָט די גאַנצע גרופּע איז פאַרגלייך מיט געמאָלעריי קאָן כאַראַק־טעריזירט ווערען אַלס די קונסט פון ליניעס. ניט דוקא אין דעם זין, וואָס די ליניע איז דאָ כלומרשט על פּי נויט די דאָמינאַנטע. ניט בלויז וועגען דער ליניע פון קאָנטורען איז דאָס געזאָגט, מחמת די קונסט פון ליניעס איז אויך דער שפּיל פון די קאָמבינאַציעס פון די אָנפילענדע ליניעס. דאָס ווערט געזאָגט אין דעם זין, וואָס בלויז אין די ווערק פון אָט דער גרופּע קאַן די שפּראַך פון ליניעס אַנטוויק־לען זיך אין דער פולער קראַפט. און גראַד אָט דער פּאָסטולאַט — אָפּצוהיטען די אויבערפלאַך פון דער צייכענונג פאַר דעם בליק — שאַפט די דאָזיגע מעגליכקייט פאַר דער ליניע. די ליניע רעדט דירעקט צו אונז בלויז דאַן, ווען זי ציט זיך איבער אַ פּ ל אַ ך. דאַן איז זי צוזאַמען מיט איר ווירקונג באמת אזא, ווי מיר זעהען זיי, און איר געזעהענע באַוועגונג שאַפט איר מעלאָדיע. דער בליק כאַפּט זי אוממיטעלבאַר ארום, און דער אופן פון איר זינליכער אויפפאַסונג איז האַמאָגעניש. פאַרקערט, אַ ליניע אין דער טיף פון רוים באַדייט ניט דאָס, וואָס מיר זעהען אין איר אוממיטעלבאַר. אירע זעהבאַרע פאָרמען לאָזען זיך דאַן אויסטייטשען מיט דער הילף פון אַנדערע מאָמענטען. איר שיינבאַרע באַוועגונג ווערט פּערספּעק־טיוו אויסגעטייטשט אַלס איר ווירקליכע באַוועגונג, וועלכע מיר זע־הען ניט, אַבער וועלכע פאַרלירט ניט איר באַדייטונג. אויף אַזאַ אופן זענען אירע אוממיטעלבאַר־געזעהענע פאָרמען ניט מער ווי אַ פאַרביילויפענדער אויגענבליק, און זיי פאַרמאָגען דעריבער ניט קיין

שטארקע עמאציאנעלע קראפט. אבער די איבערגעטייטשטע ליניע ווערט צו שוואך עמפונדען און באזיצט א צו קליינע זינליכע באשטימטקייט, אז די שפראך פון איר פארם זאל זיין זעהר קלאר. דערפון, ווידער, איז געדרונגען, אז דאס געמעל פארקלענערט אומבאדינגט די אויסדרוקספולקייט פון די ליניעס דערמיט, וואס עס איז גובר די איבערפלאד צוליב דער רוימליכער טיפקייט. און אויב די ליניע קריגט יא אויף א געמעל איר פולען, הילכיגען טאן, פאסירט דאס דורך צופאל. דאס קומט, למשל, פאר, ווען אויף דעם הינטערשטען פאן געפינט זיך א וואנט, אן אראפפאלענדער טעפיך, אדער עפעס ענליכעס, וואו די ליניע ליגט זיך אויס אין איר פראיעקציע. פארקערט, דאס וואס מיר רופען אן צייכענונג, גיט צו דער ליניע יענעם פלאכען פאן, אין וועלכען זי נויטיגט זיך אלס פארמאלער עלעמענט, און דוקא א דאנק דעם, וואס זי לאזט זעהן דעם פלאכען טרעגער פון דעם פארגעשטעלטען. אויף א צייכענונג, אויב זי פארמאגט סטיל, לעזען מיר אוממיטעלבאר די שפראך פון ליניעס, ניט קימערענדיג זיך וועגען זייער באדייטונג פאר דער דריטער דימענסיע. דאס איז דאסזעלבע, ווי צו זאגען, אז מיר לעזען דא די שפראך פון ליניעס נאך *פאר* זייער געגענשטאנדליכער אויסטייטשונג. און עס איז פארשטענדליך, אז וואס בולטער די צייכענונג היט אפ איר פאן, אלץ שטארקער איז די פארמאלע אויסדרוקספולקייט פון דער ליניע. *וואס קארגער, דעריבער, א צייכענונג אדער א גראוויור ליגען אויס אויפ'ן פאפיר זייערע ליניעס, — אלץ אין א גרעסערען גראד וואקסט די אויסדרוקספולקייט פון די דאזיגע ליניעס.*

יעדע בילדליכע קונסט הויבט זיך אן פון צייכענען אין אט דעם בריטען זינען. דערפאר זענען די פרימיטיווען אזוי אויסדרוקספול אין זייערע ליניעס. ווען א געמעל רייסט זיך אפ פון דער וואנט, ברענגט עס מיט זיך א נייעם מאלערישען סטיל. אבער מען קאן עס ניט, אין פארגלייך מיט דער קונסט פון ליניעס פשוט דעפינירען אלס די קונסט פון פארבען. אין דער מאלעריי האבען די פארבען אויך ניט קיין אומבאגרעניצטע הערשאפט. פאר דעם *סטיל פון*

מאַלעריי איז גיכער כאַראַקטעריסטיש די ענגע פאַרבינדונג צווישען פאַרב און ליכט, צווישען דער רוימליכער פאַרב און דעם געגענשטאַנד. פונקט ווי די ליניע איז די פאַרב פון אַנהויב אַן באַרופען צו ערשיינען אין דריי דימענסיעס, אויספילען דעם רוים, שטעהן אין אַ פאַרהעלטעניש צום געגענשטאַנדליכען. אין אַ געמעל שטעהט ניט אַ פאַרב זייט ביי זייט מיט אַן אַנדער פאַרב נאָר איין פאַרביגער געגענשטאַנד זייט ביי זייט מיט אַן אַנדער פאַרביגען געגענשטאַנד; איין פאַרביגער געגענשטאַנד דאַ זייט ביי זייט מיט אַ פאַרביגען געגענשטאַנד אין אַנדער אַרט פון רוים. ניט גרין, אַלזאַ, מיט בלוי, נאָר אַ גרינער בוים אויף אַ בלויען הימעל. אויף אַזאַ אופן זענען שוין די אורשפּרינגליכע עלעמענטען פון מאַלעריי קאָמפּליצירט אין פאַרגלייך מיט די עלעמענטען פון צייכענען. אויף אַ צייכענונג, אויב זי גיט פּלאַץ אויך דער פאַרב, ווי למשל אַ טעפּיך, מאָזאַאיק, פאַרביגע קסילאָגראַפיע און וואַנט־מאַלעריי, לייגט זיך די פאַרב אויף אַן אויבערפלאַך, וואָס בלייבט קענטיג אַלס אַזוינע. דאָס רייסט אַביסעל איבער איר פאַרבינדונג מיט'ן געגענשטאַנד, אַזוי אַז עס אַנטשטעהט אַן אוממיטעלבאַרער פאַרבען־שפּיל. דאַ קאָן מען דערריבער דורכלאָזען אַלע קלענערע צווישען־אָביעקטיווע באַציהונגען. מען דאַרף דאַ ניט ווייזען, ווי אַזוי איין געגענשטאַנד פאַרענדערט זיין פאַרבען־שאַטירונג אַ דאַנק זיין נאָהענטקייט אָדער ווייטקייט, אָדער אַ דאַנק אַן אַנדערען געגענשטאַנד; מען דאַרף דאַ ניט ווייזען ווי עס אַנטשטעהט דער שפּיל פון שאָטענס און אָפּשפּיגלונגען, די אַטמאָספערישע פאַרמילדערונגען פון די פאַרבען. ניט אומזיסט געפינט מען דאָס אַלץ ניט אין דער יאַפּאַנישער קונסט. אָבער אַזוי ווי גראָד דערצו זענען געווענדט די אינטערעסען פון דער מאַלעריי, ווערט אויך באַשאַפען אַן אונטערשיד אין דער באַהאַנדלונג פון די פאַרבען. אין די גראַפישע קונסטען איז די פאַרב מער אַבסטראַקט, ווי אין דער מאַלעריי, ד. ה. זי לאָזט זיך גיכער אָפּרייסען פון דעם געגענשטאַנד, און רופט דעריבער לייכטער אַרוים אַן איינדרוק מיט איר פאָרם.

אין דער אַנטוויקלונג פון דער איטאַליענישער קונסט באַאָבאַכטען

קונסט

מיר, ווי דאָס געמעל געפינט איינציגוויז זיין סטיל, און מיר זעהען ווי אין דער זעלבער מאָס ווערט קלענער די אויסדרוקספולקייט פון די פאָרמען, באַזונדערס פון די ליניעס, וואָס ביי די פרימיטיווען איז זי ממש איבעררַאשענד. מיר באַאָבאַכטען ווייטער, ווי אין אונזער קולטורעלער וועלט הויבט דאָס געמעל אָן צו הערשען און דערביי פּאַסירט, אַז אַנדערע צווייגען פון דער בילדליכער קונסט שטעהען צו צום סטיל פון דער מאַלעריי — ניט אָהן גרויסען שאָדען פאַר זיך. קופּער־און האָלץ־גראַווירען ווילען דיגען דער רעפּראָדוקציע פון געמעלען און טראַכטען דערביי ניט וועגען דער פולער איבערזעצונג אויף דער שפּראַך פון דער גראַפיק. זיי פאַרלירען דעריבער נויטווענדיגערוויז זייער אייגענעם סטיל. אַלס רעזולטאַט פון אַט דער הערשאַפט פון דעם געמעל, פאַרשווינדט אַלץ מער די פעהיגקייט צו שפּירען און פאַר־שטעהן די מעלאָדישע שפּראַך פון די ליניעס. אין דער גאַר לעצטער צייט איז אַט די פעהיגקייט אַביסעל אויפגעלעבט געוואָרען, מסתמא אַ דאַנק דעם קאָנטאַקט מיט דער יאַפּאַנישער קונסט. אין יאַפּאַן איז די בילדליכע קונסט אַלעמאָל פאַרבליבען אַ גראַפישע קונסט, און דאַך האַלט די ליניע אָן איר זעלבסטשטענדיגע פונקציע. ניט בלויז אַלס דעקאָראַטיווער עלעמענט, ווי מען מיינט אָפט — די רייד וועגען דעם קאַליגראַפישען אידעאַל פון די יאַפּאַנער פירען צו מיספאַרשטענדע־נישען — נייז, זי — די ליניע — רעדט דאָ פונקט אַזוי, ווי די קאָנ־טינואיטעט פון די זיך באַוועגענדע טענער אין דער מוזיק. און מיר זעהען מיט פאַרוואונדערונג, ווי נאָהענט די גריכישע וואָזעס אָדער די פרימיטיווען פון אונזער מאַלעריי רירען זיך אָן דער קונסט פון די יאַפּאַנישע מאַלערס.

אויף דער צייכענונג ווערט אָנגעהאַלטען די פלאַכקייט פון איר פּאַן, אפילו ווען זי שטעלט פאַר עפּעס מיט אַ באַשטימטער טיפקייט. דערפאַר וועט דאָס געגנשטאַנדליכע זיך דאָ אויסווייזען אַלס וועניגער ממשות׳דיג, לייכטער, לופטיגער, אַזוי צו זאָגען, און די ווירקליכקייט

דעריבער — ניט אַזוי נאָהענט און אָהן איר שווערקייט. די פאָדערונגען, וואָס אַנטשטעהען פון דער געוואוינהייט צו דער ווירקליכקייט, זענען דאָ נים אַזוי בינדענד. אָבער דאָס באַדייט, אַז די צייכענונג ווייזט אַרויס אַ קלענערען ווידערשטאַנד, ווי די מאַלעריי, צו דער סטיליזירענדער פאַרוואַנדלונג פון די נאַטירליכע פאָרמען.

די סטיליזאַציע איז דאָך אַן אָפּווייכונג פון דער נאָרם פון דעם געוועהנליכען אין דער נאַטור, וואָס דאַרף עמפּונדען ווערען אַלס אַ פאַרווייכונג, כדי אַרויסצורופען אַ קוואַליטאַטיוו באַשטימטען דיפערענציאַלען איינדרוק. און אַזוי ווי אין דער מאַלעריי זענען די זאַכען — אַ דאַנק זייער ממשות׳דיג קערפּערליכקייט — צו נאָהנט צו דעם רעאַלען, ווערט די אָפּנייגונג פון דער ווירקליכקייט באַשווערט. אָדער זי שאַפט אַזאַ שרייענדיגען טאָן אַז עס בינדט זיך ניט מיט דעם עמאָציאָנעלען גאַנצען. אויף דער צייכענונג זענען זאַכען ווייניגער קערפּערליך, און דערפאַר ווערען די אָפּנייגונגען פון דער ווירקליכקייט לייכטער אויפגענומען. זיי האָבען אַ ווייכערען טאָן. דאָ איז אַ גינסטיגער באָדען פאַר סטיליזאַציע. זי איז דורכאויס ניט אומבאַדינגט נויטיג, זי איז אָבער דערלאָזבאַר, און געוואונשען צוליב דער באַרייכערונג פון די קינסטלערישע מיטלען. די מאַלעריי דאַגעגען, וואָס מער זי אַנטוויקעלט איר אייגענעם סטיל, אַלץ מער זאָגט זי זיך אָפּ פון אָט דעם מין דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען. דערפאַר געפינען מיר אין די עפּאָכען פון גראַפישען סטיל אַ ליבע צו דער סטיליזירענדער פאַרוואַנדלונג פון דער נאַטור. אין אָט דעם רירען זיך אונזערע פּרימיטיווען ווידער אַן אַ דער קונסט פון די יאַפּאַנישע קאַקעמאָנאָס, וואָס באַנוצט זיך אַ סך מער, ווי אונזער מאַלעריי, מיט דער קלינגעוודיגקייט פון די עמאָציאָנאַלע עפעקטען פון דער סטיליזאַציע. צייטענווייז קאָן מען ביי איין און דעמזעלבען קינסטלער באַמערקען אָט דעם מאָמענט פון! געגענזעצליכקייט צווישען מאַלעריי און צייכענען, אויב מען זאָל פאַרגלייכען זיין גראַפיק מיט זיינע געמעלען. אַם בעסטען זעהט מען עס אפשר ביי העענריך פאָגלער׳ען. וואָס גיט פריי נאָך זיין נייגונג צו סטיליזאַציע אין צייכענונגען, גראַווירען און פּראָיעקטען

פאַר טעפּיכער, אָבער אין דער מאָלעריי האַלט ער זיך מיט שטרענגען טאַקט אין באַשטימטע גרעניצען.

די דריטע פאַלגע: אַ פאַרשידענער אויסוואַל פון דעם געגענ־שטאַנד־ליכען. קלינגער איז גערעכט, ווען ער באַהויפּט, אַז די מאָלעריי איז דער פולקאָמענער אויסדרוק פון אונזער פרייד אין אָנגעזיכט פון דער וועלט. ער איז גערעכט, ווען ער זאָגט ווייטער, אַז די מאָלעריי האָט ליב די שעהנקייט און זוכט זי צוליב איר גופא, אָבער אַז דאָס שעהנע איז אויך איר גרעניץ, און אַז זי דאַרף בלייבען שטום פאַר די איינדרוקען פון דיסהאַרמאָניע, שרעק, עקעל, וואָס דאָס לעבען גיט אויך דעם קינסטלער צו פילען. פאַר דער איבערגעבונג פון אַזוינע געפילען, זאָגט ער, נויטיגט זיך די מאָלעריי אין אַ דערגענצענדער קונסט, אין דער גראַפיק.

אָט דער אונטערשיד צווישען דער מאָלעריי און דער גראַפיק איז אַ פאַקט. ניט אין דעם זין, פאַרשטעהט זיך, אַז מען וואָלט געקאָנט דירעקט שליסען וועגען אים פון דעם אונז היסטאָריש געגעבענעם קינסטלערישען מאַטעריאַל. עס זענען דאָ ניט ווייניג געמעלען, וואָס ווילען איבערגעבען דאָס שרעקליכע און אַפּשטויסענדע, אי דאָס ניט פאַרבייגעהענדיג, נאָר אַלס זייער הויפּט־אויפגאַבע. און ניט אַלע צייכענונגען זוכען צו שילדערען די שאָטענזייטען פון׳ם לעבען. כדי צו קאָנסטאַטירען עסטעטישע פאַקטען, איז שטענדיג נויטיג עפּעס מער, ווי אַ פשוט׳ע פעהיגקייט זיי צו לעזען: מען דאַרף באַזיצען אַ חוש פאַר אָפּשאַצונג. אָט די געמעלען, מיט אַן אינהאַלט פון שאָטענזייטען, רופען אַרויס אַן אומאַנגענעמען איינדרוק. מיר פילען אין דעם אויס־וואַל פון זייער געגענשטאַנד אַ פאַרלעצונג פון דעם ווערט. פאַר־קערט דער צייכענונג קאָנען אָט די טעמעס צוגעבען אַ באַזונדערען חן. דאָס געמעל ווייזט זיי צוריק, די צייכענונגען וועט זיי אָננעמען, כאָטש דאָס מיינט, נאַטירליך, ניט, אַז זי פאָדערט זיי דוקא. אין אָט דעם זין רעדען מיר וועגען אַ פאַקטישען חלוק.

בראַדער קריסטיאַנסען

ווי אַזוי ערקלערט מען אים? קלינגערס אויסגאַנגס־פּונקט שיינט מיר צו זיין ריכטיג. ער באַמערקט, אַז די מוזיק און די פּאָעזיע קאָנען איבערגעבען דיזעלבע איינדרוקען, וואָס דאָס צייכענען, אָבער פאַר דער מאַלעריי און דער פּלאַסטיק זענען זיי ניט צוגענגליך. די אורזאַך זעהט ער אין דעם, וואָס איבערצוגעבען אַזעלכע טעמעס „אין דער פּאָעזיע, דראַמע, מוזיק, איז ערלויבט, אפילו נויטיג פאַר זיי, מחמת די פאַנטאַזיע איז ניט צוגעשמידט צו זיי, אפילו ווען אַט די טעמעס טרעטען אַרוים מיט זייער גאַנצער קראַפט. אין די באַגלייטענדע און רייפאַלגענדע איינדרוקען פון דער אַנטוויקלונג, וואָס גרייט זיי צו, ווי אויך אין דעם פאַרגעפיל פון זייער קומענדיגער אַנטשיידונג, קאָנען זיי ניט ווירקען אַליין, אַז און פאַר זיך, אַלס די קווינטעסענץ פון דעם אָפּשטויסענדען. זיי בלייבען, אדרבא, שטענדיג אַלס אַ נאַטירליך גליד פון דעם צוגעגרייטען גאַנצען. צו געבען גלייכצייטיג שפּייז פאַר אונזער פאַנטאַזיע, בעת מיר פּאַסען אויף עפּעס, וואָס איז אַז און פאַר זיך אָפּשטויסענד — אַט אין וואָס עס באַשטעהט דער וועזענט־ליכער מאָמענט. וואָס מאַכט דאָס אָפּשטויסענדע פעהיג קינסטלעריש איבערגעגעבען צו ווערען. די דאָזיגע מאָמענטען — איך ציטיר נאָך אַלץ קלינגער'ן — זענען דאָ אין דער גראַפיק, וועלכע קאָן זיך, למשל, באַגעהן אָהן פאַרבען, אָהן אַט דעם נויטווענדיגסטען טייל פון דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס די נאַטור מאַכט אויף אונז. מיר זענען געצוואונגען איבערצושאַפען די פעהלענדע פאַרבען ביי אַז איינפאַרביגען איינדרוק... די צייכענונג לאָזט איבער פאַר דער פאַנ־טאַזיע אַ ברייט פעלד, כדי פאַרביג צו דערגענצען די איבערגעבונג. חוץ דעם קאָן די צייכענונג אַזוי פריי באַהאַנדלען די פּלאַסטישע קער־פּערליכע פאָרם, אַז אויך דאָ דאַרף די פאַנטאַזיע דערגענצען. זי קאָן דעם פאַרגעשטעלטען געגענשטאַנד אַזוי איזאָלירען אין דעם רוים, אַז די פאַנטאַזיע דאַרף אַליין באַשאַפען די אומגעבונג פאַר אים. „די אוממעגליכקייט צו זעהן די וועלט אַנדערש. ווי אין פאַרבען, פאָרמען, רוים, צווינגט אונזער פאַנטאַזיע גלייכצייטיג מיט דעם זעה־איינדרוק פון עפּעס אָפּשטויסענדעס צו דערגענצען אַט די דריי באַדינגונגען. און אין אַט דער טעטיגקייט געהט זי ניט בלויז אַוועק פון דעם ניט

שעהנעם. נאר זי קריגט אויך דעם איינדרוק פון יענעם קאמף מיט דעם מיאום׳ען, וואס בילדעט דעםווארצעל פון דער פאעזיע".

אזוי זאגט קלינגער. איך גלויב, אז מיר קאנען אים ניט נאכגעהן ביז׳ן סוף. צווייערליי איינווענדונגען בעטען זיך קעגען זיין באגרינדונג. ערשטענס אט וואס: עס פארשטעהט זיך, אז עס דארף געגעבן ווערן אן אבסטראהירונג פון דעם שרעקליכען אין דעם געגענשטאנד, אבער זי איז אוממעגליך אין דער פארם, ווי עס באהויפּט קלינגער. שוין ניט איינמאל האבען מיר געהאט די געלעגענהייט אנצואווייזען דערויף, אז די פריי־שעפּפערישע פאנטאזיע פון דעם צושויער קאן ניט דערגענצען א געמעל, אדער — אויב זי טוט עס יא — ברענגט זי א שאדען. די שאפונג פון דעם קינסטלער דארף זיין פארענדיגט, און קיין זאך דארף ניט איבערגעלאזען ווערען צום צושויערס פרייען שפּיל און ווילקיר. אבער א קונסט־ווערק קאן פארמאגען אן אינערליכע פארענדיגטקייט אפילו ווען עס איז ניט פארענדיגט פון דעם שטאנדפּונקט פון רעפּראדוצירען די ווירקליכקייט. אויב אין דער צייכענונג איז ניטא קיין פארב, אויב דארט זענען פארבליבען אומבאשטימט די פּלאסטישע מאדעלירונג און די לאקאליזאציע, איז דאס דערפאר, וואס אט די מאמענטען דארפען בלייבען אהן אויפמערקזאמקייט און ניט כדי צו געבען אן ארבייט דעם צושויער. פארשטעהט זיך, אז איך זעה דאס געגענשטאנדליכע אויף א גראווויור ניט אין די קאלירען פון פּאפּיר און טינט. דאס גראז איז פאר מיר ניט גרוי, די תבואה — ניט ווייס, די בוימער האבען ניט קיין בלעטער, וואס זענען ארומגערעמט מיט שווארצע ברעגען. אבער צי איז דערפון געדרונגען, אז איך זעה דעם פּייזאזש באפארבט, אז איך באדעק אים מיט קאלירען אין מיין פאנטאזיע? אט דעם שלום מאכט מען שטענדיג, אבער דאס איז ניט ריכטיג. קוקט זיך איין אויפמערקזאם, און זאגט, צי עס שווימען באמת ארויס קאלירען אין דער פאנטאזיע. איך זעה ניט דעם לאנדשאפט אלס שווארץ־און־ווייס, איך זעה אים אויך ניט אלס פארביג. איך אבסטראהיר זיך פון די קאלירען פון די געגענשטאנדען. פּונקט אזוי איז עס מיט דער פּלאסטישער פארם. ווען א צייכענונג לאזט איבער אומבאשטימט די פּלאסטישע

פֿאָרם, ערשיינט דער געגענשטאַנד טאַקע ניט פֿלאַך פֿאַר מיר, אָבער מייַן פֿאַנטאַזיע דערגענצט אים אויך ניט דורך אַ ווירקלעכער מאָדע-לירונג. איך לאָז גיכער איבער די פֿאַרב פּונקט אַזוי אומבאַשטימט, ווי דער קינסטלער גיט זי. איך אַבסטראַהיר זיך פֿון אַט דעם סמן פֿון קערפּערליכקייט. אויף דעמזעלבן אופֿן דערגענץ איך ניט דעם רוים, אויב עס איז ניטאָ קיין לאָקאַליזאַציע. עס איז דער איינגע-ווארצעלטער פֿאַראורטייל, אַז דער עיקר אין דער קונסט איז די זינלעכע אַנשויאונג, וואָס רייצט אַן צו אַזאַ שלום. מיר האָבן צוריקגעוויזן אַט די דאָגמע צוליב אַ סך טעמים. קיין דערגענצונג פֿון דער צייכע-נונג דורך דער פֿרייער פֿאַנטאַזיע קומט דעריבער ניט פֿאָר, אָדער אויב יאָ — אַנטשפּרעכט זי ניט דער קינסטלערישער פֿאַרטראַכטונג. דער קינסטלער גיט ניט קיין פֿרייען פּלאַץ דער פֿאַנטאַזיע אונזערער. ניט אויף אַזאַ וועג קומט פֿאַר די אַבסטראַהירונג פֿון די קריפּעלדיגע מאָמענטן אין אַ קונסט-ווערק.

אַז איינפֿאַכע אַבסטראַהירונג, דאַכט מיר, איז אויך ניט קיין גענוגענדע פֿאַרטיידיגונג פֿאַר דער אַנוועזנהייט פֿון אַזוינע אינהאַלטן אין דער איבערגעבונג. גראַד אַ פֿאַרגלייך מיט דער מוזיק און דראַמע קאָן ווייַזן, וואָס נאָך עס פֿעהלט דאָ. עס דאַרף פֿאָרקומען אַן איבער-ווינדונג פֿון דעם דיסאָנאַנס, די לייזונג און די שלום-שליסונג. איך וואָלט געוואָלט זאָגן „קאַטאַרסיס", אויב דאָס דאָזיגע פּראַכטפֿולע וואָרט אַריסטאָטעלס וואָלט ניט געוואָרן אומפֿאַרשטענדליך צוליב דער מאַסע פֿאַרזוכן עס צו פֿאַרטייטשן. דער איינדרוק פֿון דעם שרעקליכן דאַרף געפֿינען זיין לייזונג און רייניגונג אין דעם מאָמענט פֿון דיאָניסישער דערהויבונג. דער שרעק ווערט ניט געשילדערט צוליב אים גופֿא, נאָר ווי אַן אימפּולס אים גובר צו זיין.

מיר זאָגן, אַלזאָ: אויב די פּלאַסטישע קונסט וויל איבערגעבן דאָס אָפּשטויסענדע און שרעקליכע ניט פֿאַרבייגעהענדיג, נאָר אַלס די וויכטיגסטע ג ע ג ע נ ש ט אַ נ ד ל י כ ע טעמע, דאַרף מעגליך זיין אַן אַבסטראַהירונג דערפֿון. אָבער די אַבסטראַהירונג דאַרף פֿאָרקומען אין אַזאַ מאָמענט, וואָס דער קינסטלער באַשאַפֿט אַליין, און ניט וואָס

ער לאזט איבער צום שאפער פון דעם צושויער. און אט דער אבסטראַהירענדער מאמענט דאַרף גלייכצייטיק באַדייטן אי אַן איבערווינדונג, אי אַ „קאַטאַרסיס“. אבער די מעגליכקייט פון אַזאַ מאַמענט איז ניט שווער אַנצואווייזן. אויב ער דאַרף געבן די איבערווינדונג פון דער וויכטיגסטער געגנשטאַנדליכער טעמע, קאָן דער דאָזיגער מאַמענט אַליין ניט זיין געגנשטאַנדליך, ער מוז זיין פאָרמאַל. די פאָרם — אין דעם זין ווי מיר באַנוצן דאָס דאָזיגע וואָרט — דאַרף אַבסטראַהירן פון דעם שרעקליכן און דעם געגנשטאַנדליכן, און לייזן זיין דיסאָנאַנס. אַז זי איז דאָס אימשטאַנד צו טאָן, דאָס איז באַגרינדעט אין לעצטן סך הכל דערויף, וואָס פאָרם און געגנשטאַנד ווערן אין דער עסטעטישער איבערלעבונג איינדייטיג אַ דאַנק זייערע שטימונגס־אימפּרעסיעס, און קאָנען אויף אַזאַ אופן אַריינטרעטן אין די מעגליכסטע שייכות׳ן צווישן זיך, צווינגען אַנדערע — אויך אין דער באַציהונג פון אַן אַנטיטעזע.

די איבערגעבונג פון דעם אַפּשטויסענדן קאָן, אַלזאָ, דאָן דערלאָזן ווערן אין דער קונסט, ווען די פאָרם טראָגט די איבערווינדונג פון דעם געגנשטאַנדליכן. און איצט ווילן מיר זיך צוריקקערן צו אונזער פראַגע: פאַרוואָס איז דאָס מעגליכער אין דעם צייכענען, ווי אין דער מאַלעריי?

אין דער צייכענונג איז דאָס געגנשטאַנדליכע ניט אַזוי קערפּערליך־ממשות׳דיק, מחמת די צייכענונג, אפילו ווען זי גיט אַ פּערספּעקטיווע טיפקייט, האַלט פאָרט אַן איר פלאַכן כאַראַקטער. זאַכן פאַרלירן ביי איר די שווערקייט פון דער ווירקליכקייט. דערפאַר פאַרהאַלטן זיי אויך ווייניקער די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, ווי דאָס געגנשטאַנדליכע אין דער מאַלעריי. דער בליק און דער געדאַנק קאָנען זיך דאָ ניט אָפּרייסן פון דעם געגנשטאַנדליכן צוליב זיין צודרינגליכער נאָהענטקייט צו דער ווירקליכקייט; דער געגנשטאַנד ערשיינט פאַר אונז דאָ כמעט ווי אַ פראַגמענט פון דער ווירקליכקייט. אָבער דערפון איז געדרונגען, אַז אין דער צייכענונג איז די א ב ס ט ר א - ה י ר ו נ ג פון דעם געגנשטאַנדליכן מאָטיוו ל י י כ ט ע ר מ ע ג ל י ך, ווי אין דעם געמעל. א ו ן וו א ס מ ע ר ד א ס

בראַדער קריסטיאַנסען

געגענשטאנדליכע ווערט אין דער זעלבער צייט אפגעשוואכט מיט דער הילף פון דער אבסטראקציע. אלץ לייכטער איז אט די אבסטראהירונג מעגליך.

ווייטער האבען מיר געוויזען, אז אין דעם צייכענען באזיצען די פארמען א גרעסערע אומאפהענגיגקייט פון דעם געגענשטאנד, ווי אין דער מאלעריי. די ליניעס לייגען זיך אוממיטעלבאר אויס אויף דעם טרעגער פונ׳ם בילד, וואס ווערט עמפונדען אלס פלאך, און די פארבען גיסען זיך פונאנדער איבער אט דער פלאך, בילדענדיג א שפיל פון קאמבינאציעס. דאס שיידט זיי א ביסעל אפ פון דעם געגענשטאנד אין רוים. פאר דער מאלעריי, דאגעגען, איז — ווי מיר האבען געזעהן — כאראקטעריסטיש אז ענגע פארבינדונג צווישען די פארבען, ליכט, רוים און געגענשטאנד. דא ווירקען ליניע, ליכט און פארב ניט אזוי, ווי זיי ווערען אוממיטעלבאר אויפגעפאסט, נאר אזוי, ווי זיי שטעלען זיך איין אין זייער געגענשטאנדליכער באדייטונג. פון אט דעם אונטערשיד צווישען מאלעריי און צייכענען, — אז אונטערשיד, וואס מיר וואלטען געקאנט ארויספירען פון די פארשידענע ריכטונגען פון זייערע רוימילכע פאסטולאטען — איז געדרונגען, אז דאס צייכענען קאן לייכטער ווי די מאלעריי שטעלען פארם און געגענשטאנד אין אן אנטיטעטישער פארהעלטעניש. אבער אזא פארהעלטעניש איז נויטיג כדי הארמאניש גובר צו זיין דעם דיסאנאנס פונ׳ם אינהאלט.ביידע באדינגונגען, ביי וועלכע דאס אפשטויסענדע איז מעגליך אין דער פלאסטישער קונסט, נעמליך: די מעגליכקייט זיך צו אבסטראהירען פון דעם דיסאנאנס, און די מעגליכקייט פון „קאטארסיס" אין די פאר־מען־ווערטען — אט די ביידע באדינגונגען קאנען לייכטער ערפילט ווערען אין דעם צייכענען איידער אין דער מאלעריי. דערפאר טאקע מיידט די קונסט פון מאלעריי אויס — דאן, ווען זי האט געפונען איר סטיל — אזוינע טעמעס, בעת די צייכענונג קאן דורך זיי דער־הויבען ווערען צו א באזונדערער הויך. זיי ציהען די צייכענונג צו די העכסטע דערגרייכונגען. אויף וואס פאר א שטאפעל מען קאן זיך דא דערהויבען, ווייזט יענע וואונדערבארע צייכענונג, וועגען וועלכער

קונסט

מיר האָבען שוין אמאָל גערעדט, אַנטאָניאָ פּאָלאַיואָלאָ'ס „קאַמף פון מענער“, וואו דער שרעק פון טויט ווערט פולשטענדיג איבערוואונדען און אויפגעלייזט אין דעם דיאָניסישען טריאומף פון די ריטמישע ליניעס.

מיר זענען געקומען צו דעם רעזולטאַט, אז אויך אַט די געגענזעצ־ליכקייט צווישען מאַלעריי און צייכענען, דער פאַרשידענער אויסוואַל פון דעם געגענשטאַנדליכען, נעמט זיין אָנהויב אין דעם, וואָס מיר האָבען פעסטגעשטעלט אַלס דעם גרונד־חלוק: אין דעם אונטערשיד צווישען זייערע רוימליכע פּאָסטולאַטען. און דערפון זעהען מיר, ווי שיינבאַר אומבאַדייטענדע פאָדערונגען פון סטיל שפּרייטען זיך אויס אין זייער פאַרצווייגונג איבער אַלע מאָמענטען פון ווירקונג, און ווי אַז אונטערשיד, וואָס איז קליין אין אָנהויב, וואַקסט אויס צו אַ געגענ־זעצליכקייט פון סטילען, וועלכע איז בולט אומעטום.

VII.

דער אימפּרעסיאָניזם אין דער בילדליכער קונסט.

מיר מוזען ענטפערען אויף דער פראגע, וואס עס באדייט אזוינס דער אימפרעסיאניזם, און אין וואס באשטעהט זיין בארעכטיגונג און זיין עסטעטישער ווערט. בנוגע אזא טיפער אין דויערענדער באוועגונג קאן מען אננעמען, אז ניט בלויז אויסער־עסטעטישע מאטיווען באדינגען אים, נאר אז אין זיין יסוד ליגט א באשטימטע עסטעטישע טענדענץ. די לעצטע איז טאקע ניט די איינציג־ריכטיגע — ווי עס באהויפטען אירע טעארעטיקער, פונדעסטוועגען קאן מען אננעמען, אז זי איז גלייכבארעכטיגט מיט די געגענזעצליך קעמפענדע טענדענצען, און אז זי איז דעריבער אלס מעגליכקייט פארבארגען אין יעדער אויפבליהונג פון דער קונסט. צומאל איז זי אפשר אויך פארווירקליכט געווארען אין אנדערע צייטען און אין אנדערע קונסט־געביטען.

דאס הארמאנירט מיט דעם פאקט, וואס די מאדערנע אימפרעסיאניסטען געפינען פארוואנדטע שטריכען אין דער יאפאנישער קונסט, אדער ביי די פרימיטיווען, אדער אפילו ביי די שפעטסטע פארטרעטער פון אונזער קונסט, אין מאנכע ווערק, למשל, פון רעמבראנדטען פראנץ האלס'ען, וועלאסקעס'ען. דאך האט דער מאדערנער אימפרעסיאניזם אהן צווייפעל זיין באזונדער אייגענארט. די לעצטע ווייזט פון איר זייט אן דערויף, אז אויסער אט דער אלגעמיינער עסטעטישער טענדענץ דארף מען זוכען די איבעריגע באדינגונגען פון דער מאדערנער פארם פונ'ם אימפרעסיאניזם אין א באזונדערען מאטיוו, נעמליך, אין אן אויסערעסטעטישען מאטיוו. פארוואס ווערט היינטצוטאג פארווירקליכט אט די, אלע מאל אין דער מעגליכקייט עקזיסטירענדע טענדענץ, און פארוואס היינטצוטאג — אין אזא שטורמישער באוועגונג? ניט אנדערש, ווי דער אימפרעסיאניזם געהט אנטקעגען א באזונדערער באדערפעניש פון דער צייט, וועלכע לייגט אויף אים ארויף, אין דעם פראצעס פון דער נויטווענדיגער צופאסונג, דעם שטעמפעל פון זיין אייגענארט. אבער אזא באדערפעניש פון דער

בראָדער קריסטיאַנסען

צייט דארף זיך אויסדריקען ניט בלויז אין דער קונסט, נאר אויך אויף אנדערע געביטען פון דער קולטור און פון לעבען און דארט גע־פינען א געהעריגע באפרידיגונג. און אויף אזא אופן טרעט דער מאדערנער אימפרעסיאניזם אריין אין פארוואנדטע באציהונגען צו אנדערע ערשיינונגען פון דעם מאדערנעם לעבען און קולטור.

דעריבער דארף דער אנאליז ניט צענויפמישען די עסטעטישע טענדענץ, וועלכע ליגט בכלל אין דעם יסוד פון דעם אימפרעסיאניזם, מיט דעם אויסערעסטעטישען מאטיוו, מיט דער באדערפעניש פון דער צייט, וואס באשטימט די איצטיגע א י י ג ע נ ט י מ ל י כ ק י י ט פון אט דער ריכטונג. חוץ דעם קומט אין אנבאטראכט נאך א דריטער עלעמענט, וואס פאדערט אויך א באזונדערע אויספארשונג: די ט ע א ר י ע פון דעם אימפרעסיאניזם און איר ווירקונג אויף דער פראקטיק. יעדע קינסטלערישע ריכטונג געפינט אירע טעארעטיקער, וועלכע בארעכטיגען זי און באווייזען איר אויסשליסליך רעכט אויף הערשאפט. די קינסטלערישע פראקטיק געהט, אמת, פאראויס, און די טעאריע פאלגט איר נאך. פונדעסטוועגען האט אויך די לעצטע א באדייטונג פאר דער פראקטיק, און ווירקט אויף איר. די טעאריע כאפט, געוועהנליך, ניט אויף די גרונד־סבה פון דער באוועגונג; און אין דעם אימפרעסיאניזם האבען מיר פאר זיך אהן ספק די ערשיינונג, וואס דעם „קאפ" פון דער קונסט דארף מען זוכען אין איר פראקטיק, ניט אין דער טעאריע. אבער גראד דערפאר, וואס די טעאריע פאלט ניט צענויף מיט דער פראקטיק, וועלכע זי וויל בארעכטיגען; גראד דער־פאר וואס די טעאריע כאפט ניט אויף דעם עצם פון דעם אימפרע־סיאניזם, רופט זי ארויס געוויסע מאדיפיקאציעס אין די מעטאדען פון שאפען און רייצט אן צו עקסטראוואגאנטקייטען. דעריבער דארף מען א סך „משוגעת'ען" פון דעם מאדערנעם אימפרעסיאניזם צו־שרייבען אויפ'ן חשבון פון זיין טעאריע, און ניט פארבינדען זי אומ־מיטעלבאר ניט מיט דער עסטעטישער גרונד־טענדענץ, ניט מיט דעם מאטיוו פון די מאדערנע באדערפענישען.

קונסט

פון אַט די דריי מאָמענטען אינטערעסירט אונז דאָ אַם מערסטען דער עסטעטישער פּרינציפּ פון דעם אימפּרעסיאָניזם, מחמת ער באַדייט איינעם פון די מעגליכע וועגען צו דער פּלאַסטישער קונסט. אָבער כדי צו באַטראַכטען אים באַזונדער מוזען מיר פון די ערשיינונגען פון אונזער צייט פעסטשטעלען די ווירקונג פון די ביידע אַנדערע פאַקטאָרען, און דערפאַר וועלען מיר קודם כל זוכען זיי צו דעפינירען.

עס איז ניט שווער אויפצודעקען דעם ספּעציפיש־מאָדערנעם טאָן פון דעם אימפּרעסיאָניזם. דער דאָזיגער טאָן איז אַנטשטאַנען פון דער ברענענדיגער באַדערפעניש פון דער עפּאָכע, און מיר דאַרפען אים באַגעגענען אויך אויף אַנדערע געביטען פון דער קונסט, ווי אַגב אין אַנדערע אויסערונגען פון אונזער צייט. ער טרעט, פאַרשטעהט זיך, אַרויס ניט אין אַ גלייכער מאָס, נאָר ווען מען זאָל אויסקלייבען דעם פּונקט פון זיין העכסטער אַנטוויקלונג, קאָן מען אין אים קיין טעות נישט מאַכען. אַזאַ עקסטרעמקייט שטעלט מיט זיך פאָר אין דער מאָלעריי יענע ריכטונג, וואָס רופט זיך אַליין אַן נעאָ־אימפּרעסיאָניזם, אָדער פּוענטעליזם און דעקאָמפּאָזיציע־מאָלעריי, און וואָס זעהט אין זיך מיט רעכט די פאַרענדיגונג פון דעם מאָדערנעם אימפּרעסיאָניזם: דאָס שאַפען אַ געמעל פון פאַרביגע פלעקען, וואָס ליגען שאַרף איינער לעבען אַנדערען מאָזאאיש און אָהן פאַרבינדונג. עס ווערען אויסגעמידען די שטופּענווייזע איבערגאַנגען פון די פאַרבען. די רוים־ליכע פאָרם איז אויפגעלייזט און צעפּיצעלט. מען מיידט אויס די קאָנטינואיטעט פון די קאָנטורען, די קאָנטינואיטעט אין דעם אויסבויג פון די אויבערפלאַכען. ווען מיר באַטראַכטען דאָס געמעל געלינגט אונז קוים מיט צרות צו קאָאָרדינירען אין איין גאַנצעם די עלעמענטען פון רוים. דער עצם פון רוים איז דאָ — קאָנטינואיטעט, אומאויפ־הערליכקייט. די מאָלעריי פון פּונקטען פאַרקריפּעלט דעם רוים, זי מאַכט אים אָפּגעהאַקט, צעריסען. דאָס זעלבע איז מיט ליכט. דער עצם פון אויסגעגאָסענעם ליכט באַשטעהט אין קאָנטינואיטעט. דאָס ליכט גיסט זיך אין דער נאַטור פונאַנדער מיט ווייכע, ש ט ע נ ד י ג פ אָ ר ב ו נ ד ע נ ע איבערגאַנגען איבער די זאַכען, איבער דער

הויך און טיף פון די רוימליכע פאַרמען, און פילט אַן מיט זיין איינ־אַרטיגער העלער קלאַרקייט די לופט פון טאָג. אָבער די דעקאָמפּאָזי־ציע־מאָלעריי שיידט פונאַנדער די קאָנטינואיטעט פון דער ליכט־צעשפּרייטונג. אין דער לופט פון אירע געמעלען טראָגט זיך אַן אומ־רוהיג, קנאַקענדיג בליצען, און אויף זאַכען ליגט זיך דאָס ליכט עפּעס ווי פונאַנדערפאַלענדיג און אין קלינגענדע רעפלעקסיעס. די טעאָרע־טיקער פון דעם אימפּרעסיאָניזם זאָגען אַרויס דעם בליק, אַז אַט די מאָדערניסטען זענען דאָס די מאָלערס פון ליכט פּאַר עקסע־לאַנס. ווי אַזוי אַזאַ מיינונג האָט געקאָנט אַרויסרופען אַ מיט־געפיל — איז שווער צו פאַרשטעהן. זיי גיבען ליכט־רייצונגען, ניט קיין ליכט. מיט פּונקט אַזוי פיל רעכט קאָן מען זיי אויך רימען פאַר דעם אופן, ווי זיי גיבען איבער רוים. די קאָנטינואיטעט איז דאָך פּונקט אַזוי דער עצם פון ליכט, ווי פון רוים. באַזונדערס אין יענעם פאַל ווען דאָס ליכט — און עס איז .פעהיג דערצו — דאַרף אין דער מאָלעריי נעמען אויף זיך אַ סימבאָלישע פונקציע — דער־מאַטעריאַליזירען, פאַרגייסטיגען. „דאָס ליכט איז דיין קלייד, אין וועלכען דו טוסט זיך אָן״. אין דער מאָלעריי פון פּונקטען קומט פאַר גראַד דאָס פאַרקערטע: דאָס ליכט מאַטעריאַליזירט זיך אַליין, עס ליגט זיך אין דער לופט און אויף זאַכען, ווי עפּעס גראָב־מאַטעריעלעס.

דאָס וואָס איז דאָ אויסגעדריקט אין אַן עקסטרעמער פאָרם, באַגעגענען מיר אומעטום אין אַ שוואַכערען גראַד, אַלס דאָס ספּעצי־פיש־מאָדערנע אין דעם אימפּרעסיאָניזם פון אונזער צייט: די נייגונג אויסצומיידען די קאָנטינואיטעט. די גלאַטע אויבערפלאַך פון דער פּלאַסטיק ווערט פאַרביטען דורך דער רייביגער, אויף וועלכער עס פאַר־בלייבען די איבערגעטריבענע שפּורען פון דער אַרבייט. מען פאַראַכט דאָס „גלאַטע״. אַ גלאַטיגע מאָלעריי ווערט אַ זידעל־וואָרט. מיר באַגעגענען אַנאַלאָגיעס אויך אין דער מוזיק. די קאָמ־פּאָזיטאָרען מיידען אוים די קאָנטינואיטעט אין דער קאָנפיגוראַציע פון די טענער. זיי פאַרטרייבען די מעלאָדיע. איינצעלנע צענויפקלינ־גונגען אָדער פראַגמענטען פון אַ מעלאָדיע ליגען מאָזאַאיש זייט ביי

זייט. אין דער ערצעהלונג און אין דער דראמע ווערט אפגעשוואכט דער אורזאכליך־רעאלער צוזאמענהאנג, וואס ווערט פארביטען דורך א רייפאלגונג פון שארף־לינירטע, אפגעריסענע סיטואציעס. אומעטום אין דעם מאדערנעם לעבען האט מען מיט רעכט אנגעוויזען אויף אנאלאגיעס צו אט דער ערשיינונג; מען האט מיט איר פארגליכען דעם אפאריסטישען סטיל פון מאנכע פילאסאפען אונזערע.

מיר האבען, אלזא, געפונען דעם אייגענארטיגען טאן פון דעם אימפרעסיאניזם אין א ראדיקאלער דעקאמפאזיציע פון דער קאנטינואיטעט. אבער וואס באדייט זי? צו וואס פאר א ציל שטרעבט זי? אויב מען זאל באטראכטען זאכען אבסטראקט, וואלט מען געקאנט — שטיצענדיג זיך דערויף, וואס אלעס פארבונדענע איז באדינגט דורך דעם זכרון, — קומען צום געדאנק, אז דער ציל דא איז די אויסלאדונג פון דעם זכרון. מען וויל אים, הייסט עס, באפרייען פון דער מיה אויפצוהאלטען אין זיך די פריעריגע דאטען, ווייל אויפהאלטען דערעסט, ווייל מענשען לעבען בלויז מיט דעם היינטיגען; אפשר נאך דערפאר, וואס די עלטער־שוואכקייט פון זכרון מאכט עס נויטווענדיג פאר אונזער צייט. אדער אפשר דארף די עסטעטישע אנשויאונג פון דעם אביעקט פארלייכטערט ווערען דורך דעם, וואס יעדער עלעמענט, אהן פארבינדונג מיט אנדערע, ווערט צוגענגליך פאר אוממיטעלבארער אויפפאסונג. אבער די ערשטע השערה וואלט געקאנט אנטשטעהן צוליב דעם עפאס אדער צוליב דער פילאסאפיע, און די צווייטע אפשר פאר דער מוזיק. אבער אויך דא זענען ביידע ניט ריכטיג. די דעקאמפאזיציע פון דער קאנטינואיטעט — דאס איז בלויז א מעטאד איבערצוגעבען, פארצושטעלען. דאס צווייטערליך־שעפפערישע פארשטעהן פון א ווערק איז אויך דא ניט מעגליך אהן זיין צוזאמענהאנג. אין דער אימפרעסיאניסטישער נאוועלע דארפען די איינצעלנע סיטואציעס פארט ווידער צענויפגענומען ווערען אין איין גאנצעס, און די אפאריסטישע פילאסאפיע זוכט ברייטע, פארבינדענדע ליניעס. מיט מער רעכט וואלט מען דעריבער געקאנט זאגען: דא ווערען געשטעלט גרעסערע פאדערונגען דעם סינטעז, וואס שטיצט זיך אויף דעם זכרון. מען דארף אנהאלטען דעם צוזאמענהאנג, ניט קוקענ־

דיג אויף דער צעריסענקייט פון דער איבערגעבונג. דאָס זעלבע אין דער מוזיק. עס מוז דאָך ענדליך פאַרקומען דער סינטעז פון די רייפאָלגענדיגע מאָמענטען, און גראָד די מעלאָדיע קאָן דאָס לייכטער מאַכען. ווען מען מיידט אויס מעלאָדישע קאָמבינאַציעס, מאַכט מען דערמיט שווערער דעם סינטעז, אָבער זיין נויטווענדיגקייט באַזייטיגט מען ניט. און בכלל וואָלט מען געקאָנט באַהויפּטען: דער אימפּרעסיאָניסטישער מעטאָד שטעלט לחלוטין ניט אַרויס קיין קלענערע פאָדערונגען דער סינטעטישער פעהיגקייט פון דעם אויפפאַסענדען סוביעקט, און מאַכט באין אופן ניט לייכטער איר אַרבייט. אויך די מאָזאַאיק פון די אימפּרעסיאָניסטען דאַרף מען זעהן ווי איין גאַנצעס, און דאָס איז דורכאויס ניט לייכטער, ווי אין דעם פאַל פון בעלינים אַ געמעל. דער אימפּרעסיאָניזם באַפרייט לחלוטין ניט דעם צושויער פון דער אויפגאַבע אויפצובויען דעם עסטעטישען אָביעקט. עס פאָדערט פאַרבינדונגען, און גיט דערביי ווייניגער אָנווייזונגען. ער מיידט ניט אויס דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג פון די עלעמענטען צווישען זיך. ער מיידט בלויז אויס איין אַרט פון אָט דעם צוזאַמענהאַנג: די קאָנטינואיטעט.

קאָנטינואיטעט מיינט, אַז יעדער איינצעלנער מאָמענט איז צוגעגייט דורך אַנדערע, און ער אַליין גרייט צו די ווייטערע עלעמענטען. מיר ערוואַרטען אים, און ער ברענגט די ערוואַרטונגען פון באַשטימטע אַנדערע מאָמענטען. מיר ערוואַרטען אים דערפאַר, וואָס ער איז שוין טיילווייז געגעבען אין די פריערדיגע. קאָנטינואיטעט איז די טיילווייזע אידענטישקייט פון זיך צוזאַמענשטויסענדע איינצעלנע מאָמענטען. אויסצומיידען די קאָנטינואיטעט מיינט אויסצומיידען די צוגרייטונג פון באַזונדערע מאָמענטען. יעדער מאָמענט קומט דאַן אומערוואַרט, און ווירקט ווי אַ שטויס. ביי אַן אומאיבערגעריסענעם צוזאַמענהאַנג איז דער איבערגאַנג פון איינס צום צווייטען ווינציג באַמערקבאַר, איינס גליטשט זיך לייכט און גיסט זיך אַריין אין דעם צווייטען. אין אַ צעריסענעם ריטם קומט די ענדערונג פאַר שטויסענווייז, און יעדער שריט איז אַן אויפטרייסלונג. בעת דאָס אומאויפהערליכע ווערט לייכט אויפגעפאַסט, גליטשט זיך גלאַטיג, — שטויסט

זיך די אויפפאסונג פון דעם צעריסענעם כסדר אז א ווידערשטאנד. און יעדער איינדרוק — ניט פארבארייט און אומערווארט — ווירקט מיט זיין גאנצער אויפרייצענדער קראפט. עס דאכט זיך, ווי מען וואלט בכוון באשאפען הינדערנישען, וועלכע מען דארף כסדר גובר זיין פון דאס ניי. אויפרייצונגען, וואס קרייצען זיך איבער, ווירקען שטארקער, ווי אזוינע וואס פליסען גלייכמעסיג. דאס איז אן אלגעמיינער געזעץ פון דער ערפארונג. יעדע אויפפאסונג רייצט און רעגט דעריבער אויף אלץ שטארקער, וואס ווייניגער זי איז צוגעגרייט. אין דער דעקאמפאזיציע פון דער קאנטינואיטעט געפינען מיר אויף אזא אופן א מיטעל שטארקער אויפצורייצען די נערוועז אין דער זינליכער אנשויאונג. און אויב די דעקאמפאזיציע פון דעם אומאיבערגעריסענעם טרעט ארויס אלס מעטאדישער פרינציפ פון דעם מאדערנעם אימפרעסיאניזם, קאנען מיר דערפון שליסען, אז עס איז פארהאן א באדערפעניש אין שטארקע, נערוועזע רייצונגען. מיר קאנען זאגען, אז אונזער צייט דורשט מער ווי וועלכע עס איז אנדער צייט, נאך אויפרעגונגען און שטארקע רייצונגען, און די מאדערנע ארט פון דעם אימפרעסיאניזם מיינט די צופאסונג צו אט דעם חשק פון דער עפאכע.

אז מיר האבען ניט קיין טעות, באשטעטיגט דער פארביילויפענדיגסטער בליק אויף דעם אויסוואל פון דעם געגענשטאנדליכען אין דער איצטיגער אימפרעסיאניסטישער קונסט. אמת, די קינסטלער און טעארעטיקער פון אט דער ריכטונג באהויפטען אין איין קול, אז פאר זיי איז דאס געגענשטאנדליכע גאנץ גלייכגילטיג, אבער די פראקטיק כאפט זיי ביי א ליגען אין אט דער הינזיכט. מען קאן ביי זיי ניט אפלייקענען דעם פארצוג צו גאנץ באשטימטע צווייגען פון אינהאלט. און דאס אין אזא מאס, אז קינסטלער פון א גאנץ אנדער ריכטונג שיינען צו געהערען צו דעם קרייז אימפרעסיאניסטען, און רעכענען זיך צו צו זיי, בלויז א דאנק זייער אויסוואל פון סוזשעטען. איך דארף בלויז שטעלען זייט ביי זייט די נעמען פון מאנכע פון זייערע הויפט־פארשטעהער, און מיר וועלען זעהן, אז די פארשפרייטקייט פון געוויסע טעמעס קאן ניט זיין קיין צופאל: מאנע, דעגאס, ראפא,

בראַדער קריסטיאַנסען

טולוז־לאָטרעק, סלעפּאָגט, לואי קאָרינט, ט. ט. היינע, בוירדסלי, ראָדען, הענריק צילע. דאָס געגענשטאַנדליכע, וואָס זיי קלייבען אויס, מוז רייצען. זיי ציהען פאַר דאָס גראָבע, שרייענדיגע, בייסיגע, אָפּשטוי־סענדע, נידריגע. וואָס די מאָדאָנע איז אַמאָל געווען, איז איצט פאַר די אימפּרעסיאָניסטען — די פּראָסטיטוטקע. אָבער עס האַנדעלט זיך דאָ ניט אום דער תאוה, דאָס וואָלט געווען צו אומשעדליך. דאָס אומנאָרמאַלע און פּערווערזע מאַכט אַ שטאַרקערע ווירקונג. שאַרפּע דיפערענציאַלע אייגענשאַפטען — סאַלאָמע איז איינע פון די באַ־ליבטסטע טעמעס אין אונזער צייט — אָדער דאָס עראָטישע דאַרף ווערען דער סמן פון ראַפינירטען געשמאַק. זיי באַנוצען זיך מיט דעם עקעל כדי צו קיצלען די נערווען. זיי מאָלען די זינד און די נויט בלויז דערפאַר, וואָס זיי פילען דאָ אַן ארויספאָדערונג, אָדער דערפאַר וואָס דאָ „שמעקט" ניט גוט. הענריק צילעס „די פאַרשטוי־סענע פון בערלין" דאַרפען אונז ניט רירען אָדער דינען אַלס אַ סאָציאַלע אַנקלאַגע, ניין, זיי זענען בלויז אַ שטאַרק מיטעל, וואָס קיצעלט די נער־ווען. זייער פּוילען שאַפט אַ סטימול פאַר דער קונסט, און אויף צילעס צייכענונגען פעלט זעלטען דער קלאַזעט. „די שוואַרצע סצענעס" ביי סלעפאָגטען שאַפען די אויפרעגונג פון גאַסען־ראָמאַנען, זיין אַכילעס מאַכט אַן אינדיאַנער־געשיכטע פון דער „איליאַדע". אַזאַ אויסוואַל פון דעם געגענשטאַנד באַשטעטיגט אונזער אויסטייטשונג פון די מעטאָדען. ביידע פּאַסען זיך איינס פאַר'ן אַנדערען און אויף אַזוי פיל פאַרמאָגען טאַקע די מאָדערניסטען סטיל. דער קראַצענדיגער גראָבקייט פון דעם געגענשטאַנד אַנטשפּרעכט די רייביגקייט פון דער טעכניק. אין דעם געגענשטאַנד איז דאָס דער רעזולטאַט פון דעם אויסוואַל, און דערפון איז געדרונגען, אַז אויך די סטימולירענדע ווירקונג פון דער פאָרם איז ניט קיין צופעליגע, זייטיגע פאָלגע, נאָר אַ באַוואוסטזיניגע אויסרעכענונג. אין דערמיט קאָנען מיר פאַרענדי־גען די פראַגע וועגען דער אייגענטימליכקייט פון דעם מאָדערנעם אימ־פּרעסיאָניזם, וואָס פאַר איר האָבען מיר געזוכט אַן אויסער־עסטעטי־שען מאָטיוו.

קונסט

מיר האבן דערמאנט וועגן דער פארוואנדשאפט פון די מאדערנע קינסטלער מיט מאנכע ערשיינונגען פון אנדערע עפאכען און געביטען פון דער קונסט, וואס דאס האט געפיהרט דערצו, אז מען זאל אויך זיי אריינרעכענען אין דעם פארברייטערטען באגריף אימפרעסיאניזם. אויב מען זאל א זוך טאן אלגעמיינע סמנים וועלען מיר אויך דארט געפינען די דעקאמפאזיציע פון דער קאנטינואיטעט. אבער ניט אין אזא עקסטרעמער פארם, ווי ביי די מאדערניסטען, און דערביי ניט אלס ענדציל, ניט אלס אביעקט פון זוכענישען, נאר בלויז צופעליג, בלויז אלס מעגליכקייט. א יאפאנער מאלט א באמבוק־בלאט און פילט זיך ניט פארפליכטעט איבערצוגעבען די פארבינדונג פון די בלעטער מיט די צווייגען. אבער אט די פרייקייטען ווערען געוועהנליך באנוצט ניט אין אזא מאס, אז דאס איבערגעגעבענע זאל אנהאלטען עפעס גראבס און סטימולירענדיגס. בלויז אין דעם פאל, ווען די טעמע פאדערט עס, אנטשטעהען אזוינע עפעקטען, ווי ביי אונזערע מאדערניסטען. דער קאריקאטוריסט, למשל, צערייסט אזוי די אויסערליכע און אינערליכע ליניעס, אז דער בליק, וואס ווידערהאלט די צייכענונג, און וואס זוכט א פארבינדונג, ווערט כסדר געשטרויכעלט, שטויסט זיך אלץ אן אן שטערונגען.

מיר געפינען, אלזא, אין אלע אויסערונגען פון דעם אימפרעסיאניזם די מעגליכקייט פון דער דעקאמפאזיציע פון דער קאנטינואיטעט; און אלס אן אייגענטימליכקייט פון זיין מאדערנער פארם—אן עקסטרעמע אויסנוצונג פון אט דער מעגליכקייט צוליב דער הערשענדער נייגונג צו שטארקע נערוועזע רייצונגען. די ערשטע אלגעמיינע דעפיניציע פירט אונז קודם כל צו דער נעגאטיווער כאראקטעריסטיק פון דער עסטעטישער טענדענץ, וואס ליגט בכלל אין דעם יסוד פון דעם אימפרעסיאניזם. אויב מען זאל זיך דערמאנען, אז די רוימליכע, צייטליכע, אורזאכליכע, סובסטאנציאנעלע און לאגישע פארבינדונגען און באמיטלונגען פון דעם געגענשטאנדליכען, זענען וויכטיג באזונדערס פאר דער עמפירישער באטראכטונג, מיינט אט די פרייקייט, אז דער אימפרעסיאניזם באפרייט זיך אליין פון

בראָדער קריסטיאַנסען

דער פאַרבינדונג מיט דער עמפּירישער אַנשויאונג פון דעם פאַרגעשטעלטען געגענשטאַנד. דאָס וואָלט אַז און פאַר זיך געקאָנט זיך אויסווייזען! אַלס א פאַרצוג, אַלס א קלוגע עקאָנאָמיע פון די קינסטלערישע כחות. אָבער איידער מיר האָבען דעפינירט דעם אימפּרעסיאָניזם דורך פּאָזיטיווע סמנים, בלייבט פּראָבלעמאַטיש, צי אַט די פרייקייט קאָן זיך סטיליסטיש קאָאָרדינירען מיט יעדער פאַרטראַכטונג אין דער קונסט.

די איצטיגע טעאָריע פון דעם אימפּרעסיאָניזם איז באַזירט אויף דעם ברייט פאַרשפּרייטען פּאַראָורטייל, אַז די קונסט איז אַ זאַך פון געפיהל, אַז די ענדגילטיגע ווירקונג און ענדציל פון דער קונסט איז די זינליכע אַנשויאונג. אַט די טעאָריע איז, אייגענטליך גערעדט, ביז צום אבסורד א קאָנסעקווענטע אַנטוויקלונג פון אַט דעם געדאַנק. געוויס, די זינליכע אַנשויאונג איז א נויטווענדיגער באַדינג פאַר דער עסטעטישער אויפפאַסונג. דערפאַר האָבען מיר אין אַט דער טעאָריע אַ געמיש פון אמת און ליגען.

נאָכגעהענדיג איר, קאָנען מיר אַננעמען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט דעם פאַקט, וואָס דער צושויער וויים ניט גענוי און קאָן זיך ניט אָפּגעבען קיין דין וחשבון, וואָס דאָס אויג פאַסט אייגענטליך אוממיטעלבאַר אויף. די אוממיטעלבאַרע איינדרוקען פון די געפיהלען ווערען לויט דער געוואוינהייט פאַרטייטשט און בילדען אַזוי אַרום צווישענאָביעקטיווע פאַרהעלטענישען. דער עמפּירישער אינטערעס איז דערביי אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט זיי, אַז עס איז נויטיג א באַזונדערע אַנשטרענגונג פונ׳ם געדאַנק, כדי פון דאָס ניי אָפּצוזוכען די אורשפּרינגליכע דאַטען. אי דאָס גיט זיך עס זעהר שווער איין. איך זעה פאַר זיך א שנייאיגע אויבערפלאַך, אַ טייל אין זון, א טייל אין שאָטען. אין וואָסערע פאַרבען? נו, געוויס, דער שניי איז ווייס, דער שאָטען — טונקעל, הייסט עס, אַז די באַלויכטענע אויבערפלאַך איז ווייס, און דער טייל, וואָס אין שאָטען, האָט א פאַרטונקעלטען ווייסען קאָליר, איז אַלזאָ גרוי. אין דער אמת׳ען איז עס אָבער ניט אַזוי. דאָס

קונסט

וואס איך האב אויסגעטייטשט אלס שאטען איז געווען א לייכטע בלויקייט. אבער די געזעהענע קאליר פארוואנדעלט זיך אין מיין אויסטייטשונג אין ווייס, וואס איז מיר באקאנט אלס די פארב פון שניי — פליוס דער ווירקונג פונ׳ם שאטען. אזוי פארנעמט דאס ווישניי סען פון די געגענשטאנדליכע אייגענשאפטען און פארהעלטענישען דעם ארט פון דעם ערשטערליכען איינדריק. און אזוי כסדר. ווען איך זעה א בוים אויף איין און דעם זעלבען ארט אין פארשידענע צייטען, אינדערפריה, מיטאגצייט און אווענט, איז ניט נאר מיין איך, אז דאס איז דערזעלבער בוים. איך בין אויך זיכער, אז ער האט אומפארענדערט אנגעהאלטען זיינע אייגענשאפטען; אז זיינע בלעטער האבען דיזעלבע קאליר; אז איך פאס אין זיי אוממיטעלבאר אויף די זעלבע פארב, כאטש אין פארשידענע באלייכטונגען. אין דער אמת׳ען זעה איך יעדעס מאל אן אנדערע פארביגע אייגענשאפט. אבער אין מיין אויסטייטשונג ווערט זי יענע קאליר, וואס איך זעה ביים קלארען ליכט, וואס איך קען גענוי, וואס דינט, אלס די אם בעסטען באמערקטע און אונטערשיידטע, אלס קענצייכען פון דעם בוים, פליוס נאך — דעם איינפלוס פון דער טאג־שטונדע. מיר זענען מערסטענטיילס זיכער, אז מיר זעהען די פארבען, וועלכע מיר פאסען אין דער אמת׳ען ניט אויף. מיר טראכטען זאפארט, קוקענדיג אויף זיי, וועגען די געגענשטאנדליכע סמנים. דער ערשטערליכער איינדרוק ווערט פארטייטשט, פארוואנדעלט זיך אין א צווייטען, וואס איז דער געגענשטאנדליכער סמן — פליוס די צווישענאביעקטיווע מאדיפיקאציעס. איך זעה א ברוינקייט וואס איז עהנליך צו מאד. אבער קענענדיג דעם דאזיגען בוים, מיין איך, אז איך זעה די יונגע, העלע גרויקייט פון א בוך פליוס דאס ליכט פון דער פארגעהענדער זון. דאסזעלבע מיט די פארמען פון רוים. אויך דא זעהען מיר ניט, וואס מיר מיינען. בעת אין דער אמת׳ען זעה איך א שמאלען עליפסים, מיין איך, אז איך פאס אוממיטעלבאר אויף א קרייז אין א זייטען־פאזיציע. דא ליגט פאר דעם פלאסטישען קינסטלער א גרויסע שוועריקייט. ווען ער וויל איבערגעבען א טיילכעל נאטור פארלויפט אים זיין קענען די נאטור דעם וועג. ער נעמט זיך צו די פארבען און רוימליכע פארמען, וואס

ער ווייס, אז זיי זענען דא אין דער ווירקליכקייט, און דאן ווערט ער אנטוישט, ווייל זיין ווערק גיט זיך אים ניט איין. אבער די דורכפאלען לערנען אים, און שריט נאך שריט געפינט ער דעם וועג, וואס פיהרט צוריק פון דעם וויסען צו די אוממיטעלבארע דאטען פון דעם געפיהל. אבער אט דער וועג פון לערנען זיך — איבער דורכפאלען — איז זעהר לאנג און ווערט צייטענווייז דורכגעריסען פון פארטושענדע געוואוינ־הייטען. דערפון איז פארשטענדליך, פארוואס אונזערע קינסטלער קומט כסדר אויס צו מאכען נייע אנטדעקונגען. ווי האט מען זיך געוואונדערט, ווען די קינסטלער האבען מיט עטליכע צענדליג יאר צו־ריק באמערקט די פארביגקייט פון די שאטענס.

אויף אזא אופן קומען מיר צום פאסטולאט, אז דער קינסטלער דארף ניט אריינטראגען אין דעם געמעל זיין וויסען וועגען זאכען, נאר בלויז זיינע אוממיטעלבארע, זינליכע איינדרוקען. ער דארף זיך אפילו באפרייען דערפון, וואס ער וויים וועגען דעם אביעקט, און וואס גליטשט זיך אזוי לייכט אריין אין דער איבערגעבונג, וואו עס פרעטענדירט צו זיין אן אוממיטעלבארע אויפפאסונג. א זאך פון דער ווייטענס דארף מיט זיך ניט ארויסווייזען, אז דער קינסטלער קען איר אויס־זעהן פון דער נאהענט; די פארבען פון א לאנדשאפט אין דער צייט פון בין השמשות דארפען ניט ארויסגעבען, אז דער קינסטלער ווייס, ווי אזוי זאכען קוקען אויס אום האלבען טאג. אויך דאס וואס גע־פינט זיך אין שאטען דארף זיין געמאלט אזוי, ווי עס ווייזט זיך אוממיטעלבאר אויס, בעת עס איז אין שאטען, און ניט ווי עס רעפרא־דוצירט אים דער אנאליז פון דעם עמפירישען פארשטאנד. מען קאן קאנדיציאנעל אנערקענען די באדייטזאמקייט פון אט דעם פאסטולאט, כאטש ער באשטימט דורכאויס ניט די העכערע עסטעטישע ווערטען. ער האט צו טאן בלויז מיט איין פיין מיטעל פאר דער געגענשטאנד־ליכער פארשטעלונג. אבער געגענשטאנדען זענען ניט דאס וויכטיגסטע אין דער קונסט. אויך איז אט דער מעטאד פארצושטעלען ניט אויס־שליסליך־ווירקזאם, און דעריבער ניט איינציג־דערלאזבאר.

די סענסואליסטישע טעאריע פון קונסט קוקט, נאטירליך, אנ־דערש אויף זאכען. די בילדליכע קונסט איז, לויט איר מיינונג, דאס

שאפּען פון פאַרמען פאַר'ן אויג. זי ווענדט זיך בלויז צו די חושים, דערפאַר דאַרף זי אויסשליסען אלץ, וואס האט צו טאָן מיט'ן פאַרשטאַנד און צוריקגעהן צו די אוממיטעלבאַרע זינליכע איינדרוקען. און אַט די ערשטערליכע געפיהל־דאַטען, וואס זענען נאָך ניט אויסגעטייטשט און איבערגעטייטשט דורך דעם עמפּירישען פאַרשטאַנד, ערשיינט פאַר אונז די ריינסטע אַנשויאונג. געלינגט עס דעם קינסטלער זי אויפצוכאַפּען און אַפּצוזיגלען זי אויפ'ן בילד, ווערט דאַן און בלויז דאַן — לויט דער מיינונג פון אַט די טעאָרעטיקער — געבוירען א קונסטווערק. דאַס אַלעס קלינגט גאַנץ פיין. צי קאָן מען אָבער ניט אַ פרעג טאָן, פאַר וועמען ווערט עס באַשטימט די דאָזיגע ריינע אַנשויאונג — אין דעם רעזולטאַט פון אַט דער אַרבייט? מסתמא פאַר דעם צושויער פון דעם בילד. טאַקע מיט אַן אמת? אויב דעם קינסטלער איז געלונגען צו פיקסירען די אוממיטעלבאַרע זינליכע דאַטען, שטעהט דען ניט דאַן דער צושויער פאַר זיין ווערק, ווי פאַר דער נאַטור גופא, און צי וועט דען ניט ווידער פאַסירען דאַס זעלבע? די אוממיטעלבארע זינליכע איינדרוקען וועלען באַלד פאַרטייטשט ווערען און זיך פאַרוואַנדלען אין די געגענשטאַנדליכע קענצייכענס און פאַרהעלטענישען פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי עס קומט פאַר אין אַנגעזיכט פון דערווירקליכקייט. און וועט אַזוינס ניט פאַרקומען אַלץ גיכער, וואס בעסער עס וועט דעם קינסטלער זיך איינגעבען אויפצוכאַפּען און אַפּצוזיגלען דאַס, וואס ער זעהט אוממיטעלבאַר? אָבער אויף אַזאַ אופן דערגרייכט דער דאָזיגער מעטאָד פונקט דאָס פאַרקערטע דערפון, וואס עס ערוואַרט דער עסטעטישער סענסואַליזם. דער צושויער דערגעהט ניט צו א ריינער אַנשויאונג, ער שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דעם זינליכען, די זעה־איינדרוקען האָבען אַן איבערגאַנגס־כאַראַקטער און פאַרוואַנדלען זיך תיכף און אומבאַמערקט אין א שכל'־דיג־געגענשטאַנדליכער פאַרטייטשונג, פונקט ווי ביי דער באַטראַכטונג פון דער ווירקליכקייט. וואס בעסער עס גיט זיך איין דעם קינסטלער צו פאַריאָגען פון דעם בילד זיין וויסען וועגען די געגענשטאַנדליכע סמנים און פאַרהעלטענישען און איבערצוגעבען די אוממיטעלבאַר געקראָגענע זינליכע איינדרוקען, אַלץ מער געהט ער אַנטקעגען דעם

עמפּירישען וויסען פון דעם צושויער און מאַכט אים ליכטער זיין אָביעקטיווירענדע איבערטייטשונג, ד. ה. זיין דערוויטערען זיך פון דעם זינליכען איינדרוק.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען א פאַרביגע פאָטאָגראַפיע, וואָס האָט דערגרייכט א טעכנישע פולקאָמענקייט. דאָ איז דערגרייכט דער אידעאַל פון ריינער אָנשויאונג — קיין שום באַקאַנטשאַפט מיט זאַכען פאַרקריפּעלט ניט די איינדרוקען. דאָס בילד גיט בוכשטעבליך דיזעלבע דאַטען, וואָס די נאַטור; אָבער טאַקע דערפאַר ווערט עס, פונקט ווי די נאַטור, פאַרטייטשט אויף אַן אָביעקטיווירענדען אופן. דאָסזעלבע מוז אויך פּאַסירען מיט דעם קינסטלערס געמעל, ווען ער וויל מיט פולקאָמענהייט ערפילען דעם פּאָסטולאַט פון ריינער אָנשויאונג. דאָ זענען, אמת, פאַראַן די אוממיטעלבאַרע זינליכע איינדרוקען, אָבער זיי צעשווימען זיך און בלייבען ניט אין דער נשמה פון דעם צושויער. זיי פאַרוואַנדלען זיך אומבאַמערקט אין זייער געגענשטאַנדליכער באַדייטונג. און די באַמיהונגען פון דעם קינסטלער האָבען בלויז געבראַכט צו דעם רעזולטאַט, אַז דאָס געגענשטאַנדליכע איז געוואָרען בולט, גראַד דערצו, אַלזאָ, וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידען. מען האָט געשטרעבט צו דער ריינער אַנשויאונג פון זאַכען, און אין דער׳אמת׳ען האָט מען געאַרבייט פאַר דעם וויסען וועגען זיי.

כדי צו באַפרידיגען די פאָדערונגען פון דער טעאָריע איז דעריבער נויטווענדיג אריינצוטראָגען איין קאָרעקציע. עס איז נויטיג ניט צו דערלאָזען, אַז די אוממיטעלבאַר־זינליכע דאַטען, וואָס דער קינסטלער האָט מיט גרויס מיה אָפּגעזוכט, זאָלען זיך צעשווימען ביים צושויער און עמפּיריש אינטערפּרעטירט ווערען. דערפאַר קומט אוים גוטצוהייסען אַלע מיטלען, וואָס די קינסטלער ווענדען אָן, כדי אויפצוהאַלטען די אָנשויאונג אין איר אורשפּרינגליכען צושטאַנד. אָבער דאָס ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס מען פאַרגרעסערט דעם אונטערשיד צווישען די אוממיטעלבאַרע זינליכע איינדרוקען און זייער אָביעקטיווער איבערטייטשונג. דעריבער באַגריסט מען אַלע איבערטרייבונגען. ווען דער קינסטלער גיט, למשל, איבער די שאָטענס אויף שניי ניט איינגאַנצען אַזוי, ווי ער זעהט זיי אוממי־

טעלבאר, ד. ה. אין א לייכט בלויען טאן, נאר ווען ער א י ב ע ר־ ט ר י י ב ט די פארבינקייט פון די שאטענס, געבענדיג געדיכט אנגעזעטיגטע קאלירען אנשטאט לייכטע שאטירונגען, דאן בלייבט די פארב. זי וועבט זיך ניט אוים אין דער צווישען־אביעקטיווער אויס־טייטשונג — דוקא דערפאר, וואס אביעקטיוו גענומען, האט זי קיין זיין ניט,—און דער צושויער באמערקט זי. דאס דארף מען טאקע. אויף אזא אופן קריגט דער קינסטלער אן אנשויאונג, וואס איז פריי פון פארשטאנדליכקייט און צוזאמען דערמיט א קינסטלערישען גענוס. אדער אט האט דער קינסטלער אויסגעפונען, אז די פונאנדערגרעני־צונג פון קערפערס פארשווינדט כמעט אין דעם העלען זון־ליכט — א שארף ליכט לייזט אביסעל אויף די קאנטורען — זאל ער זיך איצט היטען ב ו כ ש ט ע ב ל י ך נאכצומאכען דער נאטור, אניט וועט זיין אנטדעקונג בלייבען פונקט אזוי אומבאמערקט פאר די צושויער, ווי די ערשיינונג אין דער ווירקליכקייט גופא. באטראכטענדיג זיין בילד, וואלטען מיר זיכער געווען, אז מיר זעהען בולט אפגעגרעניצטע געגענשטאנדען אויף דער זון, מחמת צו אזא אויסזעהן זענען מיר געוואוינט, און דאס וואלט גלייך אריינגעגאנגען אין אונזער באקאנט־שאפט, און איבערגעזעצט געווארען אויף דער שפראך פון עמפירישען פארשטאנד. פארקערט, דער קינסטלער וועט ריכטיג האנדלען, ווען ער וועט אזוי שטארק א י ב ע ר ט ר י י ב ע ן די צעשוואומענקייט פון די קאנטורען אין זונליכט, און פארשטעלען די ערשיינונג אין אזא גראבער פארם, אז יעדער צושויער וועט געפלעפט ווערען און וועט שוין ניט קאנען ניט באמערקען די צעשמעטערטע, צעשוואומענע לי־ניעס. אזויארום וועט ער זוכה זיין די גענאד פון ריינער אנשויאונג און זיך ראטעווען פון דעם פאטאלען צושטאנד פון דעם אביעקטיווען דענקען.

פאראן ביי די מאדערנע קינסטלער ניט ווייניג בילדער, וואס בא־פרידיגען אויף אזא איינציג־מעגליכען אופן די פאדערונג פון סענ־סואליזם. זיי זענען אזוי שטארק מגזם דעם אונטערשיד צווישען די זינליכע איינדרוקען און זייער געוועהנליכער אויסטייטשונג, אז ער ווערט באמערקבאר פאר דעם צושויער. וואס אבער געווינען מיר דורך

דעם? גיט זיך עס טאקע איין אונז ווידער אריינצודריקען אין דעם צושטאנד פון דער אורשפרינגליכער אנשויאונג און אנהאלטען אונז דארט אזוי, אז מיר זאלען גענצליך זיין פארטיפט אין ריינער, זינליכער אויפפאסונג? איך גלויב, אז ניט. ׳שוין ניט צו רעדען דערפון, וואס די אנגעבאטענע זינליכע אייגענשאפטען קאארדינירען זיך ניט אין ערגעץ איז דער ווירקליכקייט מיט די אורשפרינגליכע דאטען — זיי מאלען למשל די שאטענס צו געדיכט, צו בלוי. עס שטערט זיי איין אומשטאנד: אט די אוטרירטע עלעמענטען פון אנשויאונג ווערען אייגענטליך ניט קיין זינליכע איבערלעבונג פאר אונז, וואס מיר זאלען זיך איר נאאיוו איבערגעבען. אלס צושויער באציהען מיר זיך צו זיי אומבאדינגט מיט א רעפלעקסיע, מיר באטראכטען זיי אלס עפעס פרעמדס. מיר קוקען אויף זיי מיט נייגעריגקייט, ווי אויף א נייער אנטדעקונג, מיט דער נייגעריגקייט פון א פסיכאלאג אדער א מאלער־טעכניקער. מיר אינטערעסירען זיך דערמיט צי דער קינסטלער האט אויפגעכאפט אן ערשיינונג, וואס לאזט זיך שווער כאפען. אז ער האט זי ניט פינקטליך אויפגעכאפט זעהען מיר גלייך: אזוי גראב ווירקט די נאטור קיינמאל ניט. מיר ווייסען אויך, אז אויב דעם קינסטלער וואלט עס יא געלונגען, וואלט די ערשיינונג געווען פונקט אזוי אומבאמערקבאר, ווי אין דער נאטור גופא. און אזוי קור־ קען מיר בלויז דערויף, צי ער האט ווייניגסטענס אויפגעכאפט די טענדענץ פון דער ערשיינונג, און מיר דולדען די איבערגעטריבענע גראבקייט, פונקט ווי מען פארצייט די איבערטרייבונגען פון צייכענונגען פאר וויסענשאפטליכע דעמאנסטראציעס. אהן די איבערטרייבונגען וואלט מען זיי גארניט געקאנט דעמאנסטרירען. דער קינסטלער גיט אונז ניט דעם צושטאנד פון דער ערשטערליכער אנשויאונג, ער ד ע מ א נ ס ט ר י ר ט זי אונז. ער גיט אונז די באקאנטשאפט מיט אזא צושטאנד. אנשטאט דעם וויסען וועגען זאכען, וואס דאס האט מען געוואלט אויסמיידען, דעמאנסטרירט ער אונז דאס דאזיגע וויסען. די זינליכע אויפפאסונג טראגט, ווי פריהער, אן איבערגאנגס־כאראקטער. זי קאן, אמת, ניט אינגאנצען אויפגעלייזט ווערען אין די געוועהנליכע נענענשטאנדליכע אויסטייטשונגען, אבער זי לייזט זיך יא אויף אין

קונסט

דער אביעקטיוואציע פון די פסיכישע צושטאנדען. און ווען מיר שפאצירען ארום צווישען דער גראבער בונטקייט פון אזוינע בילדער פיהלען מיר זיך ווי עפעס אין א נאטור־וויסענשאפטליכען קאבינעט, וואו פרעפארירטע עמבריאנען זענען פונאנדערגעשטעלט אין גלעזערנע פלעשלעך מיט ספירט. אט די בילדער זענען ניט עפעס אנדערש, ווי וויסענשאפטליכע פרעפאראטען, נעמליך פרעפארירטע עמבריאנגען פון אנשויאונגען, וועלכע זענען קינסטליך פארהאלטען געווארען אין יענעם צושטאנד, אין וועלכען זיי וואלטען לעבעדיגערהייט ניט געקאנט פארבלייבען.

אט דאס אנהאלטען דעם צושויער אין רייער זינליכקייט איז אומנאטירליך און אוממעגליך. די פארוואנדלונגס־אייגענשאפט איז א וועזענטליכער קענצייכען פון די זינליכע איינדרוקען. זיי ווערען אומפארמיידליך פארוואנדעלט אין א טראכטען וועגען געגענשטאנדען, וועגען א פסיכישער ערשיינונג, אדער אין א שטימונגס־אימפרעסיע.

האבען מיר טאקע אויבען שוין געזאגט, אז די זינליכע איינדרוקען עקזיסטירען אויסשליסליך צוליב אט דער לעצטער. די מאלעריי, וואס דארף אנטשפרעכען דער גאנגבארער טעאריע פון אימפרעסיאניזם האט, דאכט זיך מיר, בלויז איין מעלה. זי באווייזט אויף דעם באשיינפערליכסטען אופן דעם אבסורד פון דעם עסטעטישען סענסואליזם.

ווען מען זאל אויסשליסען פון דער מאדערנער קונסט אלע עקסטראוואגאנטקייטען, וועלכע נעמען זיך פון דער באדערפעניש אין שטארקע נערוועזע רייצונגען, און אלע פאלגען פון דעם נסיון פון דער סענסואליסטישער טעאריע, מיט איין ווארט: אלץ, וואס ווערט ארויסגערופען דורך מאטיוען, וועלכע זענען פרעמד דער קונסט, וועט ביי אונז בלייבען אן *אלגעמיינע עסטעטישע טענדענץ* פון אימפרעסיאניזם, וועלכע מיר האבען שוין באשריבען פון איר נעגאטיווער זייט, אנווייזענדיג, אז זי באפרייט זיך אליין פון דער פארבינדונג מיט דער עמפירישער באטראכטונג פון דעם גע־

גענשטאַנדליכען. אין וואַס אַבער באַשטעהט איר פּאָזיטיווע באַדייטונג?

ווען איך פאַרגלייך דאַס בעסערע, וואַס עס האָבען געגעבען אונזערע מיטצייטלער מיט די אימפּרעסיאָניסטישע פּינזעל־צייכענונגען פון די יאַפּאַנער, מיט רעמבראַנדטס עסקיזען און גראַווירען, מיט די געמעלען פון פראַנץ האַלס, מיט וועלאַסקעס׳ען אָדער מיט ווילהעלם בושען, געפין איך ביי זיי אַן אַלגעמיינעם ציל: אַרויסצורופען דורך באַזונדערע מיטלען אַ באַזונדערס לעבעדיגען גע־גענשטאַנדליכען איינדרוק. אַבער דערביי שטרעבען זיי גאָרניט צו געבען אַ זינליכע פאָרשטעלונג פון דעם געגענשטאַנדס אייסזעהן, נאָר בלויז אַ ניט־בילדליכען, אויסערזינליכען איינדרוק. דעם לעצטען ווי ווייט מעגליך צו פאַרשטאַרקען — דאָס איז זייער ציל. די דאָזיגע קינסטלער ווילען ניט ווייזען, ווי עס זעהען אויס די אָביעקטיווע אייגענשאַפטען פון אַ זאַך אָדער אַן ערשיינונג; מיט וואָסערע סמנים זיי ערשיינען פאַר דער עמפּירישער באַטראַכטונג. זיי ווילען אויך ניט ווייזען, ווי אַזוי אַ זאַך אָנטפּלעקט זיך אוממיטעלבאַר פאַר די געפיהלען, ווי זי שטעלט זיך פאָר אין דער ריינער אַנשויאונג. וואָס זיי טוען יאָ, איז, אַט וואָס: זיי כאַפּען אַרויס פון דער זינליכער ערשיינונג בלויז די סוגעסטיווע פאַקטאָרען, פון וועלכע עס הייננגט אָפּ דער ניט־בילדליכער איינדרוק פון דעם געגענשטאַנד. אַ דאַנק דער איזאָלירונג געווינען אָט די פאַקטאָרען נאָך מער אין זייער סוגעסטיווער קראַפט, מחמת קיין שום זייטיגעס ווענדט ניט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט.

די באַצייכענונג „אימפּרעסיאָניזם“ ווייזט זיך מיר דעריבער אויס אַלס גאַנץ געלונגען. עס איז באַקאַנט וואָס פאַר אַ צופאַל מיר האָבען זי צו פאַרדאַנקען. ווען די „אַנאָנימע געזעלשאַפט“ פון דעם קרייז, וואָס איז געווען נאָהענט צו מאַנע׳ן האָט אין 1874 אַראַנזשירט אַן אויסשטעלונג, איז צווישען זיינע בילדער געווען איינס, וואָס האָט זיך גערופען: „אַן אימפּרעסיע: די אויפגעהענדע זון“. אָט דאָס ווערק איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער שולע. מען

קונסט

האט א רעד געטאן וועגן די „אימפרעסיאניסטען“. דאס ווארט איז אונטערגעכאפט געווארען. און אויף אזא אופן איז געשאפען געווארען א נאמען פאר א נייער קונסט. „אימפרעסיאניזם“ — איז דאס ריכטיגע ווארט, ווייל דער ציל פון אט דער קונסט איז דער א י י נ ד ר ו ק פון דעם געגענשטאנד, אלץ איינס, צי דאס איז א זאך אדער א פארביילויפענדיגע ערשיינונג. דא איז וויכטיג דער מעטאד: דער אויסוואל פון אזוינע עלעמענטען פון דער זינליכער ערשיינונג. וואס זענען רייך מיט איינדרוקען. אז דערביי האט מען געמוזט רעווידירען די אפטישע איינדרוקען פון דער נאטור, זיך מער דערנעהנטערען צו די פרימיטיווע אנשויאונגען, ווי מען איז געוואוינט פון די אקאדעמיעס און פון די קאנווענציאנעלע טראדיציעס; אז מען האט גענומען אויספארשען די פארביגקייט פון די אפשפיגלונגען און די שאטענס, ווי אויך די מאדיפיקאציעס פון דעם טאגליכט, דאס איז פארשטענדליך, ווייל דאס זענען די מיטלען צום ציל. די ערשטערליכע זינליכע דאטען איבען אויס א שטארקע סוגעסטיווע ווירקונג. זיי זענען אבער ניט דער ענדציל פון אט דער קונסט, ווי עס גלויבען די טעארעטיקער. אויך קאן מען דא ניט רעדען וועגן איינדרוקען אין דעם זין פון סענסואליזם. נאר וועגן צווייטערליכע איינדרוקען, וועגן דעם ניט־בילדליכען איינדרוק פון דעם געגענשטאנד, וועגן זיין עמאציאנעלען דיפערענציאל. ווען עס וואלטען וויכטיג געווען די זינליכע עלעמענטען גופא, וואלט מען זיי אלע געדארפט געבען, אזוי, ווי זיי ערשיינען פאר דעם בליק. אבער צווישען זיי קומט פאר אן איבערקלייב. א צוטריט קריגען בלויז די באזונדערס סוגעסטיווע צווישען זיי. דעריבער זענען ניט די זינליכע דאטען גופא — דער ענדציל, נאר דאס, וואס זיי דארפען ארויסרופען אין אונז: די שטימונגס־אימפרעסיע פון דעם געגענשטאנד. די דריי ליניעס, אין וועלכע ווילהעלם בוש פיקסירט דעם איינדרוק, גיבען אונז ניט דאס אויסזעהן פון דער זאך, זיי דערצעהלען אונז ניט וועגן אירע אייגענשאפטען אדער וועגען איר אומיטעלבארער ווירקונג אויפ׳ן אויג, ווייל עס איז ניט מעגליך אזא געשטאלט פון ווירקליכע זאכען אויף דער רעטינע, וואס מיט איר זאל זיין צייכענונג צענויפפאלען. אבער זיינע ליניעס

שטעלען מיט זיך פאַר דאָס שטאַרקסטע מיטעל ארויסצורופען, ווי דורך אַ צויבער, דעם ניט־בילדליכען איינדדרוק פון דעם געגענשטאַנד.

כדי צו דערגרונטעווען דעם סאַמע תוך פון דער ערשיינונג, קאָן מען אַרגומענטירען אויך אַזוי: איין און דערזעלבער געגענשטאַנד גיט — לויט נאָך זיין פּאָזיציע אין באַצוג צום אויג — אַ פאַרשידענע בילד. ווען ער איז נאָהענט אָדער ווייט פון אונז, ווען מיר קוקען אויף אים פון אויבען אָדער פון אונטען, ווען ער שטעהט גלייך פאַר אונז אָדער אין דער קרום — יעדעס מאָל שיינט ער צו זיין אַנדערש. ווייטער באַקומט מען אונטערשידען אין דער זעה־סטרוקטור אויך דערפון, צי מיר באַטראַכטען דעם געגענשטאַנד אַ לאַנגע צייט אָדער פאַרביינעהענדיג; צי אונזער אויפמערקזאַמקייט האָט אים אויפגעכאַפּט און זיך אויף אים שטאַרק אָפּגעשטעלט; צי דער געגענשטאַנד איז באַוועגליך אָדער שטעהט שטיל פאַר'ן צושויער. אָט די אומענדליך פאַרשידענאַרטיגע זעה־איינדרוקען פון דעם זעלבען געגענשטאַנד, אַלס געשטאַלטען, ד. ה. אַלס קאָמפּלעקסען פון זינליכע דאַטען, זענען אַפילו ניט זעהר עהנליך איינס אויפ'ן אַנדערען. זיי איבען בלויז אויס אַן איינשטימיגע ווירקונג אויפ'ן סוביעקט: זיי גיבען אים דעם איינדרוק *פון איין און דעם זעלבען געגענשטאַנד.*

אויף אַזאַ אופן קאָן אַן אומענדליכע מאַסע פאַרשידענע זינליכע געשטאַלטען אַרויסרופען דעם זעלבען געגענשטאַנדליכען איינדרוק. אָבער דערביי איז זייער ווירקזאַמקייט ניט פון גלייכער אינטענסיווקייט. זייער סוגעסטיווע קראַפט איז פאַרשידען. מאַנכע זענען שטאַרקער אין זייער איינדרוק, ווי אַנדערע. דאָס דאַרף דער קינסטלער נעמען אין אַנבאַטראַכט, אויב ער דענקט וועגען דער פאַרשטאַרקונג פון דעם געגענשטאַנדליכען איינדרוק.

באַזונדערס וויכטיג איז דאָ דער אונטערשיד צווישען אַ פאַרביילויפענדען בליק און דעם איינדרוק, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער, רוהיגער קאָנטעמפּלאַציע. די ערפאַרונג באַווייזט, אַז די סוגעסטיווע ווירקונג פון אַ פאַרביילויפענדען בליק איז אינטענסי־

ווער. די אוירזאך דערפון ווערט ערקלערט דורך אז איינפאכע אומשטאנד. אזוי ווי א פארביילויפענדע באטראכטונג רופט ארויס אין א קלענערען משך צייט דעם זעלבען רעזולטאט, ד. ה. לאזט אונז דערקענען דעם געגענשטאנד, מוז דער אופן פון זיין ווירקונג זיין א סך מער קאנצענטרירט. ביי א דויערענדיגער קאנטעמפלאציע פון א געגענשטאנד אין א רוהיגען צושטאנד, ווערט קלאר יעדער דעטאל, דער בילדליכער איינדרוק איז דורך און דורך באשטימט. אבער טאקע דערפאר ווענדט זיך די אויפמערקזאמקייט — פון דעם גאנצען צו די איינצעלהייטען: דער איינדרוק פון די דעטאלען שטערט דעם אלגעמיינעם איינדרוק. אבער ביים פארביילויפענדיגען בליק אויפ'ן געגענשטאנד כאפט דאס ערפאהרענע אויג אויף מיט דער מינוט עטליכע כאראקטעריסטישע ניואנסען, אויך די ניט אינגאנצען, אבער דאך גענוג באשטימטע. אלע איינצעלהייטען בלייבען אומקלאר און דערפאר שטערען זיי ניט. אויף אזא אופן ווערט בלויז איבערגעגעבען דער אלגעמיינער איינדרוק. און אט די ווייניגע עלעמענטען, וואס דאס אויג כאפט אויף פארביייגעהענדיג, דארפען זיין זעהר רייך אין איינדרוקען, אניט וועלען זיי ניט זיין גענוג צו דערקענען דעם געגענשטאנד. דער לויפענדער בליק גופא באשאפט, אלזא, שוין געוויסערמאס אן אפקלייב צווישען די זינליכע דאטען. אונטער דער לייטונג פון דער נעוואוינהייט קומט פאר אן אפגרעניצונג, וואס נעמט אויף בלויז די מאמענטען פון דער שטארקסטער סוגעסטיווער ווירקונג. דער אינטערעס פארשפרייט זיך בלויז אויף יענע דאטען, וואס זענען אוממיטעלבאר וויכטיג פאר דעם געגענשטאנדליכען איינדרוק. די צייט ערלויבט פשוט ניט אפצושטעלען זיך אויף דער מאסע אומוויכטיגע קוואליטאטיווע איינצעלהייטען.

ציהענדיג דערפון דעם געהעריגען שלוס, געפינען מיר, אז דער קינסטלער, אויב ער וויל, אז זיין איבערגעבונג זאל באזונדערס רייך זיין מיט איינדרוקען, און אויב דער סטיל פון זיין ווערק ערלויבט עס, וועט פארציהען אן אנשויאונג, וואס שטאמט פון א פלינקען באטראכטונגס־אופן. אזא אנשויאונג גיט אים דאס, וואס ער דארף האבען: דעם אויסוואל פון דעם

בראָדער קריסטיאַנסען

סוגעסטיווע. אַ גענוי, אויספירליך און דעטאַלירט דורכגעפירטע צייכענונג וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן דיזעלבע קראַפט פון איינדרוק, ווי אַ בילד, וואָס איז אַנטשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון אַ מאָמענטאַלען בליק. אויב דער קינסטלער שטרעבט צו אַ געשטייגערטען איינדרוק, דאַרף ער אַפּהיטען די געשטאַלטען פון די אויגענבליקליכע אַנשויאונגען, וואָס שווימען אַרויס אין זכרון, שנעל אַ ווענד טאָן דעם זינליכען אַפּאַראַט אויף די אָביעקטע, און מיט אַ פלינקען בליישטיפט אַנצייכענען דאָס, וואָס דעם אויג איז געלונגען אויפצוכאַפּען. אַזוי וועט ער זיך אויסלערנען אַפּצוטיילען די סוגעסטיווע פאַקטאָרען פון די אומבאַדייטענדע.

אָבער דערביי אַנשטעהט אַ מאָדנע שוועריקייט. אַ מאָמענטאַלע געשטאַלט איז אַן און פאַר זיך ניט איבערגעבליך. ניט בלויז לאָזט ער דעם געגענשטאַנד איבער אומבאַשטימט אין זיינע דעטאַלען, אים פעלט אַפילו די אינערליכע באַשטימטקייט פון די פאָרמען. אויף דער צייכענונג און אויף דעם געמעל ערשיינט אָבער יעדע פאָרם אומבאַדינגט באַשטימט; אַלעמאָל אַנטשטעהט די ליניע מיט איר אינדיווידועלער און זעהר גענויער געשטאַלט. פונקט אַזוי האָט אויך יעדער ווילקירליכער פאַרביגער פלעק אַ באַשטימטען ניואַנס און אַן אינדיווידועל באַשטימטע אויסשפּרייטונג. דעם פלינקען בליק פאַרקערט, פעלט די לעצטע באַשטימטקייט פון די פאָרמען. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די אָפּטישע רייצונג קומט מערסטענטיילס פאַר פון דרויסען פון דעם געלען פלעק, ד. ה. אויסער דעם געביט פון שאַרפער ראיה. דאָס וואָס מיר זעהען מיט דעם זייטיגען טייל פון דער רעטינע, האָט ניט קיין גענויע פאָרם. חוץ דעם, ווען דער געגענשטאַנד אָדער דאָס אויג באַוועגט זיך אין דער צייט פון קוקען, לייגען זיך עטליכע רייצונגען אַן איינע אויף דער אַנדערער, פלעכטען זיך צענויף, און שאַפען פאַנטאַסטישע געמישען. אויף אַזאַ אופן איז די אויגענבליקליכע געשטאַלט דער פולשטענדיגער היפוך פון דעם פאָטאָגראַפישען בילד, וואָס איז ביז די לעצטע קליינינקייטען באַשטימט. דער רגע'דיגער געשטאַלט פון דעם לעבעדיגען אויג פעהלט די פאָרמאַלע באַשטימטקייט, מחמת די ווייניגע כאַראַקטעריסטישע געגענשטאַנדען, וואָס דעם אויגס

אויפמערקזאמקייט כאפט אויף, אנטוויקלען זיך אויך ניט צו א פולשטענדיג בולטער באשטימטקייט.

דערפאר איז אייגענטליך ניט מעגליך איבערצוגעבען אין א ווערק דעם פלינקען, פארביילויפענדיגען איינדרוק גופא. אבער דער קינסטלער באזיצט די מעגליכקייט צו באשאפען פאר אים א זעהר ווערטפולען במקום, און אט די פארבייטונג ווייזט זיך אוים אלס אן און פאר זיך אזוי פארשטענדליך, אז די שווערקייט ווערט בעת דער ארבייט נארניט באמערקט און בלויז דער אנאליז דעקט זי אויף. דער קינסטלער באשאפט אן עקוויוואלענט פון דער אויגענבליקליכער זעהונג. ווען ער האלט אוים זיינע פארמען אזוי, אז פון איין זייט פאראייניגען זיי אין זיך די סוגעסטיווע פאקטארען פון דעם מאמענטאלען זעה־איינדרוק, און — פון דער אנדער זייט — קאן זייער אומפארמיידליכע באשטימטקייט ניט אנגענומען ווערען פאר דער געגענשטאנדליכער דעטאליזאציע. דאס איז מעגליך. מען קאן אזוי למשל, אויסקלייבען די ליניעס פון א פייזאזש, אז קיין איין געזונטטראכטענדען מענשען וועט ניט איינפאלען, אז אט די ליניעס באשטימען די דעטאלען פון בוימער, הייזער, מענשען; אז קיינער וועט זיי ניט אננעמען פאר דער באשטימונג פון געגענשטאנדליכע אייגענשאפטען. די פארמען דארפען די געגענשטאנדליכע אייגענשאפטען א ו י ס מ י י ד ע ן. דער קינסטלער מיידט אוים אזוינע ליניעס, וואס זאלען פינקטליך אנטשפרעכען די רוימליכע אייגענשאפטען פון די פארגעשטעלטע זאכען. מען דארף, למשל, אויסמאלען א הויז. אומעטום גרעניצען גראדע ליניעס אפ די ווענט און די אויבערפלאכען פון דעם דאך. דערפאר דארף דער קינסטלער אינגאנצען אויסמיידען די גראדע ליניעס, ווען ער מאלט דאס הויז. דאן וועלען טאקע די פארמען באקומען די אינערליכע באשטימטקייט פון דער צייכענונג, אבער אט די פארמאלע באשטימטקייט באדייט ניט קיין דעטאליזאציע פון דעם געגענשטאנדליכען.

אלס רעזולטאט באקומט זיך אין דער צייכענונג די אנאלאגיע פון דער מאמענטאל־געזעהענער געשטאלט, וואס דארף האבען דיזעלבע ווירקזאמקייט, ווי אט די ערשטע געשטאלט אירע, מחמת זי נעמט

איבער איר ווירקזאַמע פאַקטאָרען און אויף אַן ענליכען אופן דערוויי־טערט זי אַלץ, וואָס שטערט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק.

אַ ט ד ע ר מ ע ט אָ ד — ד אָ ס א י ז ד ע ר א י מ פּ ר ע־ס י אָ נ י ז ם. זיין ציל איז אַ געשטייגערטע לעבעדיגקייט פון דעם געגענשטאַנדליכען איינדרוק, און ער דערגרייכט אַט דעם ציל מיט די מיטלען פון גראַפישע און מאַלערישע אַנאַלאָגיעם פון דעם רגע׳דיגען בליק. ביים לעצטען נעמט ער איבער די מאָמענטען פון דעם שטאַרק־סטען איינדרוק און פון דער גרעסטער סוביעקטיווער קראַפט, און ווי ער, מיידט ער אויס די שעדליכע איינפלוסען פון דער געגענשטאַנדליכער דעטאַליזאַציע.

דער אימפּרעסיאָניסטישער מעטאָד איז אַם אייגענסטען דעם עסקיז. אַז אַט דעם לעצטען דערמאָנען אַלע ווערק פון דער דאָזיגער שולע. אָבער אויך דער עסקיז קאָן זיין אַ פאַרענדיגט ווערק. פאַר דער פאַרענדיגטקייט איז ניט בינדעד דער אומשטאַנד, אַז דער עמפּי־רישער פאַרשטאַנד זאָל ניט האָבען וואָס מער צו פרעגען. דאָס ווערק איז פאַרענדיגט דאַן, ווען זיין אימאַנענטער ציל איז דערגרייכט. דאָ איז דער דאָזיגער ציל — די פאַרשטאַרקונג פון דער עמאָציאָנעלער ווירקונג. רעמבראַנדטס עסקיז־גראַוויור וויל ניט קאָנסאָלידירען די פאָרם פון „זיין״ אָדער וועלכע עס איז פאָרם פון זאַכען־ערשיינונג. ער גיט אַ שפּיל פון ליניעס, וואָס מיידט אויס די אָפּגרעניצונגען פון די רעאַליטעטען אין רוים, און וויל זיך ניט אויסווייזען אַלס דעטאַ־ליזאַציע פון די פאַרגעשטעלטע געגענשטאַנדען. און דאָך פאַרמאָגט זי אַ וואונדערבאַרע סוגעסטיווע קראַפט. דער לאַנדשאַפט לעבט אויף פאַר אונז, גלייך ווי מיר וואָלטען געפילט זיין אָטעם. אָבער דאָס איז טאַקע געווען דער ציל, ניט דער געזעהענער כאַראַקטער פון דעם לאַנדשאַפט. דער מיטעל דערצו איז טאַקע די גראַפישע אַנאַלאָגיע פון דעם פלינקען בליק. דאָס, וואָס די ליניעס סוגעסטירען אונז, איז דער ניט־בילדליכע איינדרוק פון דעם לאַנדשאַפט, זיין כאַראַקטעריס־טישער שטימונגס־דיפערענציאַל. זיי איבען אויס זייער ווירקונג ניט אויף אונזער פאַרשטעלונגס־פאַנטאַזיע, אַנרעגענדיג אונז צו פאַרענדי־גען דעם פייזאַזש און אויפבויען אים אין דער גאַנצער באַשטימטקייט

פון די דעטאַליען. מיר האָבען שוין ניט איינמאָל אונטערגעשטראָכען, אַז אַט די ברייט פאַרשפּרייטע מיינונג ווידערשפּרעכט די פאַקטען און פּאָסטולאַטען פון דער עסטעטיק. אין דער ווירקליכקייט שטעלט די פאַנטאַזיע ניט אונטער קיין שום בילד אויפ׳ן אָרט דערפון. וואָס מיר זעהען אויף דער גראַווור, די אָרדענונג פון די ליניעס ווערט ניט איבערגעבויט, כדי צו באַשאַפען די אמת׳ע פיגור פון זאַכען. ווען דאָס וואָלט אַנדערש געווען, וואָלטען דערמיט געעפענט געוואָרען די טירען פאַר דעם ווילקיר און פאַר דעם צופאַל. איינער וואָלט צוגעגעבען ליניעס, וואָס קאָאָרדינירען זיך צווישען זיך, אַ צווייטער — אַ דיסהאַרמאָניש געמיש. די פאַרענדיגונג פון דעם בילד וואָלט אַריין אין די הענט פון פראַפאַנען און דאַן וואָלט צווייפעלהאַפט געוואָרען די דערגרייכונג פון דער קינסטלערישער פאַראַכטונג. אָבער מיר שפּירען דאָך דעם פּייזאַזש פון דער צייכענונג? געוויס, כאָטש אַייגענטליך גערעדט, זעהען מיר אים ניט. מיר זעהען די גראַווור, אירע ליניעס, אירע שוואַרצע און ווייסע פּאַסיקלעד, און עמפּינדען דערביי דעם פּייזאַזש לעבעדיגער, ווי ווען ער וואָלט פאַר אונז ממשות׳דיג געשטאַנען. מיר האָבען אַ לעבעדיגען באַגריף פון זיינע פאָרמען, אָבער דאָס איז דורכאויס ניט קיין בילדליכע פאָרשטעלונג. מיר דאַרפען אים אויך ניט בילדליך פאָרשטעלען. מיר דאַרפען ניט זעהן קיין אַנדערע ליניעס אויסער די, וואָס דער קינסטלער גיט אליין. פאַר אונז דאַרפען דוקא זיין די־זעלבע קאָנטורען, וואָס אויף דער צייכענונג. דער דאָזיגער שפּיל פון ליניעס האָט דאָך נאָך אַן אויפגאַבע, אַ חוץ צו סוגעסטירען די איינדרוקען פון דעם לאַנדשאַפט. אין אים דאַרף זיך אויסדריקען דער אייגענטליכער ווערט פון די לינישע פאָרמען, אין אים דאַרפען אַרויסגערופען ווערען די אוממיטעלבאַרע פאָרמאַלע איינדרוקען, וואָס זיי פאַרמאָגען, אומאָפּהענגיג פון דעם פאָרגעשטעלטען געגענשטאַנד. דערפאַר דאַרף דעם קינסטלערס ליניש בילד ניט אַרויסגעשטופּט ווערען דורך דעם בילד פון דער פאַנטאַזיע. דאָס וואָלט באַשאַפען אַנדערע פאָרמאַלע באַדינגונגען.

וואָרים די שפּראַך פון פאָרמען איז באַזונדערס וויכטיג אין אַלע גוטע ווערק פון דעם אימפּרעסיאָניסטישען מעטאָד. אַזוי ווי די

בראָדער קריסטיאַנסען

פאַרמען געהען זיך דאָ אַזוי ווייט פונאַנדער מיט דעם געגענשטאַנד־ליכען, אַז זיי קאָנען ניט אַנגענומען ווערען פאַר אַן אומנויטיגער דעטאַליזאַציע, באַנוצען זיי זיך מיט אַ גרויסער פרייקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייערע אייגענע מעגליכקייטען. דער פּשוטער נעגאַ־טיווער באַדינג: ניט צו נאָהענט צו קומען צו דער באַשטימטקייט פון דעם געגענשטאַנדליכען, לאָזט פאַר זיי איבער אַ ברייטע מעגליכקייט פון באַוועגונג. און דערפאַר דאַרף מען ביים אימפּרעסיאָניסטישען קינסטלער פאָדערען אַ באַזונדערס דין געפיל און אַ דינעם שפּיל פון פאַרמען. זיין פרייקייט דאַרף ניט בלייבען אומאויסגענוצט. די לעצטע באַשטימטקייט פון זיינע פאָרמען, וואָס איז ניט פאַרבונדען מיט דעם געגענשטאַנדליכען, דאַרף דינען דערצו, אַז זי זאָל זיי לאָזען ערפילען זייער אייגענע מעלאָדיע, אַרויסווייזען זייערע סימפּאַטיעס און פאַרוואַנדשאַפט. אַן אימפּרעסיאָניסטיש ווערק אַהן אַ חוש׳פאַר פאָרמען — ווי אויסדרוקספול עס זאָל ניט זיין אין זיין געגענשטאַנד־ליכען איינדרוק — ווירקט גראָב.

דער אימפּרעסיאָניזם איז אַ מעטאָד, ניט קיין זעלבסטציל. ער אַרבייט פאַר זיין ציל: צו פאַרשטאַרקען דעם געגענשטאַנדליכען איינדרוק. דאָס קאָן דערגרייכט ווערען אויך אויף אַן אַנדער אופן, ווי למשל, דורך דעם, וואָס דער געגענשטאַנדליכער איינדרוק ווערט פאַרשטאַרקט מיט דער הילף פון דער איינטאָניגער שפּראַך פון פאַר־מען, ווי דער גרונד־טאָן ווערט פאַרשטאַרקט דורך דעם רעזאָנאַנס. הייסט עס, אַז דער אימפּרעסיאָניזם איז ניט קיין „קאָנדיציאָ סינע קוואָ נאָן" פאַר אָט דעם ציל. יעדענפאַלס געפינט ער זיין באַרעכטי־גונג אַלס איינער פון פאַרשידענע מיטלען, ביז זיינע איבערטרייבונ־גען רופען נישט אַרויס קיין אומאַנגענעמע זייטיגע ווירקונגען, אָדער ביז ער טרעט ניט אַריין אין אַ ווידערשפּרוך מיט אַנדערע פאָסטולאַ־טען פון סטיל. אָבער פאַר דער ענדגילטיגער אָפּשאַצונג פון דעם אימפּרעסיאָניסטישען מעטאָד טאָר מען ניט פאַרגעסען, אַז עס רעדט

קונסט

זיך דערביי בלויז וועגן א ציל פון צווייטן גראד. א לעבעדיגער, געשטייגענטער איינדרוק פון דעם געגנשטאנד שטעלט נאך ניט צענויף קיין קונסטווערק. און פארקערט: א ווערק קאן זיך באגעהן אהן אים. אין פילע זאכן באציט זיך דער געגנשטאנדליכער איינדרוק ניט צום וויכטיגסטן אין זיי, און א צו לעבעדיגע פארשטארקונג פון אט דעם איינדרוק וואלט געקאנט שאדן. פון דעם אלעם איז געדרונגען, אז דער אימפרעסיאניסטישער מעטאד האט בלויז א קאנדיציאנעלן ווערט, ווייל זיין ציל האט בלויז א קאנדיציאנעלע באדייטזאמקייט, און ווייל דערזעלבער ציל קאן דערגרייכט ווערן אויף אן אנדער וועג. ווייטער דארף מען נעמען אין אנבאטראכט, אז דער אימפרעסיאניזם אנטהאלט אין זיך — ווי יעדער אנדער קינסטלערישער פרינציפ — געוויסע פאדערונגען פון סטיל, האט זיך זיינע סטיליסטישע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, און קאן דעריבער יא אדער ניט געהן צוזאמען מיט אנדערע סטיל־פאקטארן. צוליב די מאטיוון פון סטיליסטישער איינהייט איז ער געווינשט אין איין פאל און ניט דערלאזבאר אין אן אנדערן. איך באהויפט און וועל עס באווייזן, אז *דער אימפרעסיאניזם איז איינער פון די בעסטע מעטאדן פאר דער גראפיק און באצייכנט דעם העכסטן שפיץ פון איר אנטוויקלונג, אבער אז זיין אנווענדונג צו מאלעריי, באזונדערס אויף לייוונט, איז א סטיליסטישער טעות.*

איך וועל ווידער קודם כל אנווייזן דערויף, אז דער אימפרעסיאניזם שוואכט אפ די פארבינדונג צווישן די איבערגעגעבענע פארמען און דעם איבערגעגעבענעם געגנשטאנד. אויב די געגנשטאנדליכע דעטאלן דארפן ווי ביי א פארביילויפענדן בליק פארבלייבן אומבאשטימט, כדי ניט צו שטערן דעם אלגעמיינעם איינדרוק, דאן איז די ענדגילטיגע באשטימטקייט פון די פארמען ניט פארבונדן מיט דעם געגנשטאנדליכן. זי דארף דעם לעצטן גיכער אויסמיידן אוים מורא, אז מען זאל זי ניט אננעמען פאר זיין דעטאליזאציע. אבער מיר האבן אויבן באוויזן, אז דער גרונד־פאסטולאט פון דעם

גראפישען סטיל פירט אויך דערצו אז די פארמען זאלען באפרייט ווע־רען פון דעם געגענשטאנדליכען, מחמת דער צווייאיגער רוימליכער כאראקטער פון דער צייכענונג טיילט זיי אפ איינס פונ׳ם אנדערען. די אויבערפלאך פון דעם טרעגער פון דער צייכענונג, וואס בלייבט אנזעהעוודיג, ווערט דער כולל פון די פארמען, בעת דאס דריי־דימענ־סיאנעלע געגענשטאנדליכע טרעט אפ אויף צוריק, אין דער טיף פון דעם בילד. דא קומען אין קאנטאקט די סטיליסטישע טענדענצען פון דער צייכענונג און פונ׳ם אימפרעסיאניזם. א געמעל, פארקערט, פא־דערט אז ענגערע פארבינדונג צווישען פארם און געגענשטאנד.

א צווייטער מאמענט: די אימפרעסיאניסטישע באהאנדלונג ברענגט מיט זיך — אין א גרעסערען אדער קלענערען גראד — די ערנידעריגונג פון דעם פארגעשטעלטען אינהאלט. עס איז ניט שווער צו פארשטעהן, אז פאר דער דאזיגער טעכניק איז טיילווייז אייגען די שטימונג פון דעם פלינקען בליק און אז זי גיט צו דעם געגענשטאנדליכען אזא שאטירונג, גלייך ווי ער וואלט פארגעשטעלט געווארען פאר א פלינקער באטראכטונג. אין דעם פארטרעט דריקט זיך דאס אוים אין א געוויסער אומאכטונג צו דער פערזענליכקייט, און ווען, ווי ביי געוויסע מאדערניסטען, זי דערגרייכט אז עקסטרעם, פילט זיך אין זיי א באליידיגונג. בערגערס פארטרעט אין דער האמבור־גער קונסט־גאלעריע, וואס איז געמאלט פון ליבערמאנ׳ען, קריגט דער־פון דעם כאראקטער פון א זאאלאגישען עטיוד. צוליב דערזעלבער אור־זאך וואלט דער אימפרעסיאניסטישער מעטאד געווען אומאנשטענדיג אויף א הייליגען בילד. ער טויג זיך גארנישט דארט, וואו דער איינ־דרוק פון דעם ערהאבענעם דארף ארויסגעהן פון דעם פארגעשטעלטען געגענשטאנד גופא. דאס נאבעלע, ריינע און ערהאבענע, הייליגע און געטליכע דערלאזען ניט דעם אימפרעסיאניסטישען מעטאד פון אי־בערגעבונג. ער איז ניט צוגעפאסט פאר הויכער און זעליגער שעהנ־קייט, פאר יענער גאנצער ספערע, וואס מיר האבען כאראקטעריזירט אויף דעם דריטען פלאץ, ווען מיר האבען אויסגערעכענט די עסטע־טישע מאדוסען פון דעם ווערט. פארקערט, דער אימפרעסיאניזם איז פולשטענדיג אם פלאץ דארט, וואו די פארם דארף גובר זיין דעם אינ־

האַלט, וואו דער לעצטער איז אוועקגעשטעלט אַנטיטעטיש, אַלס דאָס נידעריגע, אַלס דאָס ערדישע און שווערע, אַלס דער ווידערשטאַנד, דורך וועלכען עס פירט די דערהויבענדע באַוועגונג פון דער פאָרם. אין אָט דער פּאָזיציע דערלאָזט דאָס געגענשטאַנדליכע פולשטענדיג אַ גרינגשעצונג צו זיך. אין דער דאָזיגער גרינגשעצונג ליגט דאָך שוין דער אָנהויב פון דער איבערווינדונג. אָבער מיר האָבען אויך געוויזען, אַז די אַנטיטעטישע באַהאַנדלונג פון דעם געגענשטאַנדליכען איז מער אייגען דער גראַפיק איידער דער מאָלעריי, אַלזאָ, ווידער, אַז דער אימפּרעסיאָניזם און די צייכענונג געהן האַנט אין האַנט.

דער אַנטשיידענדיגסטער מאָמענט איז אָבער דער דריטער, וואָס באַשטימט אויך גלייכצייטיג די גרעניץ דערפון, וואָס עס פאַלט צענויף מיט דעם אימפּרעסיאָניזם פון דער גאַנצער ברייטער גרופּע בילדליכע ווערק, וועלכע מיר האָבען אָנגערופען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „צייכענונג“. די מאָלעריי און די פּלאַסטיק דאַרפען שטענדיג טראָגען דעם כאַראַקטער פון דעם אייביגען, פון רוה־צושטאַנד. זיי שליסען זיך איין, ווי אַ שטענדיגער באַשטאַנד־טייל אין אַ וואוינונג, אין אַ קירך אין אַ פאַרזאַמלונגס־זאַל. זיי באַנוגענען זיך ניט, ווי יעדע אַנדערע באַפּוצונג פון אַ צימער, מיט אַ צופעליגען בליק. זיי שפּירען זיך אויף דעם שפּיץ פון אַלעם און פאָדערען אַז אָנגעשטרענגטע קאָנטעמפּלאַציע. ווען זיי באַפרייען דיין בליק, בלייבסטו נאָך אַלץ אין זייער אָנוועזענהייט. זיי זענען אַרום דיר ווי שטילע באַוואוינערס פון דיין הויז. דערפאַר מאַכען זיי ניט שלום מיט דעם איינדרוק, וואָס איז פאַרביילויפענדיג און מאָמענטאַל, מיט אָט דעם אומפאַרמיידליכען באַגלייט־טאָן פון דעם אימפּרעסיאָניזם. זיי טראָגען אריין דעם כאַראַקטער פון עפּעס סובסטאַנציעלעס, בעת דער אימפּרעסיאָניזם שטימט אונז אָן און פירט אונז צו דער אומרוהיגקייט פון דעם אויגענבליקליכען. שטעלט זיך פאָר אַז אימפּרעסיאָניסטישע מאָלעריי אינעווייניג פון אַ וואוינונג און אייך וועט זיך אויסווייזען, אַז מען צווינגט אייך יעדען טאָג אויסצוהערען דעם זעלבען וויץ. ער איז אפשר גאָר ניט

בראַדער קריסטיאַנסען

שלעכט, אבער זיין טאג־טעגליכע ווידערהאלונג איז ניט אריבערצוטראגען. פונקט אזוי איז די פאראייביגונג פון דעם רגע'דיגען אין דער אימפרעסיאניסטישער מאלעריי און פלאסטיק — אן אומערטרעגליכע געשמאקלאזיגקייט.

אן אנדער זאך איז דער גראפישער בלאט. זיין ארט איז אין א מאפקע, וואו ער ליגט אין רוה און אין פארגעסענקייט, ביז עס קומט א פארלאנג נאך אמאל א קוק צו טאן אויף אים. און ווען ער האט זיינם אפגעזאגט, לייגט מען אים ווידער אוועק. אזוי טראגט ער אין זיך גופא דעם כאראקטער פון עפעס באוועגליכעס, ניט שטאנדהאפטיגעס. ער באפרידיגט זיך מיט א שנעלען בליק און קערט זיך דאן שטיל צוריק צו זיין פארגעסענקייט. דעריבער איז פאר אים ניט אפשטויסענד דער איינדרוק פון דעם מאמענטאלען: פארקערט דאס לעצטע איז אים נאהענט, פארוואנדט. דער אימפרעסיאניזם גופא איז דאך אויסגערעכענט אויף א שנעלער ווירקונג. דאס געמעל ווארט רוהיג ביז „די לאנגזאמע פייל פון זיין שעהנקייט" וועט דיך ניט טרעפען; עס וויים, אז דו וועסט לאנג שטעהן פאר אים און איילט זיך דעריבער ניט מיטאמאל געגעצליך צו אנטפלעקען זיך פאר דיר. דאס בלעטעל דאגעגען, מוז זיך איילען, מוז דיך פארכאפען, ווי מיט איין שפרונג, ווייל ער וועט דאך ניט לאנג פארבלייבען אין דיינע הענט. און אט פאר דעם שאפט דער אימפרעסיאניסטישער מעטאד ניט נאר א טעטיגע הילף, נאר אויך א סטיליסטישען צוזאמענקלונג.

דערפון איז פארשטענדליך, פארוואס די קינסטלער־אימפרעסיאניסטען זענען ס'רוב גוטע גראפיקער און שלעכטע מאלערס. געוויס די אויסגעהאלטענקייט פונ'ם סטיל מיינט נאך ווייט ניט קיין קונסט, און פארקערט, עכטע קונסט געהט ניט אונטער צוליב סטיליסטישע פעלערען. אפילו מיט זיי האלט זי אן איר אומצווייפעלהאפטען ווערט, כאטש זי פארלירט צוליב זיי די פולקייט פון איר ערפאלג. פארגלייכט טריבנער'ען אין די עלטערע יארען מיט זיין יוגענד, אדער וואן־האגס פארטרעט מיט די פארטרעטען פון די אלטע האלענדער,

און איר וועט באַדויערען די אימפּרעסיאָניסטישע אנטאַרטונג פון זייער מאַלעריי.

און אויב אַזוי פיל בעסערע קינסטלער האָבען אין אונזער צייט געבויגען דעם קאָפּ פאַר דעם אינפּרעסיאָניזם, איז שולדיג דערין אפשר די אַלגעמיינע סטיליסטישע צופאַרענקייט פון אונזער עפּאָכע. חוץ דעם שפּירען אַ סך קינסטלער אין דער געשטאַלט פון דעם אימפּרעסיאָניזם אַ פאַרוואַנדטען עלעמענט — דעם דיאַפּאַזאָן פון דער צייט. דער אימפּרעסיאָניזם וויל זיך דורכשלאָגען אַ וועג און באַנוגענט זיך ניט מיט די באַשיידענע מעגליכקייטען פון דער גראַפּיק. צו שווער־געוויכטיג צו אַנטפּלעקען נייע מעגליכקייטען, לאָמיר זאָגען לויט דעם מוסטער פון דעם יאַפּאַנישען וויקעל־געמעל, רייסט ער זיך דורך דאָ, וואו עס איז גאָר ניט זיין אָרט — אין דער מאַלעריי. אָט די ערשיי־נונג האָט נאָך אַ באַזונדערע אורזאַך. אין איר האָט זיך אויך ארויס־געוויזען דער איינפלוס פוּן אונזערע קונסט־אויסשטעלונגען. גרויסע, זיך שנעל ענדערענדיגע בילדער־מערק פאַרקריפּלען אומבאַדינגט דעם כאַראַקטער פון די ווערק. זיי מעקען אָפּ זייער אייגענטליכען ציל: צו געפינען פאַר זיך אַ פעסטע היים אין אַ רוהיגען, אינערליכען רוים. אויף דער אויסשטעלונג איז דאָס געמעל ניט ביי זיך אין דער היים און — אַליין אַ פאַרביילויפענדער פּאַסאַזשיר — באָט עס זיך אָן צו צושויערס, וואָס איילען פאַרביי. עס דאַרף ווירקען שנעל, ווייל מען גיט אים צו ווייניג צייט. און דאָס געמעל מוז ווירקען, מחמת עס וויל ניט פאַרבלייבען אין שאָטען, עס וויל אַרויסשיינען פון צווישען אַנדערע. אַזוי דאַרף דער קינסטלער צופּאַסען זיין ווערק צו אָט די פאָדערונגען פון דער אויסשטעלונג. און דעריבער איז עס געצוואונגען צו רעכענען אויף דער ווירקונג פון אַ מאָמענט, ווי אַ בלעטעל פון דער גראַפּיק. אַבער דאָן איז עס שוין ניט אומשטאַנד צו ראַנגלען זיך מיט דעם אימפּרעסיאָניזם. און הינטער אָט די קליינליכע, מאַרק־אינטערעסען פאַרגעסט עס שוין זיין אורשפּרינגליכען באַרוף, פאַר־געסט עס וועגען דעם, אַז עס דאַרף אַריין אין אַ דויערענדער באַהעפ־טונג מיט די מענשען, וואָס וואָלטען עס געקאָנט ליב קריגען.

VIII.

צוויי פּראָבלעמען פון דעם פּאָרטרעט.

א דאנק זיין באזונדערען געגענשטאנד, ווי אויך א דאנק דעם, וואס דער פארטרעט איז פארבונדען מיט צילען, וועלכע ליגען אן א זייט פון די עסטעטישע אינטערעסען, אנטשטעהען פאר דער פארטרעט־קונסט עטליכע באזונדערע פראבלעמען. יעדענפאלס איז דא דער צענטער פון אט די פראבלעמען, כאטש זיי קאנען אויך האבען א מער אלגעמיינע באדייטונג. די ערשטע פראגע איז: ווי אזוי ב א ־ ל ע ב ט דער פארטרעט זיין געגענשטאנד.

פון אן אויפגעמאלטען קאפ פאדערען מיר קודם כל, אז ער זאל „לעבען". בעת מען באטראכט אים, טרעט אין אנהויב די פראגע וועגען דעם קונסט־ווערט אינגאנצען צוריק אויפ'ן הינטערשטען פלאן. דאס פנים דארף זיין אויסדרוקספול־לעבעדיג, און וואס אינטענסיווער זיין לעבען — אלץ בעסער. מיר פאראכטען א פאטאגראפישען פארטרעט ניט נאר דערפאר, וואס ער איז עסטעטיש פון קליינעם ווערט, נאר אויך דערפאר, וואס ער האט ניט קיין לעבען. אויב די פאטאגראפיע כאפט יא אויף דאס „לעבען", איז דאס בלויז דורך א צופאל. זי כאפט ארויס אן איינצעלנעם מאמענט פון דער צייט, שטעלט אים איינזאם אוועק, גיט אים דויערהאפטיגקייט און באשאפט אן איינדרוק פון עפעס, וואס איז פארשטיינערט און לעבענסלאז. די קאנטינואירטע עקזיסטענץ פון איין פארגליווערטען מאמענט איז אן אפלייקענונג פון דעם לעבען.

אבער פון דעם פארטרעט פאדערען מיר לעבעדיגקייט דערפאר, וואס דא איז געגעבען די גרעסטע מעגליכקייט פון א מיטפילענדיג לעבען, ווי אויך כדי אים לאנג צו קאנטעמפלירען און צו פירען א שמועס מיט אים. עס קאן זיין, אז דא רעדט אויך די שטים פון דעם טירישען אינסטינקט, וועלכער שרעקט זיך פאר דער אומבאוועגליכקייט פון א פארוואנדטען ארגאניזם.

וואס הייסט לעבען? היפוך פון לעבען איז פארשטיינערקייט,

בראדער קריסטיאנסען

די אומבאוועגליכע דויערהאפטיגקייט פון דעם אידענטישען. פאר'ן לעבען איז, אלזא, נויטוועגדיג באוועגונג און א רייפאלגענדע ענדערונג פון ניט דיזעלבע צושטאנדען. און דער פארטרעטיסט וואלט געדארפט אויף דעם געמעל געבען אט די ריי־פאלגונג, וואס פארבלייבט פונדעסטוועגען אומפארענדערט אין דער פארם, ווי זי איז געשאפען געווארען.

אט דא האבען מיר די פראבלעם: ווי אזוי קאן א פראצעס, וואס פליסט צייטליך, אין דער פארם פון ענדערונג און באוועגונג, ווי אזוי קאן דאס לעבען פארגעשטעלט זיין אין א בילד, אזוי אז דער צושויער זאל עס עמפינדען, ווי אן איבערטויש פון אומגלייכע צושטאנדען?

דא ליגט דער אימפרעסיאניזם פאר זיין שטיצע. ער קאן דאך איבערגעבען א קערפערליכע באוועגונג, און מיט זיין הילף, ווען ער קריגט א מימישע באדייטונג, אויך אן איבערטויש אין דעם פסיכישען לעבען. מען מוז צוגעבען, אז דער אימפרעסיאניסטישער מעטאד גיט איבער אויסדרוקספולער און רעליעפער, ווי יעדער אנדערער, די אוממיטעלבארע באוועגונג. האקוסאי און סלעפאגט זענען פארטרעפליכע מייסטערס. דער פאר טאקע האט דער אימפרעסיאניזם ליב דעם מאטיוו פון באוועגונג, ווייל ער פילט אין אים זיין קראפט. זיינע טעארעטיקער חנפ'ענען אים, באהויפטענדיג, אז די באוועגונג איז עסטעטיש ווערטפולער ווי יעדער אנדערער צושטאנד פון דעם געגענשטאנדליכען. די מעגליכקייט בילדליך איבערצוגעבען באוועגונג, כאטש זי איז לויט איר עצם א ריי־פאלגונג און זעצט דעריבער קענטיג פאראויס אן איבערטויש פון בילדער פאר איר איבערגעבונג, אט די מעגליכקייט איז דעם אימפרעסיאניזם געגעבען דורך דער באזונדערער אייגענשאפט פון אונזער רעטינע. אזוי ווי זי איז, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען, טעכניש ניט פולקאמען, האלט זי אן פאר א געוויסער צייט די אויגענבליקליכע אפטישע אויפרעגונג — איבער די גרעניצען פון דעם מאמענט. ביי דער באאבאכטונג פון עפעס פארענדערליכעם ליגט זיך יעדער נייער איינדרוק אויף דעם נאך פארבליבענעם, גיסט זיך צענויף מיט דעם לעצטען, און באשאפט א זינלי־

כען קאמפלעקס, מיט ספּעציפישע אייגענשאפטען. אז און פאר זיך קאן ער ניט איבערגעטראגען ווערען אויף דעם געמעל צוליב דער ריי אנשיכטונגען און צענויפפלעכטונגען, וואס לייגען זיך נאך מערסטענטיילס אויף די זייטיגע פונקטען פון אונזער רעטינע. אט דער זינליבער איינדרוק פון באוועגונג טאר ניט האבען קיין ממשות׳דיגע בולטקייט פון פארמען, אבער ער קאן איבערגעגעבען ווערען אימפּרעסיאניסטיש, ווי מיר האבען אויבען אנגעוויזען, מיט דער הילף פון גראפישע אנאלאגיעס. „ווי אזוי“. — דאס קאן מען אויספארשען ביי סלעפאגטען. אויף אזא אופן אנטשפּרעכט די אימפּרעסיאניסטישע איבערגעבונג פון באוועגונג גענעטיש די איינדרוקען פון דעם קינאמאטאגראף. דאס רופט ארויס נאך אן ענליכקייט אין באראקטער. די אימפּרעסיאניסטישע איבערגעבונג איז איילענדיג, האסטיג און שארף־אפגעריסען. זי האט אין זיך עפּעס, וואס דערמאנט די מעכאנישקייט פון א זייגער, וואס סקריפּעט אפּ און בלייבט שטעהן. זי איז ענליך אויף פאפוגאיען, וועלכע שרייען אייביג דאסזעלבע אויסגעלערנטע ווארט, אדער אויף דער פראזע פון א פאנאגראפישער פלאטע. אזא באוועגונג מיינט אין דער מימיק א גרימאסע, און די יאפּאנישע אימפּרעסיאניסטען — ווען זיי ווילען עס — זענען פארטרעפליכע מאלערס פון גרימאסען.

אבער דער פארטרעט פאדערט א גאר אנדערע לעבעדיגקייט. ער פארלאנגט א „לעבען“, וואו עס הערשט רוהיגקייט, וואס קאן גענוועהרען, צווינגען דיך זיך אפּצושטעלען אויף אים, וואס וועט דיך פארהאלטען אין שטילער קאנטעמפּלאציע. דאס האסטיגע בליצען און די גרימאסען פון דער אימפּרעסיאניסטישער באוועגונג דערלאזען בלויז א פלינקען קוק. בכלל פארט זיך דער אימפּרעסיאניסטישער מעטאד שלעכט מיט דעם סובסטאנציעלען אין דער מאלעריי, און באזונדערס איז די אימפּרעסיאניסטישע באוועגונג אין ווידערשפּרוך צום רוהיגען שטראם פון דעם זעלישען לעבען, וואס דער פארטרעט פאדערט. די ערנידריגונג פון דעם מענשליכען, וואס איז בכלל כאראקטעריסטיש פאר אט דעם מעטאד, ווערט נאך ערגער, ווען ער וויל מיט זיינע מיטלען איבערגעבען א פסיכישע באוועגונג.

בראָדער קריסטיאַנסען

די אימפּרעסיאָניסטישע מיטלען טויגען זיך, אַלזאָ, ניט אַהער. מען מוז באַנוצען אַנדערע, און דאָס באַווייזען די ווערק פון די גרויסע פּאָרטרעט־מייסטערס אין האָלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע. ווען מיר שטעהען פאַר אַזאַ פּאָרטרעט און ווילען אויפכאַפּען, ווי אַזוי דער קינסטלער האָט אונז געגעבען זיין לעבעדיגקייט, דאַכט זיך אונז, אַז דער אויסדרוק פון׳ם פּנים בייט זיך, אַז נאָך איין שטימונג קומט אַ צווייטע, און נאָך דער צווייטער, אפשר, ווידער די ערשטע, און דאַן ווייטער אַ נייע, און אַזוי ווייטער. אַ באַוועגונג, וואָס איינס קומט רוהיג נאָכ׳ן אַנדערען, און וואו עס קלינגט פונדעסטוועגען כסדר אַלץ דערזעלבער גרונד־טאָן.

מיר וועלען אפשר אויך געפינען, פאַרגלייכענדיג איין פּאָרטרעט מיט אַ צווייטען, אַז זייער לעבעדיגקייט שטעהט אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיט זייער רוימליכער מאָס. צוזאַמען מיט דער גרייס פון אַ פּאָרטרעט וואַקסט אויך ניט בלויז די פולקייט פון זיין לעבען, נאָר אויך די זיכערקייט פון זיינע אויסדרוקען, קודם כל די רוהיגקייט פון זיין גאַנג. די פּאָרטרעטיסטען וויסען פון ערפאַרונג, אַז אַ גרעסערע קאָפּ „רעדט" לייכטער. און ווען מיר זעצען פאָרט די באַאָבאַכטונ־גען, באַמערקען מיר, אַז אונזער בליק בלאָנדזשעט אַהין און צוריק איבער׳ן פּאָרטרעט: פון׳ם אויג צום מויל, פון איין אויג צום אַנדערען און צו אַלע איבעריגע מאָמענטען, וואָס אַנטהאַלטען דעם אויסדרוק פון געזיכט. ער טאַפּט אַן די פאָרמען פון די קאָנטורען, ווענגט אָפּ די פאַרהעלטעניש פון די אויבערפלאַכען, און קערט זיך כסדר צוריק צום אויג. דאָ רוהט ער אָפּ נאָך אַלע בלאָנדזשענישען. און מיר מיי־נען, אַז אפשר עקזיסטירט אַ געוויסע פאַרבינדונג צווישען אָט דעם בלאָנדזשען פון אונזער בליק און דער נויטיגער מאָס. אַ גרעסער זעה־פעלד מאַכט לייכטער די פולע אָפּוועגדונג פון אויג פון איין געווי־סען פונקט און זיין פרייע באַוועגונג אין אַלע ריכטונגען. אַזאַ גרע־סער זעה־פעלד פאָדערט זיך שוין צוליב דעם, כדי דער בליק זאָל קאָנען צענויפזאַמלען די עלעמענטען פון דעם גאַנצען. די אינטענ־סיווקייט פון דעם פּאָרטרעטס לעבען וועט דעריבער זיין אָפּהענגיג אַן

דער רוהיגקייט און פולקייט פון דער בליק־באוועגונג, וואס קאנטעמפלירט און זאמעלט.

געהענדיג ווייטער, געפינען מיר, אז אונזער בליק זאפט אין זיך אריין פארשידענע מאמענטען, לויט ווי ער גליטשט זיך איבער פארשידענע פונקטען אויף דעם בילד און שטעלט זיך אפ אויף זיי: פארשידענע אויסדרוקען פון פנים, פארשידענע שטימונגען. אבער אלע, נים קוקענדיג אויף זייער אומענליכקייט, קאארדינירען זיך ווידער צווישען זיך, ווי דערגרענעצענדע פארבען אדער הארמאניש געמאסטענע קלאנגען. צוזאמען מיט דעם בלאנדזשען פון דעם בליק, בייט זיך, דאכט זיך, אי דער אויסדרוק אי די שטימונג פון די פארטרעטען, און עס אנטשטעהט א הארמאנישע ריי־פאלגונג.

איצט דערוויסען מיר זיך, וואס פאר א מיטעל עס באנוצען גרויסע קינסטלער כדי צו באלעבען א פארטרעט. דאס איז די פיזיאנאמישע ניט־צענויפפאלונג פון די פארשידענע פאקטארען פון דעם געזיכטס־אויסדרוק. געוויס איז מעגליך, און עס דאכט זיך — אבסטראקט גערעדט — אז עס איז אויך פיל נאטירליכער, אז דער קינסטלער זאל אין די ווינקלען פון מויל, אין די אויגען און אין אנדערע טיילען פון פנים לאזען אפשפיגלען איין און די זעלבע זעלישע שטימונג; אז אט די לעצטע זאל זיך אויך כסדר צוריקקערען אין דער אייגענער מעלאדיע פון די קאנטורען, פארבען און אלע אנדערע פארמען, מחמת אין אלץ לייכט דאך דורך דאס זעלביגע זעלישע לעבען. דאן וואלט דער גאנצער פארטרעט געקלונגען אין איין איינציגען טאן, וואס וואלט פארשטארקט געווארען דורך אלע רעזאנאנסען. אבער ער וואלט דאן געוועזן ווי א זאך, וואס קלינגט טאקע, אבער וואס האט ניט קיין לעבען. דער פאר דיפערענצירט טאקע דער קינסטלער דעם זעלישען אויסדרוק און גיט צו איין אויג אביסעל אן אנדער אויסדרוק, ווי דעם צווייטען; דאס זעלבע מיט די פאלדען פון מויל, און אזוי אומעטום. אבער פשוטע אונטערשידען זענען ניט גענוג. זיי דארפען האבען א הארמאנישע פארהעל־

טעניש איינס צום אנדערען. צווישען זיי דאַרף פאַרקומען דאָס, וואָס מיר האָבען ביים אַנאַליז פון דעם סטיל אָנגערופען די צעטיילונג פון די פונקציעס. צווישען זיי דאַרף עקזיסטירען אַ טעלעאָלאָגישע אָנשטרענגונג, וואָס זאָל מעגליך מאַכען די באַוועגונג פון דער ציל־פאַראויסזעצונג צום ציל. וואָרים אַט דער פּראָצעס איז אַ וועזענטליכער באַדינג פון אַ קונסט־ווערק. די דערמאָנטע אונטערשידען דאַרפען דעריבער זיין אַזוי אונטערגעשטראָכען, אַז איין פאַקטאָר זאָל ווערען דער דאָמינירענדער און דער פינאַל פון דער באַוועגונג. פאַר אַט דעם צוועק איז אַם בעסטען, נאַטירליך, צוגעפּאַסט דאָס אויג. דאָס לעצטע דאַרף קריגען אַזאַ אויסדרוק, אַז עס זאָל ווערען דער גרונד־טאָן און די דערגענצונג צום אויסדרוק פון יעדען אַנדערען פיזיאָנאָמישען און פאָרמאַלען מאָמענט.

דער וויכטיגסטער מעלאָדישער מאָטיוו פון'ם פּנים ווערט געגעבען דורך דער געגענזייטיגער באַציהונג צווישען מויל און אויג. דאָס מויל רעדט און דאָס אויג ענטפערט. אין די פאָלדען פון'ם מויל קאָנצענטרירען זיך די אויפרעגונג און אָנגעשטרענגטקייט פון דעם ווילען, אין די אויגען הערשט די ערלייזענדע רוהיגקייט פון דעם אינטעלעקט. אַט די געגענזעצליכקייט איז וואונדערבאַר אויפגעכאַפּט אין דעם פּראָפיל פון האָלביינ'ס עראַזם. דאָס מויל רעדט וועגען דער אָנגעשטרענגטקייט פון דער זוכעניש און! וועגען דער שטרענגער דיסציפּלין פון דעם געדאַנק; דאָס אויג — וועגען דער ראַפינירטער פרייד פון אַ געלונגענער סענטענץ. דאָס מויל פאַרראַט די אינסטינקטען און אַלץ, וואָס דער מענש האָט געוואָלט און וויל דערגרייכען; דאָס אויג אַנטפּלעקט, וואָס דער מענש איז געוואָרען — אין דער פרייד פון זיג אָדער אין דער מידקייט פון רעזיגנאַציע.

דעם בויגען פון קלענערער אָנשטרענגונג וואַרפען די פּאָרטרעטיסטען אַריבער פון איין אויג צום צווייטען. זיי גיבען צוביידע אויגען אַ פאַרשידענעם עמאָציאָנעלען אויסדרוק. דערביי ווערט נאָך איינס אונטערגעשטראָכען דורך דעם אַקצענט און ווערט דער פינאַל, כדי די טעלעאָלאָגישע פאַרהעלטעניש זאָל זיין בשטימט און ניט קאָנען איבערגעקערט ווערען. מאַנכע קינסטלער ווענדען זיך צו אַט דעם מיטע־

עפטער, מאנכע — זעלטענער, אבער קיינער לאזט אים ניט איבער אינגאנצען אומאויסגענוצט. ביי דירער'ן איז דער פיזיאנאמישער חלוק פון דעם אויסדרוק פוןביידע אויגען אפט זעהר שארף. אויף דער פארטרעט־צייכענונג פון זיין אלטער מוטער, באדייט די שטימונג פון דעם רעכטען אויג אן אנגעשטרענגטקייט, וואס גרעניצט מיט וואהנזין, און אונזער בליק טרעט מיט אנגסט אפ צום צווייטען אויג, כדי צו געפינען דארט שוץ. און דאס, וואס דאס דאזיגע אויג, מיט זיין אייגענער פיין און טעמפער אונטערטעניגקייט דארף נאך ווערען אן אנטריננונגס־פלאץ פאר אונז — דאס איז דאס דערשיטערענדיגסטע אין דעם בילד.

אויף דעם זעלבען אופן קאנען אויך אנדערע פאקטארען פון דעם געזיכטס־אויסדרוק ווערען דאס געגענגעוויכט צום עמאציאנעלען אינהאלט פון דעם דאמינירענדען אויג, ווי אויך אלץ, וואס דריקט אויס די אייגענטליכע שפראך פון די איינצעלנע פארמען. דאן גליטשט זיך אונזער בליק, לאזט זיך ווידער און ווידער אוועק פון דעם רוה־פונקט און געפינט אלץ נייע אויפרעגונגען און פראגען, וואס ווערען ביי זיין צוריקקער געלייזט אין דעם גרונד־טאן פון דעם אויג. און אין זיין רוהיגער, ברייטער באוועגונג — אהין און צוריק — זאמעלט דער בליק די רייפאלגונגען פון די אנגעשטרענגטקייטען און לייזונגען, פון די צוואנגען און ערפילונגען, וועלכע ווערען פון אונז עמפונדען, ווי דער אטעם פון א געזונט לעבען.

אין דעם פארטרעט געהערט די אויבערהאנט דעם געגענשטאנדליכען. שוין צוליב דעם, וואס דאס מענשליכע פנים איז פאר דער קונסט דער באדייטענדסטער פון די עמפירישע אביעקטען. זיין דירעקטער בייטראג צום ווערט פון דעם ווערק קאן זיין גרעסער, ווי דער בייטראג פון וועלכען עס איז אנדערען אביעקט. א דאנק דער געוואוינהייט איז דאס מענשליכע פנים פאר אונז די זיכליכע אפשפיגלונג פון דעם זעלישען לעבען. מיר זעהען דא די פסיכישע פול־

קאַמענקייט מיט דערזעלבער אוממיטעלבאַרקייט, מיט וועלכער מיר כאַפּען, למשל, אויף די טיפקייט אין דער פּערספּעקטיווער פאַרשטעלונג פון רוים. עס איז אויך דעם פּאָרטרעטס ציל אַרויסצורוקען אין פראַנט דאָס געגענשטאַנדליכע. דער פּאָרטרעט וויל דאָך — דאָס מאַכט אים טאַקע פאַר אַ פּאָרטרעט — פאַרשטעלען אַן אינדיווידועל באַשטימטען מענש אַזוי, ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. דערפאַר איז דער ציל פון *ענליכקייט* אַ וועזענטליכער באַדינג פון דעם פּאָרטרעט. דער קינסטלער קאָן אויפ׳ן מאָטיוו פון אַן אינדיווידועל פּנים באַשאַפען אַ ווערק, וואָס וועט אויך אָהן שום ענליכקייט האָבען אַן עסטעטישען ווערט. אָבער בלויז אין דעם פאַל, ווען ער וועט זוכען צו געבען ענליכקייט און דערגרייכען עס, וועט עס זיין אַ פּאָרטרעט.

די באַציהונג פון דעם קינסטלער צום געגענשטאַנדליכען קריגט דעריבער אין דעם פּאָרטרעט אַן אויסשליסליכען כאַראַקטער. אין אַנדערע פאַלען נעמט ער איבער פון דער ווירקליכקייט דאָס, וואָס ער דאַרף האָבען, און קימערט זיך ניט וועגען דעם, צי דער געגענשטאַנד איז טאַקע אַזוי, ווי ער מאָלט אים אָדער ניט. דאָ אָבער איז ער געבונדען דורך אַ טייל ווירקליכקייט. ער דאַרף אָט דעם טייל איבערגעבען אַזוי ווי ער איז. ער איז געבונדען דורך אַלע צופעליגקייטען פון אַ פאַקט. אָט דער טייל ווירקליכקייט בינדט אים נאָך מער דערפאַר, וואָס זי פּרעטענדירט צו זיין *אַלץ* אין זיין ווערק. דער פּאָרטרעט דאַרף ווערען דאָס בילד פון אַן אינדיווידועלען מענש פון זיינע קערפּערליכע און זעלישע אייגענשאַפטען, און ער דאַרף ניט צולייגען קיין שום זאַך, וואָס געהערט ניט צו אָט דעם מענש.

דער פּאָרטרעט דאַרף פונדעסטוועגען זיין אַ קונסטווערק, און דערפאַר איז נויטיג עפּעס מער ווי אַ געוועהנליכע ענליכקייט. ניט גענוג איז אויך דאָס, ווען צוזאַמען מיט דער ענליכקייט וועלען מיר פאַר זיך האָבען אַ געשמאַקפול דורכגעפירטע קאָמפּאָזיציע אין אַ שעהן־אויסגעפּלאַנטע אויבערפלאַך. דאָס דעקאָראַטיווע איז בלויז אויסערליך פאַרבונדען מיט דער קונסט, אַלס מיטעל צוצוציהען און צו פאַרהאַלטען דעם צושויער. די עלעגאַנץ פון די פאָרמען שאַפט ניט קיין

עסטעטישען זעלבסט־ווערט, און איז אַן און פאַר זיך קיינמאָל ניט געגינגענד. אויב דער פאַרטרעט דאַרף זיין קונסט, און הויכע קונסט, איז נויטווענדיג די דערהויבונג פון דעם אביעקטיווען אויף דער מדרגה פון דעם מעטאַפיזישען. ווייל אין דעם האָבען מיר געפונען דעם סמן פון קונסט, אויב זי שטרעבט צו זיין ניט בלויז אַן איינפאַכע באַפּצונג אָדער פאַרוויילונג אין א ליידיגער צייט.

די דאָזיגע דערהויבונג צום מעטאַפיזישען ווערט אין די מערסטע ווערק דערגרייכט דורך דער אייגענטליכער שפּראַך פון די פאָרמען. אין דער מוזיק איז דאָס אזוי שוין דערפאַר, וואָס דאָ איז ניטאָ קיין פאָרשטעלונג פון דעם געגענשטאַנדליכען. דערפאַר בלייבט אין דער מוזיק דאָס מעטאַפיזישע ניט־געגענשטאַנדליך, כאָטש זי פאַרקינדיגט באַשיינפערליך די נאָהענטקייט פון דער העכערער ווירקליכקייט. ווען אבער דאָס ווערק ליגט פאַר אַ געגענשטאַנדליכעס, וואָס איז פעהיג אויפצונעמען דעם ווערט פון דער פאָרם, פאַרקערפּערט זיך דאָס מעטאַפיזישע אין אים. דאָס קומט שוין פאָר מיט פייזאַזשען. נאָך לייכטער ווערט עס דערגרייכט ביים פאָרשטעלען דאָס מענשליכע, און עס ווערט אומפאַרמיידליך אין דעם פאָרטרעט. וואָס מאַכט דאָס מענשליכע פאַר דעם וויכטיגסטען און, אייגענטליך, אפילו איינציגען אינהאַלט פון דעם ווערק. אַלע פאָרמאַלע ווערטען פון דעם פאָרטרעט ווערען אריינגעלייגט אין דער זעלישער וועלט פון דעם פאַרגעשטעלטען, אלס סובסטאַנץ אָדער אלס איבערלעבונג פון מאָמענט, און ווערען פאַראייניגט דערמיט, וואָס איז שוין געגעבען אין די פיזיאָנאָמישע שטריכען. יעצט ווערט פאַרשטענדליך, ווי אזוי דער קינסטלער קאָן אַ דאַנק דער שפּראַך פון זיינע פאָרמען דערהויבען דעם פאָרטרעט אויף דער שטופע פון דעם מעטאַפיזישען. אבער עס אַנטשטעהט די פראַגע: ווי פאַרט זיך דאָס צענויף מיט דעם אמת׳ען ציל פון דעם פאָרטרעט — אויפצומאָלען אַן אינדיווידועלען מענש אין זיין גאַנצער ווירקליכער אייגענאַרט און אים ניט געבען קיין שום פרעמדעס?

דער פאָרטרעט מוז דאָך זיין ענליך און ער טאָר ניט אריינברענגען קיין שום פרעמדעס. וועט עס ניט זיין אַ פעלשונג, ווען צוזאַמען

מיט די פאָרמאַלע ווערטען ווערט אין דעם זעלישען לעבען אריינגעשלאָסען עפּעס, וואָס ליגט אויף יענער זייט גרעניץ פון איר ווירקליכקייט?

עס פּאַסירט דאָך אַזוי זעלטען, אַז די פאָרגעשטעלטע פּערזאָן זאָל אין לעבען זיין אַן אַנזעהעוודיגע פאַרקערפּערונג פון דעם מעטאַפיזישען. וואָן־עיק מוז מאָלען די בראַווע בויערס פון אַן אַלטאַרצירען — די שטאָדטישע פּני אָדער עטליכע קייסאָרים, וועלאַסקעס — עטליכע הויפליים. וואָס פאַר אַ הערואָישעס קאָן מען געפינען אין זיי? דאָס זיינען וואָכעדיגע מענשען מיט וואָכעדיגע פּנים'ער.

די פראַגע באַשטעהט אין פאָלגענדען: *ווי פּאַרט מען צענויף דעם פּאָסטולאַט פון דער ענליכקייט אין דעם פּאָרטרעט מיט דעם פּאָסטולאַט פון דעם מעטאַפיזישען אינהאַלט?* ווי אַזוי קאָן אַ ווערק לויט זיין זין שטעהן אויף איין שטופע מיט בעטהאָווענס מוזיק און זיין דערביי סך הכל אַן איינפאַך, אמת'דיג בילד פון אַ וואָכעדיגען מענש, ווי באַלד אַלע ווערטען אויפ'ן פּאָרטרעט, וואָס ווערען באַשאַפען דורך די פאָרמען, ווערען אומבאַדינגט אָביעקטיווירט און אריינגעלייגט אין דער נשמה פון דעם פאָרגעשטעלטען, ד. ה. ווערען געמאַכט אַ טייל פון אים? דאָס צוזאַמענזיין פון אָט די אין פלוג ניט צענויפפאַלענדע פּאָסטולאַטען גיט זיך איין דאָן, ווען מיר געפינען אין דעם מענש, אין די אַנלאַגען פון זיינע מאָראַליש־העראאישע דראַנגען — *די מעגליכקייט* פון אַ מעטאַפיזישער דערהויבונג; אַ מעגליכקייט, וואָס ווערט אפשר זעלטען, אפשר קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט, וואָס האָט דעריבער אַבסאָלוט גאָרנישט אריינגעטראָגען אין דער אויסערליכער געשטאַלט פון דעם אינדיוויד, וואָס קאָן אָבער פונדעסטוועגען ניט זיין אין ווידערשפּרוך צו אים — די מעגליכקייט זיך צו פאַרטיפען אין אַן אַנדער ווירקליכקייט. אַמאָל פּאַסירט עס מיט מענשען, אַז פּלוצלינג, אינדערמיט פון זייער טעגליכער אַרבייט, רירען זיך זייערע געדאַנקען אָן אַן דעם מעטאַפיזישען, און זיי זעהען זייער וואָר־עדיג לעבען עפּעס ווי אין אַ ווייטקייט. אָדער

עס טרעפט מיט דעם מענש — אויף איין אויגענבליק — א פארוואנדלונג, ווען ער קוקט אריין אין די אויגען פון א פריינד, אדער ווען ער איז דער בייוואוינער פון א שעהנער האנדלונג. אט די מעגליכקייט האבען די מייסטערס פון נעם פארטרעט שטענדיג געקאנט באהערשען מיט דער דורכדרינגליכקייט פון זייער קינסטלערישען אינסטינקט. זיי האבען זיך ניט באנוגענט מיט דעם ציל — אויפצוצייכענען א שטיקעל זעלישע ווירקליכקייט אין איר כאראקטעריסטישער אייגענארט. נאר זיי האבען זיך געשטעלט די אויפגאבע אויפצומאלען דעם אינדיווידועלען „איך“ אין יענעם מאמענט, ווען ער איז פארכאפט פון דעם מעטאפיזישען. ווי ברעכט זיך דורך אזא איבערלעבונג אין אט דעם באזונדערען אינדיוויד? אפשר ווייס אט דער מענש בלויז די וואכעדיגקייט אליין, אדער דער קינסטלער געפינט אים בלויז אין אזיינע וואכעדיגע שטימונגען. דאן דארף ער זיין אימשטאנד צו באשאפען דעם מענש מיט דער הילף פון דער אינערליכער אינטואיציע. ער דארף אין זיין פאנטאזיע שעפפעריש פארענדיגען יענע מעגליכקייט, וועגען וועלכער מיר האבען גערעדט. ער דארף זיך אין א זעהונג פארשטעלען אט דעם איינצעלנעם מענש אזוי, ווי ער וואלט געוועזען אין זיין מעטאפיזישער שעה. קאנקרעט גערעדט, דארף דער פארטרעטיסט, ניט פארלירענדיג די אינדיווידועלע אייגענטימליכקייטען פון זיין מאדעל, אים צוגעבען אזא פיזיאנאמישען אויסדרוק, וואס באדייט א דערוויטערקייט פון דער ווירקליכקייט, אפגעשיידקייט, פארגעסונג פון דעם עמפירישען. דאס איז א גאנץ באשטימטער אויסדרוק, וואס קאן ערשיינען ביי יעדען איינעם; אבער ביי יעדען איינעם — אין זיינע באזונדערע פארמען. דא פארבלייבט דער קינסטלער אין די גרעניצען פון דער פארגעשריבענער ענליכקייט, ווייל ער טרעט ניט אריבער די מעגליכקייטען פון דער געגעבענער אינדיווידואליטעט. פון דער אנדער זייט מאטיווירט אט דער פיזיאנאמישער שטריך די אנוועזענקייט פון די העכסטע ווערטען: דער קינסטלער קאן איצט אין דער מעלאדיע פון זיינע פארמען אריינשליסען דאס מעטאפיזישע, מחמת עס ווערט

בראדער קריסטיאנסען

מאטיווירט דורך דער אידעע פון דער איבער־עמפירישער ווירקליכקייט, אין וועלכע די פערזאן ווערט פארלוירען. דער העכערער ווערט — ווערט אן אינערליכע קאנטעמפלאציע.

האט זיך דיר ניט געווארפען אין די אויגען, אז די פארטרעטען פון אונזערע גרעסטע מייסטערס, אנהויבענדיג פון דירער'ן, עיקען, טיציאנען — ביז רונגע'ן, לעיבל'ען, פייערבאך'ן, טאמא'ן, אז אלע זיי, ווי שטארק זיי זאלען ניט אונטערשטרייכען די אידיווידועלע באזונדערקייט, האבען זיי פונדעסטוועגען איין אלגעמיינעם שטריך, גלייך ווי די געמאלטע מענשען וואלטען געווען פארוואנדט צווישען זיך און ניט ענליך אויף דער איבעריגער מענשהייט? אויב דו האסט זיך שטארקער איינגעקוקט אין זיי, האסטו אויך באמערקט, אז עס איז דער בליק, וואס גיט זיי צו זייער ענליכקייט. עס איז די זעלבסט־פארגעסונג פון דעם בליק, וועלכער איז אנגעשטעלט אין דער ווייט אריין, אדער וועלכער געהט אוועק אין דער טיף פון דער נשמה. אמאל ווייזט זיך אויס, אז אט דער בליק זוכט דוקא דיך. אבער געה צו נעהנטער און ער וועט דיך אפלאזען. דו פילסט, אז אין דיין עמפי־רישער ווירקליכקייט קאנסטו פאר אים ניט זיין קיין אפהאלט און קיין גרעניץ. דער בליק פון דעם פארטרעט געהט דורך דיר, גלייך ער וואלט געשטרעבט צו אן אנדער ווירקליכקייט, אויף יענער זייט לעבען, וואס איז פארבארגען פון אונז.